STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01955

DOS MEYDEL FUN VALD

Bernhard Kellermann

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. קעלערמאן

דאס מיידעל פון וואלד

(אינגעבארג)

ראמאן

אידיש: זישא לאנדוי.

1919. ניו־יארק. תרע"ט.

Copyright, 1919
by
JEWISH BOOK AGENCY, INC.

53975

1.

איך לעב איצט אין א קליין הייזעל, אין דער מיט פון א ברייטער סטעפּ. מיר איז אנגענעהם צו לעבען דאָ: עס איז דאָ אזא גראמקייט און אזא שטילקייט. קיינער קען מיך דאָ ניט. קיינער קומט ניט צו מיר. איך בין דאָ גאנץ אליין. איך קען טאָן, וואָס איך וויל. מיר איז דאָ ניט אומעטיג. מיינע טעג לויפען דאָ אריבער גאנץ שנעל. ווי עס לויפען די וואָלקענס איבער'ן הימעל, אזוי לויפען דאָ די שטונדען פון מיין לעבען.

איך בין צופרידען.

צייטענווייז דערמאָן איך זיך אָן דעם מיידעל פון וואלד. איך האָב זי ניט פארגעסען. ניין. אודאי טראכט איך שוין ניט וועגען איהר אזוי אָפט, ווי פריהער, ווען ביין אָנבליק פון יעדער בלימעלע ביין וועג, פון יעדען שטיקעל בלויען הימעל, פלעג איך אלץ האלטען אין איין טראכטען: אָה, ווען זי וואָלט עס געזעהן אָט דאָס בלימעל, אָט דאָס שטיקעל בלויער הימעל! יא, ניט אזוי אָפט, ווי פריהער, נאָר פון דעסטוועגען פון צייט צו צייט טראכט איך וועגען איהר.

זי איז געוועזן...

די צירונג פון דער וועלט פלעג איך איהר רופען, דער ליעבלינג פון די געטער. איך האָב איהר געגעבען פיעלע, פיעלע נעמען, אָבער דעם ריכטיגען נאָמען דאָך ניט געפונען.

זאָל דאָס גליק איהר באשיצען.

עס איז געוועזן איין זומער אין מיין לעבען, ווען איך בין געוועזן פארטיג זיך אָנצוטאָן, אויף דעם פאסאָן פון די אלטע גריכען, פאנאנדערלאָזען מיינע האָר, באפּוצען זיי מיט רויזען און נעהמען א גאָלדענע האַרפע אין האנד. עס איז געוועזן אזא

זומער. שוין לאנג, ווי ער איז אוועק. זי האט מיר איחם געשענקט.

זאל דאס גליק איהר באגלייטער זיין.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

זי איז ארויס פון וואלד, פון דעם פלאץ, וואו ער איז הויך און פינסטער. זי איז געווען א בלאנדע. פונקט ווי א גאלדענע איז זי ארויס פון שווארצען וואלד. וועגען דעם האב איך ניט איינמאל געטראכט.

זי איז געגאנגען איבער'ן וואלד און געזונגען, געגאנגען איבער'ן פעלד און געזונגען, זי איז אזוי געגאנגען סיי בייטאג און סיי ביינאכט. אלעס האט געקלונגען דארט, וואו זי איז געגאנגען. זי האט אריבערגעשוועבט פון איין פלאץ אויף א צווייטען, ווי א פויגעלע, האט געקושט די בלומען, די בוימער, און אויף זייערע שפיצען, האט זיך איהר אויסגעדוכט, זעהט זי וועמעס־עס־איז אויגען. זי האט געגלויבט אין וואלד־שדים.

איין מאל אין א פריהמארגען, אין צארטען פריהלינג, איז זי פלוצלונג ערשינען. גאנץ אונערווארטעט איז זי פון ערגעץ ערשינען פאר מיר. איך בין געזעסען אויפ'ן גאניק פון מיין הויז אין בארג־וואלד און האב זיך געווארימט אונטער דער זון. מיר האבען זיך אויסגעביטען מיט עטליכע ווערטער. איך געדענק זיי נאך.

עס האט מיך איבערראשט, ווי לייכט עס האט געקלונגען איהר שטימע. זי האט כמעט ווי געזונגען, און זי האט גע־האט א געוואוינהייט איינצובויגען דערביי איהר קעפעלע אויף א זייט. קיין איינציגע מינוט האט זי ניט געקענט איינשטעהן רוהיג.

אין גאנצען האט זי אויסגעזעהן אזא פייכטע, ווי א ...מעלע אין פריהמארגען. איהר קלייד איז געווען דורך און דורך נאס, אזוי זיינען אויך געווען איהרע שיך און האר, וועלכע זיינען אין גאנצע בינטלאך געהאנגען איבער איהרע שלייפען און באקען. דער טוי האט געבלישטשעט אויף איהרע ליפען און ברעמען. דער טוי און זוניגע דימענטען.

— היינט איז אזוי פייכט אין וואלד, — האט זי געזאגט,

און די שטראָמעלעך האָבן זיך געפּלאָסען איבער איהרע באַקען.
זי האָט זיך צולאַכט.

— איהר זיצט ביי זיך אין דער היים, פירשט, ווי א חיה אין דער נאָרע. וואו האָט איהר פארבראַכט דעם לאַנגען ווינ־טער?

— אין דער היים, גרעפין.

זי האָט זיך ווידער צולאַכט.

— איהר רופט מיך שטענדיג גרעפין, אָבער איך בין דאָך ניט די טאָכטער פון גראף פלוגען.

זי איז ניט די טאָכטער פון גראף פלוגען?

— דער פאַפּאַ רופט מיך אזוי, אָבער ער איז ניט מיין פאָטער, חאחאחא!

זי האָט זיך ווידער צולאַכט, און פון דער זייט געקוקט אויף מיך.

— ניין. ער האָט מיך ערצויגען, גראף פלוגען, פון מיין אכטען יאָהר אָן.

און זי האָט דערצעהלט, אז איהר אמת'ער נאָמען איז אינגעבאָרג גיזעלהער, אז איהר טאַטע איז א האָלצהעקער אין דער געגענד אָטערבריקליין; ער האָט פיעל קינדער, און דאָס ער בענקט ניט שטאַרק נאָך איהר. ווען ער צושניידט דעם ברויט ביין טיש, ציהען זיך צו איהם אזויפיעל אָפענע מיילער, פונקט ווי די פיש אין טייכעל לויפען זיך צוזאמען, אום צו כאַפּען די שטיקלעך ווייס־ברויט.

און זי האָט זיך ווידער צולאַכט און איז אוועק.

— איך דאַנק אייך פאר באזוך, פריילין גיזעלהער, — האָב איך געזאָגט.

— אָה, ניטאָ פארוואָס, — האָט זי געענטפערט און האָט געשמייכעלט. — דאָס איז גאָרניט געווען קיין בעזוך. איך בין נאָר צופעליג פארבייגעגאַנגען. צום ווידערזעהן, פירשט.

זי איז אוועק אין דער ריכטונג פון דער לאָנקע, איז אריבער־געשפּרונגען דעם גראָבען, און איז פארשוואונדען אין וואַלד.

איך האָב איהר לאַנג נאָכגעקוקט. „ווי זי האָט זיך עס דורכגעוויקט", האָב איך געטראַכט, „ווי עס האָט גערונען דער טוי איבער איהרע באַקען" און איך האָב מיך דערמאָנט אָן

איהר אויסדרוק וועגן די פישעלעך אין טייך. ווי קען עס קומען א מענשען אין קאפ אזא פארגלייך. איך האב גע־שמייכעלט.

2.

דאס איז געווען אונזער ערשטער געשפרעך. נאך דעם האב איך לאנג איהר ניט געזעהן, די טאכטער פון האלצהעקער. איך האב געלעבט רוהיג אין מיין הויז אין בארג־וואלד. עס איז געווען פריהלינג. צייטענווייז האב איך זיך דערמאנט אן איהר: ווי עס האט געשטראמט דער טוי איבער איהרע באקען! און ווען מיין בליק איז איין מאל געפאלען אויף א פערל פון עפעס א צירונג־שטיק, האב איך זיך דערמאנט אן איהרע אויגען. זיי זיינען געווען, ווי פערל, באדעקט מיט טוי.

מעהר האב איך וועגן איהר ניט געטראכט.

איך האב רוהיג געלעבט אין מיין הויז און ארומגעוואנ־דערט איבער די וועלדער.

איך דערמאן זיך אן דאס הויז, און א שטילער קומער כאפט מיך ארום. געווים איז דאס ניט קיין לעבעדיגע זאך, קיין זאך פון גייסט, נאר איך האב מיר איהם פארגעשטעלט, אלס לעבעדיג. איך האב איהם געזעהן אי אין שנעע, אי אין שטורם, אי ווען די זון האט שרעקליך געברענט. אימער־צו האט ער אויסגעזעהן גלייך רוהיג. ער האט זיך מיר אויסגע־וויזען אזא פעסטער.

דאס הויז איז שוין מעהר ניטא. פונקט ווי א וואונד לויכט זיך אין וואלד. איך אליין האב עס געמאכט די וואונד דעם וואלד־בארג איין מאל ביינאכט... נאר איך האב איהם ניט פארגעסען. ער שטעהט שטענדיג פאר מיינע אויגען. ער זעהט אויס, ווי נח'ס קאסטען. אונטער דער זון, פונקט ווי א באגילטער, בלישטשעט ער דורך די הויכע קאשטאנען. פונקט ווי באקען, וואס ווערען פאררויטעלט, אזוי ברענט ער ביין זון־אונטערגאנג. אזוי זעהט ער מיר אויס.

אינוועניג איז קאַלט און שטיל. די קאָרידאָרען מיט די פיעלע טירען זיינען ווייס ווי שנעע.

אָפּט, אין מיינע געדאַנקען, וואַנדער איך נאָך איבער דיזע שנעעווייסע קאָרידאָרען, איבער די גרויסע קאַלטע צימער. איך געה דאָ און דאָרט, עפען די טירען, פאַרמאַך זיי. איך קוק אין פענסטער. איך געה אריין אין די ברייטע צימער, באַגריס זיי מיט אַ פאַרנייגונג, הער זיך צו און שמייכעל. איך שאַר אוועק מיט'ן פינגער דעם שטויב פון שרייב־טיש, וועלכער איז צוגעדעקט מיט עפּעס אַ מאָדנעם בויגען לעש־פּאַפּיר. דאָס אַלעס טו איך אין מיינע געדאַנקען.

איך עפען די שווערע דרויסען־טיר און געה ארויס אויפ'ן גאַניק. איך שטעה אין דער שאָטענדיגער הייזעל, וואָס האָט זיך געבילדעט פון די שפּיצען פון די קאַשטאַן־בוימער. פאַר מיר האָט זיך צושפּרייט אַ קליינע לאָנקע, און ווייטער הויבט זיך אָן דער וואַלד. איך דרעה דעם קאָפּ רעכטס, לינקס — וואַלד, וואַלד, וואַלד, אויף אַזוי פיעל, וויפיעל דאָס אויג קען ארומכאַפּען. אַ באַרגיגער וועג שלענגעלט זיך אין דער לענג פון דער ניט גרויסער לאָנקע, מיט אַמאָל רייסט ער זיך אָפּ, און פאַרדרעהט זיך אין טאָל, און שטעכט זיך אריין אין וואַלד. טיעף אונטען ליעגט אַ טאָל. אַ קליינינקע, שמאָלינקע, דינינקע סטייגע דרעהט זיך אויפ'ן דעק. צייטענווייז באַוועגט זיך עפּעס דאָרט. דאָס איז אַ בויערען־פוהר.

איך קוק דורכ'ן טאָל. מיין בליק פאַלט אויפ'ן שפּיץ פון אַ טורעם. ניט גרעסער פון אַ בלייפעדער הויבט ער זיך אויף אנקעגען וואַלד. דאָס איז „דער רויטער בוק", און הינטער'ן באַרג איז „די הויכע סאָסנע", נאָר מען זעהט איהר ניט. איצט איז ביי מיר פאַרבליבען בלויז דער יאַגד־שלאָס, נאָר ער איז פאַר מיר פאָלשטענדיג געגנוג. יעדען מאָל, ווען איך זעה דעם שפּיץ פון טורעם, שמייכעל איך.

אַנגענעהמע עראינערונגען.

דער פריהלינג איז געווען דער סאַמע בעסטער, וואָס איך האָב אַמאָל איבערגעלעבט. ער האָט געהאַט עפּעס אַ גאַנץ באַזונדערע לופט: אַזאַ אונבאַוועגליכע. פּונקט ווי איין גרויסער טראָפּען טוי וואָלט באַדעקט מיט זיך דעם גאַנצען טאָל, אַזוי

ריין און דורכזיכטיג איז די לופט געווען. אין איהר איז געווען עפעס אזא בייגעשמאק. איך האב איהם געפיהלט יעדעס מאל, ווען איך האב די לופט איינגעאטעמט. אין דער לופט האט נאך געשמעקט מיט טוי. צו דערזעלבער צייט האט זי אויך געשמעקט מיט האניג.

איך האב ניט געהאט קיין צייט צו טראכטען וועגען דער מיידעל, וועלכע איז ערשינען פאר מיר אין א פריהמארגען, ווען איך בין געזעסען אויפ'ן גאניק און זיך געווארימט אונטער דער זון. ניין. מיין הארץ איז געווען פול מיט די קליינע וואונדער ארום מיר, בין געגאנגען איבעראל און האב באטראכט מיינע אוצרות, האב געקוקט דעם פריהלינג אין זיינע ציטע־רענדע אויגען.

אין פעברואר האב איך שוין באמערקט די אנזאגער פון פריהלינג. האב אפגעריסען די קארע פון די צווייגלעך. ניין, עס איז נאך גארניט געווען. דעם 14טען פעברואר האב איך אפגערוקט א שטיין פון זיין פלאץ, און מיט אמאל אונטער איהם א שווארצער זשוק אין ווייסינקע שפראצונגען. אז דאס איז געווען דעם 14טען פעברואר ווייס איך עס דערפאר, ווייל יענעם טאג האב איך ערהאלטען א בריעף פון מיין פריינד, בליטהויפט, דעם פאעט.

דאן האט א בלאז געטאן א דרום־ווינט, אין סאמע מיטען נאכט, און אין דעמזעלבען מאמענט האב איך זיך אויפגעכאפט און האב זיך הויך צולאכט פון פארגניגען.

אלס א צורוף־געשריי האט ער זיך איבערגעטראגען איבער'ן וואלד. די בוימער האבען זיך אויפגעכאפט פון שלאף און האבען אנגעהויבען צו רוישען. פון דעם מאמענט אן בין איך געווען אויף דער וואך. דער פריהלינג האט זיך דורכגעשלאגען דורך די פייכטע ערד, דורך די לופט. ער איז געקומען פון איבעראל. איך בין געשטאנען און האב זיך איינגעהערט. עס האט זיך געהערט דאס רוישען פון די טייכלאך, און דאס גליק האט זיך צוגאסען איבעראל. אזוי ווי א שמייכעל האט זיך באהאלטען הינטער די פאלענדע בלעטער, און מען האט געקענט דענקען, אז דארט, אונטען, ווערט דאס לעבען פון זיך אליין געבארען. ווי וואונדערבאר עס האט געשמעקט מיט ערד און

וואַרצלען. דאָס וואַסער אין די טייכלאַך האָט געענדערט זיין געשמאַק. און — אַך — עס האָבען זיך דורכגעשלאָגען די גרינע נאָדעלען דורך דעם בלעטער־דאַך, און וואָס איז עס געווען פאַר אַ גרינס! איך האָב גאָר פאַרגעסען, פון וואַנען עס נעהמט זיך אַט דאָס גרינס. מיט פייכטקייט האָט געשמעקט פון די שטאַמען פון די בוימער, איבעראַל האָט זיך אַלעס באַוועגט. אַ שטילע דורכדרינגליכקייט און פאַרטראַכטקייט איז געלעגען אויף אַלעס. איך האָב ענטדעקט דאָס ערשטע בלימעל. „זעה־סטו, פּאַצאַ?" האָב איך געזאָגט צו מיין הונד, און פּאַצאַ האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף דער בלום, און זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען לויכטען.

דאָן איז געגאַנגען אַלעס שנעל: דער פריהלינג האָט ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען אויף זיך. אַלעס האָט געגרינט, זיך פאַנאַנדערגעלאָזען. די פאַרשידענע עניוות'דיגע גראָז איז צו־ערשט אַרויסגעוואַקסען, דאָן האָט דאָס גרינס אָנגעהויבען צו קריכען אין דער הויך איבער די בוימער און, ענדליך, אויף די סאַמע העכסטע פּיקעס פון די בוקען. די קנאָספּען פון די קאַשטאַנען האָבען אַרויסגעגעבען זאַפט, גאַנצע קייטען פון שנעלע פויגלען האָבען זיך געגליטשט שנעל אין הימעל איבער'ן טאָל. דער זיאַבלין איז געקומען צופליהען אין בוקאָווען וואַלד, און אין איין שעהנעם טאָג האָט זיך איבער'ן לאָנקע געדרעהט דער ווייסער שמעטערלינג. חא! חא! האָב איך אויסגעשריען און זיך צולאַכט.

דער פריהלינג איז געקומען.

איך האָב געזעהן, ווי' ער איז אָנגעקומען, און דאָך יעדען פריהמאָרגען, ווען איך האָב געקוקט פון פענסטער און האָב עס אַלעס באַמערקט, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז ער איז געקומען ערשט די נאַכט.

האָב געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און עס ניט געקענט פאַרשטעהן.

די ערד איז געווען שכור. זי האָט געלאַכט.

און אָט האָבען אָנגעהויבען בליהען די עפּעל־בוימער אויף דעם באַרג־וועג. זיי האָבען פּונקט ווי מאַרשירט אונטען אי־בער'ן וועג און איך האָב ניט געקענט פאַרשטעהן, וואָרום זיי האָבען דערביי ניט געזונגען און ניט געוויגט זיך, ווי פאָהנען.

דאָס בעסטע פון אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט, איז געווען אַ קליינער בליהענדער עפּעל־בוים. ער איז געשטאַנען ביים סוף פון פּאַרק, און יעדען פריהלינג פלעג איך זיך פאַרליעבען אין איהם. ווען איך האָב איהם דערזעהן צום ערשטען מאָל, איז מיר געוואָרען עפּעס אַזוי גרינג אויפ'ן הארצען, און פאַר אַ רגע האָב איך אויפגעהערט צו אָטעמען.

שעהן איז געווען אָט דער קליינער עפּעל־בוים, רייצענד. פּונקט ווי אַ קליינע, אויסגעפּוצטע פּרינצעסין, האָט ער אויס־געזעהן אין גאַנצען אין ווייסען — אַ קליינע, שלאַנקע פּרינ־צעסין, צו וועמען עס זיינען געווענדעט אַלע בליקען. זי ווייס גאָר אַליין ניט, ווי שעהן זי איז, און ווי אַלע מענשען זיינען נאָר פאַרנומען דערמיט, וואָס טאָג און נאַכט דענקען זיי וועגען איהר.

איך בין געווען גליקליך און האָב אריינגעבליקט אין מיין האַרץ. גאָרניט איז דאָרט געווען אויסער פרייד און באַוואונ־דערונג. אָפט פלעג איך זיך זעצען אויפ'ן גראָז און באַטראַכטען אירגענד אַ פּלאַץ אויף איהר, ניט גרעסער פון מיין האַנד. וויפיעל לעבען, וויפיעל קונסט און פאַרשידענאַרטיגקייט! איך האָב געקוקט אויף דעם פּלאַץ, האָב געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, גאָרניט פאַרשטאַנען, און אַ מאָדנע אויפרעגונג האָט ארומגע־כאַפּט מיין גאַנצען קערפּער, פון קאָפּ ביז צו די פיס. גרויסער גאָט, ווי האָסטו געקענט דאָס אַלעס אויסטראַכטען? און גאָט האָט געשמייכעלט פון דעם סאַמע אָרימען גרעזעל.

אַלעס איז געווען אַזוי וואונדערבאַר, און איך האָב זיך צוגעהערט צו מיין אייגענעם אָטעם. ווי וואונדערבאַר איז געווען מיין אָטעם. איך האָב געלעבט. ווי וואונדערבאַר דאָס איז! איך בין אוועק אין וואַלד, האָב געזונגען, אום איינצור־האַלטען די ניט־ווילענדיגע טרערען.

עס איז געווען פריהלינג. אָפט פלעגט דער פריהלינג אויך ביינאַכט זיך פאַרקלייבען צו מיר, אין מיינע חלומות, און איך האָב פיעל געלאַכט אין שלאָף. אונגעוועהנליכע ליעבעס־פּאַ־סירונגען פלעג איך דאַן איבערלעבען. דאָס האָט געוויס דער פריהלינג געטאָן. עס איז גאָר קיין ספק, אַז דער פריהלינג איז געווען שולדיג אויך אין דעם, וואָס איך האָב זיך פאַרליעבט

אין די געל האָריגע ליזעלאַט, וועמעס מיידעלשער נאָמען איז געווען ווירקעסבאַך. זי איז שוין לאַנג צוריק געשטאָרבען, און געלעגען אין אַ סקליעפּ אונטער דעם דאָרפישען קלויסטער, אָבער איהר פּאָרטרעט איז געהאַנגען אין מיין צימער. זי האָט געקוקט אויף מיך, וואוהין איך זאָל ניט געהן. זי האָט גע־שמייכעלט. אויף איהר פּנים זייגען געווען פּיעלע זומער־שפּרינקלעך, און די הויט אַ בלויליך־ווייסע. אין שלאָף האָב איך איהר אָפּט געקושט. „קום צו מיר, אקסעל, — האָט זי מיך גערופען. — „ער איז אוועק אין שטאָדט צו קויפען צירונג פאר מיר". און דעם פאָלגענדען פריהמאָרגען האָט זי גע־שמייכעלט.

דער פריהלינג האָט מיר אריינגעשפריצט אַ זיסען גיפט אין די אָדערען. אָט דערפון איז עס געקומען.

אָפּט פלעג איך שטעהן ביין סוף וואלד, געקוקט אויף׳ן הויז, און געטראכט: וועט פון דאָרט ארויסקומען ליזעלאַט אין איהר קרינאָלינע און איהר מאַן אין אַ פּאַרוק אין שיך מיט ספּראָנזשקעס. און איך האָב געוואָרט, כאָטש איך האָב געוואוסט גאַנץ גוט, דאָס ליזעלאַט און איהר מאַן זיינען שוין לאַנג טויט. און, נאַטירליך, די אורזאַכע דערפון, וואָס איך האָב ערוואָרט דאָס אונמעגליכע, איז געווען דער פריהלינג.

די לופט איז געווען אזעלכע, אַז אַלעס האָט זיך אומגע־וואַנדעלט אין אַ שעהנע ערצעהלונג. עס האָט זיך אויסגע־דוכט, אזוי ווי איך וואָלט געבלעטערט אַן אַלבאָם מיט וואונדערליכע פיגורען, און אונטער איינער איז געווען אונטער־געשריבען: אקסעל.

איינמאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געפיהל פון גליק: אַ שטימע האָט געזונגען אין וואַלד.

האָב זיך אויפגעהויבען און אָנגעהויבען זיך צוהערען. עס איז געווען אין גאַנצען שוואַרץ ארום מיר. די שטערענדלעך האָבען געפינקעלט אין דער פינסטערניש.

אימיצער האָט געזונגען. די שטימע איז צושוואומען אין דער נאַכטיגער פינסטערניש. איז עס אין דער ווירקליכקייט, אָדער נאָר אין חלום?

די שטימע האָט זיך אָנגעהויבען דערוויטערען, און איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרען. דאָס איז געווען א שטונדע נאָך האַלבע נאַכט.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין איין העמד אויפ'ן פענסטער. די לופט פון מיטען נאַכט.

3.

אין איינינע טעג שפּעטער האָב איך ווידער באגעגענט אינגעבאָרג. איך בין געגאַנגען מיט פּאַפּאַ איבער'ן וואַלד. דאָס איז געווען אין דער אַלעע, וועלכע, ווי א גלייכער פּאַדים, שניידט דורך דעם בוקאַווען וואַלד.

זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם איבער'ן וועג, געפּאַכעט מיט די הענד, געקוקט אַט רעכטס, אַט לינקס אין טיפקייט פון וואַלד, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט אימיצען אָדער עטוואָס. ווי דאָס ערשטע מאָל, איז זי געווען אָהן א הוט, און איז געווען דורך און דורך דורכגעווייקט פון טוי. עטוואָס, ווי א קרוינדעל האָט זי געהאַלטען אין איהר האַנד. זי האָט שטיל אונטער־געזונגען, ערשט ווען מיר זיינען גאַנץ נאָהענט צוגעקומען איי־נער צום אַנדערען, איז זי אַנטשוויגען.

ווי שעהן זי האָט אויסגעזעהן, ווען זי איז געגאַנגען איבער דער אַלעע. די אַלעע איז געווען באַגאָסען מיט א גרינער ליכט, און אין איהר איז געווען אַזוי קאַלט און אַזוי פייערליך, ווי אין קלויסטערישע קאָרידאָרען, דורך וועמעס פענסטער עס גיסט זיך אריין די פריהמאָרגען־זון, אין גאַנצען באַגאָסען פון א גרינער ליכט, אינמיטען דער פייערליכער שטילקייט, כמעט א דורכזיכטיגע, א ווייס־געוועבטע, א ווייסע, און נאָר עטוואָס גאָלד און א רויטקייט.

— א גוטען מאָרגען, — האָט זי אויסגעשריען, און איהרע אויגען האָבען געלויכטען, ווי שטראַהלען.

איך האָב איהר דערלאַנגט די האַנד. איהר האַנד איז געווען קאַלט, ווי אייז, און איז אין גאַנצען בלוי געווען. עס איז געווען פריש. אויך איהר געזיכט איז בלוי געווען, האָט

אויסגעזעהן שמאָל, די נאָז פארשארפט און קליין. א דינער קראַץ האָט זיך געמערקט אויפ'ן באַק.

— היינט איז פריש, פירשט, — האָט זי געזאָגט און אויפגעציטערט. — איך בין שוין פון פינף אזייגער אין וואלד. איצט דארף מען פריהער אויפשטעהן. דער טאָג איז נאָך אזוי קורץ.

איך האָב איהר געפרעגט, צו דען שפּאַצירט זי און זינגט דעם גאנצען טאָג?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, שמייכלענדיג, און מיר געקוקט אין די אויגען.

דער שמייכעל האָט מיך צוטומעלט. אודאי לאַכט זי פון מיין גרין היטעלע, אָדער פון מיינע הויכע שטיוועל און, אפשר, פון מיינע פארדרעהטע וואָנצעס.

מען האָט געקענט זעהן איהרע אויבערשטע ציין, ווען זי האָט געשמייכעלט. זיי האָבען עטוואָס ארויסגעשטארט פון פאָרענט.

וואוהין געהסט זי?

זי האָט מיט'ן האנד אויסגעמאָלט א ברייטען ראָד, און האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— איך וויים אליין ניט. צוערשט וועל איך געהן אונ־טען! — זי האָט מיט איהר האַנד אָנגעוויזען אויף די ריכטונג, פון וואַנען איך בין געקומען. פּאַצאָ האָט א דרעה געטאָן מיט'ן קאָפּ אין דער ריכטונג פון איהר פינגער.

דאָרט איז א קליין טייכעל, וויל זי זעהן, וואָס ער מאכט.

איך האָב געשמייכעלט. מיר איז אנגענעהם, וואָס זי האָט ליעב די וועלדער פון עדעלהאָף, — האָב איך געזאָגט.

נאָר צו דעם האָט זי ניט געשענקט די מינדעסטע אויפ־מערקזאמקייט. זי האָט אויפמערקזאם באטראכט מיין הונד, פּאַצאָ. זי איז געוועזען מיט א גאנצען קאָפּ נידריגער פאר מיר אין געוואוקס, און איך האָב געקענט זעהן איהר שעהנעם קאָפּ האָר מיט דעם דורכשניט צווישען די האָר, וואָס איז געוועזען אזוי גלייך, ווי א פּאָדים. מיין בליק איז אויך געפאַלען אויף א גאָלדענעם מעדאל, וואָס איז געהאנגען אויף איהר ענטבלויז־טער האלז.

זי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— וואָס פאר קלוגע אויגען אייער הונד האָט, פירשט! — האָט זי געזאָגט שטארק פארוואונדערט. — דער הונד קוקט, ווי אַ מענש.

פאצאָ'ס אויגען האָבען געלויכטען, ווי נאַסע קאַשטאַנען. ער האָט ארויסגערוקט די צונג און שווער געאָטעמט.

— ווי שעהן ער איז! ווי רופט מען איהם?

— פאצאָ.

פאצאָ איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס, און געקוקט אָט אויף איהר און אָט אויף מיר.

אינגעבאָרג האָט זיך אונטערגעבויגען, און געזאָגט: — קום צו מיר, ליעבער פאצאָ.

און זי האָט אָנגעטאָן פאצאָ'ן אויפ'ן האלז דאָס קרענצעל בלומען, וואָס זי האָט געהאלטען אין האנד. פאצאָ האָט זיך צובילט פון פארגניגען און איז הויך אונטערגעשפרונגען אין דער לופט. אינגעבאָרג האָט זיך צולאכט, זיך אויסגעגליכען, און האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר.

— מיט איהם קען מען געהן אויף געיעג? — האָט זי פּלוצלונג געפרעגט זעהר שנעל.

— יאָ, דאָס איז אַ יאַגד־הונד.

— אָה יע, ער האָט אַזעלכע שארפע ציין. האָב פיינט יאַגד־הינד און יעגער, — האָט זי געזאָגט, און איהר פנים האָט זיך באַגאָסען מיט אַ רויטקייט.

— צום ווידערזעהן, פירשט! — האָט זי קורץ ארויסגערעדט.

— צום ווידערזעהן, פרײלין גיזעלהער.

אָבער אינגעבאָרג איז ניט גלייך אוועק, זי האָט זיך צוריק אומגעקעהרט.

— איהר האָט נאָר־וואָס געזאָגט, אז עס איז אייך אנגענעהם, וואָס איך האָב ליעב די ווילדער פון ערדעלהאָף. צו וואָס האָט איהר עס געזאָגט?

איך האָב אַ שמייכעל געטאָן, האָב ארויסגענומען פון קעשענע אַ קליינע ליולקע, און פארדרייכערט איהר. האָב האלב־

צוגעמאכט די אויגען פון רויך, האָב אָפּגעוואַרט נאָך אַ מינוט און דאַן געענטפערט:

— וואָס? האָב איך עס דען געזאָגט. נו, יע, דאָס איז געווען זעהר נאַריש. איהר זיינט גערעכט. יעדער פּריץ, וואָס בילדעט זיך איין עטוואָס וועגען זיינע וועלדער, וואָלט געקענט זאָגען פּונקט אַזעלכע ווערטער.

אינגעבאָרג האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַן אויס־פאַרשעמטען בליק. און אַך, ווי דאָס האָט געקלונגען:

— צום ווידערזעהן, פּירשט!

— צום ווידערזעהן, פריילין גיזעלהער.

אין וואַלד האָט אָנגעהויבען זינגען אַ פויגעלע. איך האָב פאַרטגעזעצט מיין וועג, און האָב געלאַכט אין הארצען. די אַלעע איז געווען אַ צוויי שטונדען ווייט פון דער וואוינונג פון אינגעבאָרג. איך אָבער האָב געקענט צוקומען צו איהר אין אַ מינוטען צעהן.

איך האָב געוואַנדערט דאָ און דאָרט. עס איז געווען אַ וואונדערבארער פריהמאָרגען. אין סאַמע טיפעניש פון וואַלד איז פּאַצאָ געוואָרען עפּעס אונרוהיג. איך האָב דערזעהן אַ מענשען, וואָס איז געגאַנגען איילענדיג איבער'ן וואַלד מיט דער היטעל אין האנד. ער איז ארויס אויפ'ן וועג און האָט אָנ־געהויבען פּאָכען מיט דער היטעל, מאַכענדיג אַן אָנשטעל, אַזוי ווי ער וואָלט שפּאַצירט. דאָס איז געווען אַ שלאַנקער יונגער מאַן מיט סאַמעט־שווארצע האָר און מיט אַ בלאַסען פּנים. שוין פון דערווייטענס האָבען זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען זיינע הענד. זיי זיינען געווען לאַנג, בלאַס און זעהר שעהן־פּראָפּאָרציאָנעל. דאָס זיינען געווען שרעקליכע הענד, וועלכע האָבען אין זיך געהאַט פאַרבאַהאַלטען אַ געוואַלדיגע קראַפט. נאָך די הענד האָב איך דערקענט דעם יונגען מאַן. דאָס איז געווען האַרי איזעדאָם דער פידלער. שוין גאַנצע זעקס יאָהר, ווי איך האָב איהם ניט געזעהן. דאַן איז ער געווען נאָך כמעט אַ אינגעל און אין גאַנצען אַ סאַמעטענער: אַ סאַמעטענער ראָק, סאַמעטענע האָר, אויגען און פּנים. און זיין שפּיעלען איז געווען פּונקט ווי סאַמעט, אַזוי גלאַט און ווייך און צאַרט.

איצט האָב איך אַלעס פאַרשטאַנען.

— הארי איזעדראַם? — האָב איך ארויסגערעדט.

ער, ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָט געוואָלט פאַרבייגעהן מיך; ווייל ער האָט געהאלטען די אויגען אראָפּגעלאָזען צו דער ערד. ער האָט ניט געוואוסט, אַז איך האָב געוואָלט איהם ברענגען אַ גרויסע פרייד. ער האָט אַ דרעה געטאָן זיינע סאַ־מעטענע אויגען און האָט מיער אַ שמייכעל געטאָן. ער האָט געהאַט אַ גרוים מויל, עטוואָס העסליכעס און זינדיגעס איז געווען אין די שפּאַלטען פון דעם מויל. אָבער ער איז געווען שעהן. פּונקט ווי אַ בלאַסע פרוי האָט אויסגעזעהן הארי איזעדראַם מיט זיין שמאָלען, שלאַנקען קאָפּ.

מיר האָבען זיך באגריסט, דערצעהלט וועגען דאָס, יענעס.

הארי איזעדראַם איז ניט אויפגעלעגט געווען צו רעדען פיעל.

איך האָב געשמייכעלט, בין געווען צופרידען, וואָס איך האָב זיך באגעגענט מיט איהם.

אָפּט זיינען פאַרבייגעגאַנגען גאַנצע טעג, און איך פלעג ניט באגעגענען קיין איינציגען מענשען אין וואלד, און היינט האָב איך שוין צוויי באגעגענט: איהם, און ערשט ניט לאַנג צוריק, אַ יונגע דאַמע אין דער אַלעע.

— איך גרים הערצליך אייער פאָטער, — האָב איך איהם געזאָגט ביים געזעגענען זיך. — ער איז נאָך אַלץ קראַנק?

— יאַ.

— אַלזאָ, צום ווידערזעהן.

הארי איזעדראַם האָט זיך פאַרנייגט און איז רויט גע־וואָרען. ער איז אַוועק און איך האָב זיך געשטעלט הינטער אַ בוים איהם נאָכצוקוקען. ער האָט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ, האָט געפּאַכעט מיט'ן הוט, ווי פריהער, און האָט געמאכט אַן אַנ־בליק, אַזוי ווי ער וואָלט גאַנץ רוהיג ווייטער פאָרטגעזעצט זיין שפּאַציר. אָבער איך האָב גוט באמערקט, דאָס ער מאכט זעהר גרויסע שריט.

איך האָב זיך צולאַכט.

איך, אַקסעל, דער באַשיצער פון פאַרליעבטע. דער שיין פון הייליגקייט ארום שטערן, דער ווייז פון ליעבע אין דער כלי.

האָב געוואונשען ביידען גליק.

פריהלינג — גאָט אליין וויל, אז רויטע ליפען זאָלען זיך צוזאַמענגיסען.

4.

געבענשט זאָלען זיין די טעג, ווען איהר שפּירט ניט קיינע פאַרלאַנגען, — די טעג אָהן פאַרלאַנגען בענשט און באזינגט. זיי זיינען געגליכען צום שטילען, שטיל שאַפענדען זומער אין הארצען פון מענשען, זיי באַלעבען אַלעס; אין די דאָזיגע טעג וואַקסען רויזען אויף קברים, זיי זיינען די שטילע פרוכטבאַר־קייט, זיי ברענגען רייכטום, און דער רייכער איז אימער גע־רעכט. אַט פאַרוואָס עס פאַרדיענען געלויבט צו ווערען די טעג אָהן פאַרלאַנגען.

בענשט אויך די טעג פון הייסע, ברענענדיגע פאַרלאַנגען, בענשט אויך זיי! זיי וואַרפען אין הארצען די זוימען פון וואונדערליך־שעהנע בלומען; און זיי איז דאָ בלוט אָנשטאָט האָניג, דער ריח פון טויט און פאַרניכטונג; זיי זיינען דער שוואַרצער שטורעם אין אַ הייסען זומער־טאָג, אַ שטורעם, וואָס ברענגט בליצען און רייסט ארויס צופוילטע בוימער. זיי פילען אייך אָן מיט באשיידענהייט און מיט שטאָלץ; אויך די טעג זיינען ווערט צו זיין געבענשט.

בענשט דאָס לעבען אין אַלע זיינע ערשיינונגען, — אין טויט אזוי גוט ווי אין ליעבע; הייליג איז דער טויט און די ליעבע.

עס זיינען אָנגעקומען אויף פאַר מיר טעג אָהן פאַרלאַנגען. שטיל זיינען זיי געגאַנגען איינער נאָכ'ן צווייטען, ווי מענשען, ווען זיי געהען אין דער קירכע. איך בין ארומגעגאַנגען מיט אַ וואַרעם און לייכט הארץ, און אָפטמאָל, ווען איך בין געווען אליין אין וואַלד, האָב איך געשמייכעלט אין הארצען איבער זיך אליין.

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק בין איך געווען דאָרט, אין דער ברייטער וועלט. איך האָב געלעבט מיט יעדען פיבער פון

מיין נשמה. האָב זיך געוואָרפען מיט מענשען, ניט אומגעקוקט זיך אויף די היילינע געזעצען; אָהן צווייפעל ניט וועניג שלעכטס באגאנגען, אָבער פון צייט צו צייט איז פּאָרט געלונגען צו ברענגען אַ ביסעל פרייד צו וועלכער־עס־איז אָרעמער נשמה.

איך האָב געלעבט בלויז פאר זיך, אין קיינעם זיך ניט גענויטיגט און באנוגענט זיך מיט זיך אליין.

איך האָב זיך קיינמאָל ניט געלאנגווייליט, ניין, קיינמאָל ניט.

עס זיינען פארבייגעגאנגען טעג און נעכט און אָפטמאָל האָב איך ניט געוואוסט, ווי די טעג זיינען פארשוואונדען.

איך האָב קיין זייגער ניט געהאט ניט אין מיין הויז און ניט אין מיין טאש. האָב אָבער גענוג אנדערע זייגערס גע־האט: די זון, די בלעטער פון די בוימער, דער קוואל אין פּארק. ער האָט געזוישט ביי טאָג אנדערש ווי ביי נאכט, אין מיטען נאכט אנדערש ווי אין דער פריה. און אויך דער וואַלד־אראָ־מאַט האָט געדיענט פאר אַ זייגער. און די אומבאדייטענדסטע, די סאַמע אומבאדייטענדסטע, קלאנגען האָבען געהאַט זייערע באשטימטע שטונדען.

איך דערמאָן זיך אָן דעם, ווי עס זיינען פארגאנגען די טעג, ווען אין מיין הארצען זיינען ניט געווען קיינע פארלאנגען.

איך האָב אַ פייף געטאָן צו פּאַצאַ און מיר האָבען זיך געלאָזען אין וואַלד אריין. טיילמאָל האָב איך מיר אָנגעטאָן גרויסע שטיוועל און אוועק צוזאמען מיט די ארבייטער אין פעלד אריין; שטאָלץ מאַרשירט נאָכ'ן אַקער־אייזען, געזאָגט וויצען, געשמעקט טאַבאַק און געטרונקען פון אַ ליימענעם קרוג. איך פלעג אוועק אין דער ביבליאָטעק, נעהמען אַ בוך און לעזען. איך פלעג געפינען אַן אינטערעסאנטען געדאנק, האָב באוואונ־דערט זיין שעהנקייט, זיין טיפקייט, פלעג מיר דעם געדאנק זיך פאָרשטעלען און ארומטראָגען זיך מיט איהם. — אַ קרוין אויף דעם קאָפּ פון דעם מענש דארף מען אָנטאָן! — האָב איך מיר געטראכט — אַ קרוין און אַ גאנץ קעניגרייך. געווען אויף דער וועלט אזוינע קעפּ...

איך האָב זיך געזעצט ביים ראַיאַל און אָנגעריהרט די קלאווישען און די קלאַנגען זיינען אריינגעדרונגען אין מיין

בלוט. לאנגע שטונדען האָב איך זיך געקענט באַשעפטיגען דערמיט. דער ראַיאָל איז געווען אַן אַל־ווייסענדעס, אַלס־פּיהלענדעס ווען, אַ מענשליך, אַן אומרוהיג און ציטערדיג האַרץ איז געווען פאַרבאָרגען אין איהם, די זיסע טרעהרען און דער וואהנזיניגער געלעכטער פון האַרצען. איך האָב זיך צוגע־הערט. „וואָס איז דאָס אזוינס?" האָב איך געטראַכט און איך האָב זיך דערשראָקען. און איך האָב ניט געוואגט צו נעהמען דעם צווייטען אַקאָרד, עס האָט מיר געפעהלט מוט. איך האָב אזויפיעל לײדען געזעהן אין איין בליק — און קיינמאָל האָב איך איהם מעהר ניט געקענט פאַרגעסען.

עס נעהענטערט זיך דער אָווענד. די וועלט פאַרלירט איהרע קאָלירען. זיי לעבען אויף אין מיין קאָפּ. וועלדער פון קאָראַל, אַ ים פון רעגענבויגען און אַ זילבערנע אונענדליכקייט. מיינע אויגענדעקלעך זיינען פאַרמאַכט און אונטער זיי דרעהען זיך קאָמעטען, כאַ־כאַ!

איך האָב געקענט די גאַנצע וועלט לויט מיין אייגענעם ווילען מיר אויסמאָלען און באַשיינען: טייכען שוואַרצע, ווי קוילען, אַ רויטען הימעל, גריגע מענשען — ווי מיר האָט זיך אַליין פאַרוואָלט. איך האָב געקענט פאַרווירקליכען דאָס אומ־מעגליכסטע.

עס איז שווער אָנצוקווענצען דעם טייוועל אויף אַ שפּיץ פון אַ נאָדעל, נאָר איך האָב דאָס געקענט טאָן און הנאה האָבען פון זיין קלעגליכען אויסזעהן, איך האָב געקענט באַוועגען יע־האָוואַ'ן, אַז ער זאָל פאַרבייגעהן פאַרביי מיר, איך האָב געקענט די זון אַריינזעצען אין מיין רינג, איך האָב געקענט טאָן אַלץ, וואָס איך האָב געוואָלט. אזוי שעהן זיינען געווען די זעהונגען אונטער די צוגעמאַכטע אויגען, אַז טייל מאָל האָט זיך געוואָלט אין גאַנצען בלינד ווערען. יאָ, בלינד ווערען — ס'איז וואהנזי־ניגע געדאַנקען קומען אַמאָל אין קאָפּ אַריין.

נו, גוט, — צום ביישפּיעל, איך מאַך צו די אויגען און איך וואַרט. איך זעה גרינליך־בראָנזענע לופט. איך זעה עפּעס ווייסעס. עס איז דער קערפּער פון אַ פרוי, פון אַ שלאַנק מיידעל. דאָס מיידעל ווענדעט אַ צאַרטען, וואַרימען בליק אויף מיר; זי שטעהט שווייגענדיג מיט די הענד ביי די בריסט.

איך לאָז ניט אַרונטער מיינע אויגען פון איהר און וואָרט. מיט אַמאָל הויבען די בריסטען אָן צו בליהען, זייערע קנאָספען און בלומען־קעלכען הויבען זיך אָן צו צולאָזען. די פינגער פון דער פרוי נעהמען בליהען אין קליינע ווייסע בלומען, ווי מילך־טראָפּענס באַווייזען זיך אויף זיי. די אָדערען אויף די הענד און אויף די פּלייצעס זעהען אויס ווי דינע קאָראַלען־צווייגלעך. מיט פורפור בליהען־אויף די ליפּען פון דער פרוי, די האָר ווערען פאַרוואַנדעלט אין גירלאַנדען פון גאָלדענע בלו־מען און צושיטען זיך איבער איהרע פּלייצעס, איבער איהר קערפּער. אַ ליכטיגע, ווי קרישטאָל, בלויע טולפּע וואַקסט אַרויס פון איהר קאָפּ, אויך פון די קני וואַקסט אַרויס אַ בלויע קרישטאָלענע טולפּע. די פרוי באַוועגט מיט די ליפּען, עפענט זיי אויף און מורמעלט, אַ קליינער שמעטערלינג רייסט זיך אַרויס פון איהר מויל, נאָך איהם אַ צווייטער — אַ גאַנצע סטאַיע פון די פאַרשידענסטע קאָלירען — זיי דרעהען זיך אַרום דער בליהענדער פרוי, ווי פליהענדע בלומען. די פרוי פאַר־מאַכט די אויגען און עס ווייזען זיך אויף זיי דיאַמענטענע געהיימניספּאָלע בוכשטאַבען; די פרוי עפענט די אויגען, אין די אויגען לייכטען ווי ווייסע שטראַלען, ווי ליכט. אָט נעהמען שוין בליהען די ברעמען אויך.

פיעלע נעכט האָב איך פאַרבראַכט אין אַזוינע חלומות — האָט מיר געקענט לאַנגווייליג זיין? ניין, מיינע טעג זיינען זיך געפלאָסען רוהיג.

איך האָב געקראָגען אַן איינלאַדונג אויף אַן אָווענד, פון גראַף פלוגען.

„פּאַפּאַ ערוואַרט אייך אומבאַדינגט" — איז געווען צו־געשריבען צו דער איינלאַדונג.

איהם וועט שוין אויסקומען לאַנג צו וואַרטען. איך האָב קיין צייט ניט. הערי איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי מיין הויז פאַרוויקעלט אין אַ פאַנטאַסטישען מאַנטעל. עס רעגענט. הערי איילט זיך זעהר. איך בין געזעסען ביים ראָיאַל און געקוקט, ווי ער איז געגאַנגען אויפ'ן וועג. איך האָב אויפגע־הערט צו שפּילען. וואָרום ער וואָלט זיכער מיט זיין וואַכינגען אויער זיך צוגעהערט און אויך דערהערט דאָס קלאַפּען פון מיין

הארצען. עס איז געווען אַ זאָנדערבאַרער געדאַנק, נאָר ער האָט מיך געמאַכט אויפהערען שפּילען.

„זייט געזונד", האָב איך געטראַכט און זיך צושמייכעלט.

קלאָר שטעהען פאַר מיר די נעכט פון דעם פריהלינג.

זיי זיינען געווען אַזוי וואונדערבאַר שטיל, אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערען זייער שטילקייט. זיי זיינען געווען שוואַרץ, ווי סאַמעט, וואָס איז באַזעצט מיט אונצעהליגע שטערען. אָפט בין איך געלעגען אין גראָז פאַר מיין הויז און געקוקט אין דער הויך אויף די שטערען. אַ האַרבער ריח האָט זיך געטראָגען פון די קאַשטאַנען. זיי האָבען געבליהט, ווי גרויסע וויינאַכטס־בוימער האָבען זיי אויסגעזעהן, און די ליכט זייערע האָבען אויך אויסגעזעהן ווי קליינע ווייהנאַכטס־בוימלעך, געמאַכט אין גאַנ־צען פון ליכטיגקייט. איך האָב איינגעאָטעמט דעם דופט פון פעלד סאַלביי און דעם אַראָמאַטישען פעך.

אַזוי בין איך געלעגען אויפ'ן רוקען און געקוקט אין הימעל. אפשר איז דאָס גאָט'ס מח מיט גאָט'ס געדאַנקען? אפשר האָב איך געקוקט אין גאָט'ס מח און געזעהן, ווי עס לויכטען זיינע געדאַנקען? די שטערען האָבען געקוקט אויף מיר, און זייער ליכט האָט געשטראָמט אין מיין לייב אריין. — מעגליך, האָב איך געטראַכט, וואָלט איך געדאַרפט פאַלען איצט אויף די קני. און מיר האָט זיך געוואָלט זיין אַ קויל, וואָס ווערט געשיקט צום הימעל, און ווען איך קום אין דער הויך, זאָל איך אויף אַ רגע טויט ווערען, אָפּשטעלען זיך און איידער איך פאַל צוריק אַראָפּ, זאָל איך קענען זיך ארומקוקען ארום. און איך האָב געקוקט אַזוי לאַנג אויף די שטערען, ביז זיי זיינען געפאַלען ווי אַ רעגען איבער מיר. איך האָב אויפגעציטערט. אַ מח, פול מיט שטערען, האָב איך מיטגעבראַכט צו זיך אין הויז און דאָרט האָב איך גע'חלומ'ט, אַז איך ליג אין גראָז און קוק אויף די שטערען.

איך בין געווען רייך און גליקליך.

אַזוינע זיינען עס געווען מיינע טעג אָהן פאַרלאַנגען.

דער אָוועגד ביים גראַף פלוגען איז פאָרגעקומען אין אַ זונטאַג. דעם זעלבען זונטאַג נאָכמיטאָג איז איינגעבאָרג דורכ־געפאָהרען אין אַן אָפענער יעגער ברימשקע פאַרביי דעם שלאָס.

זי האָט אליין געפיהרט די פערד, געקלאַפּט מיט דער בייטש; זי האָט אַ שאָקעל געטאָן צו מיר מיט'ן קאָפּ.

אויפ'ן העכסטען גראַד איז דאָס געווען זאָנדערבאַר. איך האָב נאָר וואָס געהאט געטראַכט פון איהר. איך בין געווען אין איין העמד און פאַררינכט עפּעס אין הויף. דער הויף איז געווען צווישען דעם שלאָס און די ווירטשאַפטליכע געביידעס; ער האָט געהאט אַ גרויסען טויער פון דער בערגיגער זייט. עס איז געווען זונטאָג. אַלץ איז געווען שטיל און פוסט. די זון האָט אַזוי געלויכטען, אַז דער אַקער־אייזען האָט געגלאַנצט און געשניטען די אויגען.

פּאַצאַ איז זיך געלעגען אויף דער זון, מיט אויסגעצויגענע לאַפּעס. ער האָט אויסגעזעהן אי ווייס, אי בלוי; ער האָט אָפּ־געשלאָגען אַ לייכט־בלויען שאָטען, אין וועלכען עס האָט זיך געזעהן אַ יעדער האָר פון זיין רוקען. ער האָט געבלינצעלט מיט די אויגען און, דאַכט זיך, געשמייכעלט, וואָס איך בין אַזוי אומגעשיקט ביי דער אַרבייט. און ווען איך האָב אַ קוק גע־געבען אויף איהם, האָט ער אַ קלאַפּ געגעבען מיט'ן עק אָן דער ערד, אַזוי ווי ער וואָלט געבעטען ענטשולדיגונג פאַר זיין שמייכעל און פריינדליך ערמוטיגט מיך.

ניט ווילענדיג, פון זיך אליין, האָב איך דערמאָנט זיך אָן אינגעבאָרג. מסתמא, האָב איך געטראַכט, האָט זי דאָס אַלץ, אי דאָס וועגען דעם ווייסען ברויט, אי דאָס וועגען דעם טייך מיט די פישלעך ערגעץ וואו געלעזען. אָדער, אמוועניגסטענס, אַ פּאָר מאָל עס שוין געזאָגט, און אין קיין פאַל ניט צום ער־שטען מאָל אין יענעם מאָמענט. עס איז קיין צווייפעל ניטאָ, אַז זי האָט עס אויסגעלעזען. האָט עס דען מיר ניט גלייך אויסגעוויזען צו זיין באַקאַנט? איך וועל איהר פרעגען.

כאַ, כאַ, איך וועל איהר זאָגען: פריילין גיזעלהער, אייער מעשה'לע וועגען דעם ווייסען ברויט און וועגען דעם טייך מיט די פישלעך האָב איך ניט לאַנג צוריק געפונען אין אַ בוך. וואָס האָט איהר צו זאָגען וועגען דעם?

געוויס וועט זי אפילו ניט פּרואווען עס אָפּצולייקענען.

איך וועל איהר זאָגען, אַז איך וואָלט געווען צופרידען איהר וואָס עפּעטערס צו זעהן. איך האָב פיער קליינע פּוקסלעך,

וואָס די אַרבייטער האָבען אַרויסגעשלעפּט פון אַ נאָרע — קומט אַ קוק טאָן אויף די קליינע פּיקסלעך, פריילין גיזעלהער.

דער שוויס איז געראָנען אויף מיין פּנים און אַראָנטערגע־קאַפּעט אויף מיינע הענד, וואָס זיינען געוועזן שמוציג און פעט.

מיט פולער ערנסטקייט וואָלט איך מיט איהר פאַרפיהרט אַ לאַנגען געשפּרעך.

— פריילין גיזעלהער, — אַזוי וואָלט איך אָנגעהויבען. — לאַנגע יאָהרען האָב איך געוואַרט אויף אייך, ניט וויסענדיג דערפון אַליין.

כאַ־כאַ־כאַ!

וואָס לאַכט זי? — אַליין ניט וויסענדיג, האָב איך גע־וואַרט אויף אייך. גע'חלום'ט און געבענקט לאַנגע יאָהרען. איך פלעג אויסשפּרייטען אין די נעכט די הענד צום פענסטער אַרומצונעהמען אימיצענס קאָפּ, — קיינער איז דאָרט ניט גע־ווען. עמיץ קלאַפּט אין מיינע טירען. אַריין! — רוף איך אויס און דערשרעק זיך, ווייל, ענדליך, קומט זי אַריין. נאָר קיינער איז דאָרט ניטאָ. אָבער איצט —

כאַ־כאַ־כאַ!

אודאי, אודאי, דאָס איז אַ פּשוט'ער ליגען, פריילין גי־זעלהער. איך האָב ליעב צו לייגען און האָב דערצו גרויסע פעהיגקייטען. וויפיעל ליגענס קענען דאָס אָנריידען איך און קינדער! נאָר איינס וועל איך אייך זאָגען — איהר קענט מיך ניט, טייערע מיינע. ניין! איך פאַררויכער מיין ליולקע און איך שמייכעל וועגען זיך: קיינער ווייסט ניט, וואָס איך טראַכט. קיינער וויים ניט וועגען וואָס איך טראַכט טיילמאָל, ווען עס קרעכצט דער וואַלד. איז דען באמת אַזוי שווער צו גלויבען, אַז איך האָב אַ האַרץ? איך קוק אויף מענשען און איך טראַכט: זיי קענען דיך ניט; איך הויב אָן צו לאַכען.

פּאַצאָ האָט מיטאַמאָל אָויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ פיהר געטאָן מיט די אויערען.

די בריטשקע האָט דורכגעקלאַפּט דורכ'ן וועג און פאַרביי־געשוועבט פאַרביי די אָפענע טויערען.

אינגעבאָרג האָט געפיהרט די פערד. זי איז געוועזן אַליין

אין דער בריטשקע, וואָס איז געווען איינגעשפּאַנט מיט אַ פּאָר גלאַנצענדיגע רויטע פערד.

איך האָב זי באַגריסט און אינגעבאָרג האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ קאַלט און צוריקגעהאַלטען, אַזוי ווי זי וואָלט מיך אין גאַנצען ניט געקענט.

און צו וואָס בין איך גראָד דאַמאָלט געשטאַנען אין הויף אין בלויזען העמד! אין העמד, אין די הויכע שטיוועל און דערצו מיט שמוציגע הענד.

מיר איז ניט געגאַנגען...

און מיטאַמאָל האָב איך דערפיהלט, אַז איך חלום אין שלאָף, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. עפּעס האָט געקלאַפּט אין דער ווייטענס. עס האָבען זיך דערטראָגען קלאַנגען, פּונקט ווי פון ניס, ווען זיי ווערען ארויסגעשיט פון אַ זאַק אויף דער ערד און זיי ווערען צושלאָגען.

איך בין געלעגען אין מיין צימער. „וואָס עס קען זיך אַלץ חלומ'ען אין שלאָף", — האָב איך געטראַכט.

נאָר דאָס קלאַפּען איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער און איך האָב דערהערט, אַז אַ בריטשקע פאָהרט אויפ'ן וועג. די פערד האָבען שאַרף געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס אָן דער ערד, ווייל דער וועג איז געווען באַרג־אַרויף.

אינגעבאָרג האָט זיך געטראָגען אין אַ יעגער־בריטשקע. אונטער איהר, אויסגעצויגען און מיט צוזאַמענגעלעגטע הענד, איז געזעסען דער לאַקיי.

אינגעבאָרג האָט געהאַלטען די לייצעס און געקנאַקט מיט דער בייטש.

זי האָט אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג פון די פענסטער און אַ שמייכעל געטאָן, ווען זי האָט מיך באַמערקט. דער בייטש האָט געקנאַלט און די דאָזיגע קלאַנגען האָבען דערמאָנט ווייטע, שוואַכע שאָסען.

איך האָב זיך אַ נויג געטאָן און אַ שמייכעל געגעבען. איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם זאָנדערבאַרען חלום.

אָבער אין אָוונט בין איך געבליבען אין הויז. איך האָב ניט געהאַט קיין שום חשק צו ווייזען זיך צווישען מענשען. דער אָוונט איז געווען פאַר מיר אַן אונאויפהערליכער וואונדער־

באַרער חלום און איך בין איינגעשלאָפען ערשט דאמאָלט, ווען דער האָן האָט זיך צוקר־עהט. איך האָב געטראַכט פון ליזעלאָט.

— —

רויט־לאָקיגע ליזעלאָט, געבאָרען ווייקערסבאך, וואָס טוט זיך מיט אונז ביידען? מיר קוקען איינער אויפ'ן צווייטען, שמייכלען. אַ פאַרבאָרגענע פינסטערע זינד איז אין אונזערע אויגען. גיב אַ טראַכט, וואָס וועט זאָגען דיין מאַן.

איך בין אַוועק אויפ'ן בית עולם צו זעהן דעם אויפשריפט אויף ליזעלאָט'ס מצבה. איך האָב איבערגעלעזען די פּאָר דאַטען, איך האָב איבערגעלעזען דעם נאָמען — ליזעלאָט, געבאָרען ווייקערסבאך, — און טרויעריג און פינסטער איז געוואָרען מיין נשמה.

ליזעלאָט, איך וואָלט דיך געליעבט, ווען דו זאָלסט איצט לעבען! יאָ, איך בין זיכער אין דעם!

וואונדערבאַרע זאַכען האָב איך דורכגעלעבט מיט ליזע־לאָט'ען.

זיי וואָלטען פאַרנומען אַ גרויס בוך, ווען איך וואָלט גע־טראַכט זיי צו באַשרייבען. אַ בוך, איבער וועלכען פיעל וואָלטען געלאַכט. אַלץ וואָס איך האָב דורכגעמאַכט מיט ליזעלאָט'ען איז פון אַ פרעהליכען כאַראַקטער.

5.

איינמאָל אין אַ רעגענדיגען נאָכמיטאָג אין מאַי, ווען איך האָב זיך אומגעקעהרט אַהיים, איז ליזעלאָט געוועזען אין מיין צימער. איך בין דאָס ערשט מיט פּאַצאַ'ן געקומען פון וואַלד.

דאָס איז אָבער ניט געווען ליזעלאָט, דאָס איז געוועזען אײנגעבאָרג היזעלהער, די שעהנע טאָכטער פון דעם האָלץ־העקער פון דעם טיפען, געדיכטען וואַלד. עס איז געווען טונקעל אין מיין צימער און אין דעם ערשטען מאָמענט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זעה פאַר זיך די רויט־האָריגע ליזעלאָט. און דערנאָך, ווען איך בין שוין לאַנג געווען איבערצייגט אין דעם, אַז דאָס איז געווען אינגעבאָרג גיזעלהער, האָט מיין גאָלד־

לאַקיגער גאַסט ווידער אַנגענומען ליזעלאַט'ס געשטאַלט און אַלץ האָט זיך געוויגט פאַר מיינע אויגען.

ליזעלאַט איז געקומען דורכצורײדען זיך מיט מיר. יאָ, דאָס איז זי געזעסען פאַר מיר. מיר האָבען זיך געזעהן אין חלומות, מיר האָבען פיעל געוואוסט איינער פון צווייטען, מיר ביידע.

דאָס איז געווען אינגעבאָרג; עס האָבען ניט געהאַט קיין שום עהנליכקייט צווישען זיך ליזעלאַט און דעם האַלץ-העקער'ס טאָכטער, און דאָך איז מיר שווער געווען ניט צו זעהן ליזעלאַט'ען אין אינגעבאָרג, ניט צו הערען ליזעלאַט'ען אין אינגעבאָרג'ס שטימע.

די זיסע פריהלינגס-לופט האָט פאַר'שיכור'ט מיינע גע־דאַנקען. אַ גאַנצען טאָג האָב איך געטראַכט פון ליזעלאַט און איך האָב געזוכט אַלץ צו ערקלערען זיך, ווי אַזוי האָט דאָס געקענט פּאַסירען, אַז איך זאָל זיך אין איהר פאַרליבען, ווען זי איז שוין פון לאַנג טויט. איך בין די לעצטע נאַכט אַזוי לאַנג געזעסען פאַר איהר פּאָרטרעט, ביז די אויגען האָבען זיך מיר פאַרמאַכט.

אינגעבאָרג איז געקומען אַביסעל שמועסען מיט מיר. זי האָט אָנגעריהרט אַ זעהר דעליקאַטע סטרונע. אָהן צווייפעל, עס איז ניט געווען אַנגענעהם צו הערען אַזוינע זאַכען.

צום ערשטען האָט זי געזאָגט אַ פּאָר ווערטער וועגען יאַגד, און אַז זי האָט געבראַכט אַ גרוס, אַ טיפען, האַרציגען גרוס פון גראַף פּלוגען.

— ענטשולדיגט מיר, פריילין גיזעלהער, — האָב איך געזאָגט, — וואָס איך נעהם אייך אויף אין די הויכע שטיוועל און אין אַן אַלט רעקעל. איך קום נאָר וואָס פון יאַגד.

— אַ האַרציגען גרוס אייך פון פּאַפּאַ. ער וואָלט געווען זעהר גערן אייך ווידער אַמאָל צו זעהן ביי זיך! ער קלייבט זיך אייך איינצולאַדען צום נעקסטען יאַגד.

— איך דאַנק זעהר און איך גריס איהם אויך.

מיר האָבען געקוקט איינס אויפ'ן צווייטען און איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער אַראָפּצולאָזען די גאַרדינען. אינגע־

באַרג איז געווען אויסגעפּוצט, ווי אַ פּרינצעסין, זי האָט דערמאָנט אָן אַ געשטאַלט פון באַטישעלי'ס אַ בילד.

זי האָט געטראָגען אַ ווייסען שטרויענעם הוט מיט גרויסע ראַנדען. איהר'ע גאָלדענע, זאַרגפעלטיג געקרייזעלטע האָר, זיינען געפאַלען אויף איהרע באַקען. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אויף מיין צימער, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גרויסען זאַל, אָנגעשטעלט מיט שיפאָנירקעס, וואָזען און ביכער. אומאָרדנונג האָט געהערשט אין יעדען ווינקעל פון מיין צימער.

— איהר לעבט זיך ווי אַ פּאָעט, — האָט זי אַרויסגערעדט שמייכלענדיג. — איך בין נאָך קיינמאָל ביי קיין פּאָעט ניט געוועזען, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי לעבען פּאָעטען.

איך האָב זיך איינגעהערט צו איהרע ווערטער. „ליזעלאָט?" האָב איך געטראַכט. ליזעלאָט'ס בילד פון דער וואַנט האָט אָנגעהויבען צו שמייכלען.

— ווער איז אָט יענע פרוי דאָרט אויף דער וואַנט?

— ליזעלאָט, געבאָרען ווייקערסבאַך, — האָב איך געענט־פערט און ניט ווילענדיג אַ שמייכעל געגעבען. — אַ שעהנע, לעבענסלוסטיגע דאַמע, ניט אמת?

— יאָ.

מיט אַמאָל האָט אינגעבאָרג אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט:

— איך האָב אייך איבערצוגעבען נאָך אַ גרוס פון קלאַראַ דאַוויזאָן. איהר ווייסט? — זי איז געשטאָרבען.

— געוויס ווייס איך, — האָב איך געענטפערט, — פון קלאַראַ דאַוויזאָן? איך בין געווען זעהר פאַרוואונדערט.

— זי איז געווען זעהר אומגליקליך. איהר ווייסט, ווי אַזוי זי איז געשטאָרבען?

אינגעבאָרג האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף מיר. איך האָב אָבער געפיהלט זיך גאַנץ אונשולדיג אין איהר טויט, און כ'האָב געקענט בלייבען פאַלשטענדיג רוהיג.

— זי האָט מיר פאַראורזאַכט פיעל שמערצען, — האָב איך געענטפערט, — איך האָב געהערט פון אַלץ. דאָס איז טרויעריג. זי איז געווען אַזוי שעהן און שטאָלץ.

— יאָ, דאָס איז זי געווען.

א פּאָר וואָכען פאַר'ן טויט האָט זי איהר געשריבען און געבעטען זי איבערצוגעבען מיר א גרוס, אויב זי וועט זיך מיט מיר אמאָל טרעפען. דאָס איז געווען מיט א יאָהר צוריק. צוריק מיט צוויי יאָהר איז קלאַרא דאַוויזאָן געווען צו־גאַסט ביים גראַף פלוגען דריי מאָנאַטען צייט. טיילמאָל זיינען זיי דאָ דורכגעפאָהרען. האָב איך זיי ניט געזעהן?

— ניין. (איך האָב געזאָגט דעם אמת) און א דאַנק אייך, פריילין גיזעלהער, פאַר'ן גרוס.

מיט דעם האָט זיך געענדיגט דער אונאַנגענעהמער גע־שפּרעך. מיר האָבען נאָך גערעדט וועגען פאַרשידענע קלייניג־קייטען. „האָט זי ניט געהערט צי דער פידעל־שפּילער האַרי איזעדאָם האָט יאָ אָדער ניט געקויפט דעם רויטען בוק?"

— אָ, יאָ, דער הערר איזעדאָם האָט געקויפט דעם רויטען בוק.

— וואו וואוינט איצט דער אַלטער איזעדאָם?

— ער וואוינט איצט צוזאַמען מיט זיין זוהן אין רויטען בוק.

עס איז געוואָרען דונקעל. אינגעבאָרג האָט זיך אויפגע־הויבען. איך האָב איהר פאָרגעלעגט צו באַגלייטען איהר אביסעל, ווייל עס איז ווינדיג און פינסטער.

זי האָט מיט פרייד אָנגענומען מיין פאָרשלאָג צו באַגליי־טען איהר, אָבער בלויז ביז'ן באַרג, ניט ווייטער.

איך האָב ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס איך האָב איהר גע־קענט באַגלייטען בלויז ביז'ן באַרג.

א שאַרפער, פייכטער ווינט האָט געבלאָזען פון טאָל און עס האָבען זיך געוויגט די בוימער אין וואַלד. צווישען די בוימער איז געווען פינסטער. פון וואַלד האָט געוועהט מיט פינסטערניש און פייכטקייט. מיר האָבען ניט געזעהן דעם וועג. פּאַצאָ'ס ווייסע פעל האָט געלויכטען; עס האָט זיך געדאַכט אַז ער מאַכט משונה'דיג גרויסע שפּרונגען און יעדע ווייל האָט זיין פיגור אָנגענומען אַן אַנדער אויסזעהן.

אינגעבאָרג האָט מיט ביידע הענט צוגעהאַלטען איהר הוט און דער ווינט האָט די שלעפּע פון איהר קלייד ארומגעדרעהט ארום איהרע פיס אזוי, אַז זי האָט זיך קוים געקענט באַוועגען.

— כאַ, כאַ! — האָט זי געלאַכט, — אַט דאָס הייסט

א ווינט! — עס איז געווען אונמעגליך צו פיהרען א ריכטיגען געשפרעך, אונזערע רייד האט דער ווינט צוטראָגען אויף אלע זייטען.

— הארי איזעדאם איז א באדייטענדער פידעל־שפילער!

— האָב איך געשריען אין ווינט.

— געוויס! — —האט אינגעבאָרג שרייענדיג געענטפערט.

— ער איז זעהר שעהן!

— יאָ.

דער ווינט איז שטיל געוואָרען. עס איז געוואָרען אויסער־געוועהנליך פינסטער. מיר האָבען פרייער אָפּגעאָטעמט.

— —איהר ווייסט, אז ליזעלאָט, וועמעס בילד איהר האָט געזעהן אין מיין שטוב, בלאָנקעט אָרום איבער'ן שלאָס? אַלע רעדען וועגען דעם. נאָך איהר טויט האָט זי זיך אַלע נאכט באוויזען צו איהר מאַן. ער איז געוואָרען אַלץ בלייכער און בלייכער, די גאַנצע צייט איז ער געווען אין אַ גוטער שטימונג און ער איז געשטאָרבען מיט צוויי חדשים שפּעטער נאָך איהר.

אזוי האָב איך דערצעהלט. —

— דאָס איז מאָדנע, — האָט מיר אויף דעם געענטפערט אינגעבאָרג, און דערביי אַ קוק געטאָן אויף מיר און אומבאַמערקט אַ שמייכעל געטאָן. זי האָט אַ שמייכעל געטאָן פּונקט אַזוי, ווי ליזעלאָט פלעגט שמייכלען צו מיר אין חלום. אַ לייכטער ציטער איז דורכגעלאָפען איבער מיין פּלייצע.

— זאָגט מיר, — האָט זי אָנגעהויבען, — מיר האָט מען אַ סך דערצעהלט וועגען אייך. איז דאָס אמת, אַז איהר האָט פּשוט געוואָרפען געלט פון פענסטער? איהר האָט געעפענט דאָס פענסטער אין אייער האָטעל און געוואָרפען געלט אין דער גאַס אַרויס?

— יאָ, דאָס איז געווען אַזאַ שפּאַס, דערצו איז עס ניט געווען אַזוי פיעל געלט.

אינגעבאָרג האָט זיך צושמייכעלט און אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

איך האָב זיך צולאַכט, דערמאָנענדיג זיך וועגען דעם געשלעג פאַר מיין פענסטער און וועגען מיין שפּאַס.

דער ווינט האָט ווידער אָנגעהויבען בלאָזען און ער האָט

אונז פאַריאָגט אויפ׳ן באַרג. אויפ׳ן באַרג איז געפאַלן ווייסער שניי. פאַרדעקט מיט וואָלקענס איז די לבנה אויפגעגאַנגען און זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ בלינד אויג. פון אַלץ אַרום האָבען אָנגעהויבען אָפּצושלאָגען זיך בלייכע, בלויע שאָטענס: פון די בערג, פון אונז ביידען, פון פּאַצאַ. אינגעבאָרג׳ס לאָקען האָבען זיך פּאַנאַנדערגעוועהט אין ווינט און איהר קלייד האָט געציטערט.

— אָט איז דער באַרג, — האָט אַרויסגערעדט אינגעבאָרג.

מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט. פּאַצאַ האָט געוואַרט אין אַ זייט און ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס מען האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיין שאָטען איז געווען עהנליך אויף אַ סילועט פון עפּעס אַ לאַנגען פאַבעלהאַפטען באַשעפעניש.

איך האָב אַרונטערגענומען דעם הוט.

— איך דאַנק אייך, — האָט געזאָגט אינגעבאָרג. אַ מאָד־נער, אונטערטעניגער שמייכעל האָט אויפגעלויכטען אין איהרע אויגען.

— איך דאַנק פאַר׳ן באַזוך, — האָב איך געענטפערט, האַלטענדיג אין האַנט דעם הוט, — ווער ווייס, אפשר וועט אייער וועג אייך נאָך אַמאָל פיהרען פאַרביי מיין הויז, פריילין גיזעלהער?

אינגעבאָרג האָט זיך צולאַכט.

— —יאָ, עס קאָן טרעפען, אַז מיר זאָל נאָך אַמאָל אויס־קומען פאַרבייגעהן אייער הויז, — האָט זי אויסגערופען און אַ קוק געטאָן אויף דער לבנה, וואָס איז געשוואומען אונטער באַלויכטענע וואָלקען. אַ בלויליכער גלאַנץ האָט זיך דורכגע־גליטשט איבער איהר פּנים; איהרע אויגען און צייהן האָבען אָנגעהויבען צו גלאַנצען, ווי עמאַל.

אינגעבאָרג האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף דער לבנה און דערנאָך האָט זי געווענדט איהר בליק אויף מיר און אַרויסגע־רעדט:

— לומפּיג האָט איהר געהאַנדעלט אין בעצוג צו קלאַראַ׳ן, פירסט! יאָ, לומפּיג! — זי האָט גערעדט זעהר שנעל. זי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ און ווייטער פאָרטגעזעצט:

— מיר איז אוממעגליך אייך צו פאַרשטעהן. אָט גיב איך אייך איבער אַ גרוס פון קלאַראַ׳ן, מיר רעדען וועגען איהר

טויט, און אייער פּנים זאָל זיך אפילו אויף אַ האָר בייטען! דערביי זאָגט איהר, אַז אייך איז זעהר אַ שאָד קלאַראַ'ן. וואָס זאָל דאָס באַדייטען! אָ, יאָ, אייך איך זעהר אַ שאָד איהר! דאָס האָט איהר דאָך זי געה'הרג'עט, יאָ, איהר זייט שולדיג אין דעם!

זי האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגען; איהר בליק איז געוועזן פאַראומערט און זאַנפט. איהרע האָר האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאָזען.

— ווייסט איהר, אַז קלאַראַ האָט מיר וועגען אייך אַלץ דערצעהלט? ניין, אָפּט האָט זי וועגען אייך ניט גערעדט, דאָס איז אמת; זי האָט געזאָגט, אַז איהר זייט עדעל און גרויסמוטיג. זי האָט געזאָגט, אַז ניט מעהר ווי הונדערט ווערטער האָט זי באַוויזען צו רעדען מיט אייך. איהר האָט דאָס אַלץ גוט געוואוסט, איהר האָט אַלץ גוט געוואוסט, אָבער איהר האָט נידעריג געהאַנדעלט געגען איהר! וואָס וואָלט קלאַראַ ניט אָפּגעגעבען פאַר אייער אַן איין־איינציג וואָרט? מיר זיינען צוויי מאָל דורכגעפאָהרען פאַרביי אייער הויז; קלאַראַ איז געוועזן ווייס ווי קרייד. ניין, איך ווייס ניט, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען אייך און קלאַראַ'ן, נאָר איהר האָט ניט עדעל געהאַנדעלט אין באַצוג צו איהר. איהר האָט געקענט אָפּשטאַטען אַ וויזיט דעם פּאַפּאַ און דערמיט פאַרשאַפען פרייד קלאַראַ'ן, אָבער איהר האָט גאָרנישט געטאָן, אַבסאָלוט גאָרנישט.

איך האָב געקוקט אויף איהר און נישט געקענט איהר קיין זאַך ענטפערען. איך האָב געטראַכט וועגען די דאָזיגע מאָדנע מענשען, איך האָב געטראַכט וועגען אַלעם און אין דער זעלבער צייט וועגען גאָרנישט.

בלייך איז געוועזן אינגעבאָרג'ס פּנים, איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט לבנה גלאַנץ און זיינען מאַט געוואָרען. און מאַט האָט געקלונגען איהר שטימע.

— פירשט, — האָט זי אַ מורמעל געטאָן — ווער זשע זייט איהר פאָרט? איהר ווייסט ניט, ווער איהר זייט, ניין... — זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ שמייכעל געטאָן און גאַנץ אומבאַמערקט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. — ניין, איהר ווייסט ניט, ווער איהר זייט! — האָט זי נאָך שטילער ווידער־

האַלט. דערנאָך האָט זי זיך צולאַכט מיט אַן אָפּגעריסען געלעכטער. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט טרוימענדע אויגען און האָט אַזוי פאָרטגעזעצט:

— איך האָב אייך ניט ליעב, ניין, אָבער ניט ווילענדיג טראַכט איך שטענדיג וועגען אייך. פאַרוואָס זיינט איהר ניט געקומען זונטאג? איך האָב צו דער איינלאַדונג צוגעשריבען אַ שורה, — איך האָב געמיינט, אַז איהר וועט געוויס קומען. איך האָב זיך געפּיהלט שלעכט, אָבער איהר זיינט אַלץ ניט געקומען. איך האָב געוואַרט און געוואַרט, געזעסען אויפ׳ן גאַניק פון הויז, דער ווינט האָט געבלאָזען, דער אַלטער הער איזערדאָם איז געווען, האַרי איזערדאָם איז געווען, — אַלע זיינען געווען ביי אונז. איך האָב קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט. וואָס וועלען זיי טראַכטען וועגען מיר? מיר איז דאָס אַלץ איינס. האַרי איזעדאָם האָט זיך געווענדט צו מיר: וואָס איז מיט אייך? — גאָרנישט, — האָב איך געענטפערט. איך האָב געענטפערט זעהר ניט איידעל. איך האָב געוואַרט אויף אייך, בלויז אויף אייך אַליין. מיך אַרט זעהר ווייניג, וואָס איך בין געווען ניט העפליך מיט האַרי׳ן. — כאַ־כאַ־כאַ — אַלץ האָט זיך גענומען דרעהען פאַר מיינע אויגען, דערנאָך בין איך אוועקגעלאָפען צום בערגעל, אָט דאָ, און אַלץ געוואַרט. איהר אָבער זיינט ניט געקומען!

איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגען, אָבער אינגעבאָרג האָט ניט געלאָזען.

— עס העלפט גאָרנישט וואָס איך זינג שטענדיג — האָט זי פאָרטגעזעצט, און אַ מאָדנער, אונטערטעניגער שמייכעל איז אַ פּאָר מאָל דורכגעלאָפען דורך איהר פּנים. — קיין זאַך העלפט ניט. אַ גאַנצען ווינטער האָב איך וועגען עפּעס געטראַכט, אָבער איך האָב ניט געוואוסט וועגען וואָס. אָבער ווען דער פריהלינג איז אָנגעקומען, האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען. איך בין אוועק צו אייך — אָ, וויפיעל האָט דאָס מיך געקאָסט! וואָס אַנבאַלאַנגט דאָס אַלץ וועגען קלאַרא׳ן איז עס, פאַרשטעהט זיך, ניט אמת, אינגאַנצען ניט אמת. זי האָט מיר גאָרנישט איבערגעגעבען קיין גרוסען צו אייך. איך האָב אויף זיך גענומען אַ גרויסע שולד. „דו וואָלסט געקענט איהם איבערגעבען אַ גרוס״,

האָט געשריבען קלאַראַ, נאָר מיר איז גלייך איינגעפאַלען, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי אַ וויץ. ניין, ניין, גיב איהם קיינע גרוסען ניט איבער. קלאַראַ האָט ניט געוואָלט, זי האָט אויסדריקליך געשריבען, אַז זי וואָלט דאָס ניט געוואָלט, איך זאָג אייך דעם גאַנצען אמת, אָבער איך האָב עס פּאָרט געטאָן. איך האָב דאָך גענדאַרפט האָבען עפּעס אַן אויסרייד.

איך האָב געוואָלט איהר איבערשלאָגען.

— ניין, ניין, — האָט זי פאָרטגעזעצט, — איהר האָט מיך פריינדליך אויפגענומען. איהר זייט ניט געווען פאַרוואונ־דערט. איהר האָט אויך ניט געלאַכט. איהר האָט זיך ענט־שולדיגט פאַר מיר פאַר אייער אַלטען רעקעל און הויכע שטיוועל, — דאָס איז געווען אַזוי ליעב פון אייער זייט. איהר זיינט אַ גוטער, איך וויים עס און קלאַראַ האָט דאָס מיר געזאָגט, אפילו זי, אייערע צוויי שלעסער און זעקס דערפער האָט איהר אוועקגעשאָנקען אָרעמע, איך וויים אַלץ וועגען אייך.

איך האָב זיך צושמייכעלט. — מיך אַמוזירט עס, — האָב איך געענטפערט.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך איינגעבאָרג צולאַכט, — — יאָ, יאָ, יאָ, — זי האָט פאַרשעמט אַ קוק געטאָן אויף מיר, לאַכענדיג דערביי, דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

— פירסט, פירסט, — האָט זי אַ מורמעל געטאָן און אַנט־שוויגען געוואָרען. איהרע האָר האָבען זיך צולאָזען. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? איך האָב ניט געפונען קיין איין פּאַסענדען אויסדרוק. מיר האָט זיך, פאַרשטעהט זיך, געוואָלט איהר זאָגען עפּעס אַ צאַרטעס וואָרט. נאָר עס איז מיר אויפ'ן זינען ניט געקומען.

וואָס האָט זי פּאָרט געוואָלט פון מיר? — אין אָנפאַנג האָט זי מיר געמאַכט פאָרוואורפען פאַר קלאַראַ'ן, און דערנאָך...

פּלוצים האָט זיך אויף מיין פּנים באַוויזען אַ שמייכעל. עס האָט זיך מיר דאָס אַלץ אויסגעוויזען זעהר נאַריש. די ווערטער, די אַלע אָפּגעריסענע ווערטער!

— איך בין ניט ווערט די אַלע ווערטער, — האָב איך גע־זאָגט. — איך שמייכעל דאָך. יאָ, אַלע ווערטער קענען מיך מאַכען אַזוי עהרגייציג.

אינגעבאָרג האָט אַ ציטער געטאָן און דערשראָקן געקוקט אויף מיר. איהרע ליפּען האָבען זיך צוקרימט און זי האָט קלאָנגלאָז אַרויסגערעדט: מען האָט מיר פיעל דערצעהלט וועגען אייך, פירסט, אויסער דעם האָב איך אַליין געטראַכט, איך האָב אָפט געטראַכט וועגען אייך. איך וואָלט געבעטען ביי אייך אַביסעלע ליעבע און, אויב דאָס וואָלט געהאַט עפּעס אַ ווערט, וואָלט איך אייך מיט דעם זעלבען אָפּגעענטפערט. איך שטעה פאַר אייך אין גאַנצען אָהן שטאָלץ, אָבער איהר האָט קיין האַרץ ניט.

איך האָב איהר געענטפערט: איך לעב פאַר זיך אַליין, איך בין פאַרמאַטערט און איך קען אייך אפילו ניט זאָגען, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען.

דאָס בלייכע פּנים פון דעם מיידעל איז טרויעריג אַראָפּ־געזונקען.

— הייסט דאָס, אַז איהר קענט שוין מעהר ניט ליע־בען? — האָט זי געזאָגט.

ווי קאָמיש האָט דאָס געקלונגען.

— ניין, — האָב איך געענטפערט. — איך ווייס ניט, ווי אַזוי דאָס קומט פאָר.

אינגעבאָרג האָט זיך אומגעדרעהט און מיט געמאָסטענע טריט זיך גענומען דערווייטערן. דאָס גאַנצע קלייד אויף איהר האָט געציטערט.

— פריילין גיזעלהער, — האָב איך געזאָגט. — איך האָב ניט געוואָלט מיט קיין איין וואָרט אייך באַליידיגען. איך האָב זיך געמיהט צו זיין מיט אייך אָפענהערציג. איך בין געווען זעהר צופרידען, וואָס איהר האָט מיך היינט באַזוכט.

אינגעבאָרג איז אַלץ געגאַנגען. איהר ווייסע פיגור האָט זיך שטיל געגליטשט אין דער דונקעלהייט און געוואָרען אַלץ דונקעלער, גרויער, — דערנאָך האָב איך זי אין גאַנצען פאַר־לאָרען פון אויג.

איך האָב אַ רוף געטאָן דעם הונד, און געלאָזט זיך אַרונ־טערגעהן מיט'ן וועג.

6.

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזען פון באַרג. ווי נאָר דער ווינד איז שטיל געוואָרען, האָב איך אָנגעצונדען מיין לולקע. איך האָב געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געלאַכט. זיי מיר מוחל, גאָט, וואָס איך האָב געלאַכט, אָבער דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויבען אויפ'ן באַרג, האָט מיך אַמוזירט.

אָ, ווי געשמייכעלט האָט איהר פּנים און ווי הייס עס זיינען געווען איהרע ווערטער! און אַלץ צוליעב מיר. — איז דאָס מעגליך? שטאָלץ און פרייד האָבען אָנגעפילט מיין האַרץ.

קעמפענדיג מיט'ן ווינד האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזען פון באַרג. פּאַצאַ האָט מיט זיין שאַרפער ברוסט דורכגעשניטען די לופט. איבער'ן שוואַרצען הימעל איז געשוואומען אַ סטאַדע פוכיגע וואָלקענדלעך. זיי זיינען אַלע געשוואומען צו דער לבנה אום אָנצוטרינקען זיך מיט ליכט. זיי האָבען פריידיג געלויכטען; עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבען איינס דאָס צווייטע איבעריאָגט און געריבען זיך איינער אָן צווייטען. דער וואַלד האָט זיך געוויגט, דער ווינד האָט זיך אויסגעקליבען בוימער און אַזוי געוויגט זיי, אַז זייערע שפּיצען האָבען אָנגעריהרט די ערד.

פונקען האָבען זיך געשאָטען פון מיין לולקע, און מיר האָט זיך יעדעס מאָל אויסגעוויזען, אַז איך זעה מיין פרעהליך פּנים.

די שנעל־אַרויסגעזאָגטע, טרויעריגע ווערטער פון אינגע־באַרג האָבען זיך אָהן אויפהער געטראָגען דורך מיין קאָפּ. זי איז געשטאַנען פאַר מיר, די האָר צולאָזען, דאָס פּנים בלייך און פול מיט טרויער. ווי שעהן און ריהרענד איז זי געוועזען און ווי האָבען געלויכטען איהרע גלאַנצענדיגע אויגען! וואַהר־האַפטיג, איך האָב נאָך איצט געזעהן זייער גלאַנץ.

איך האָב אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. ווי מאָדנע איז דעם מענשענס לעבען, אַז ער איז גרייט צו פאַלען אויף דער ערד פאַר אַ פרעמדען און אונטערטעניג זיך בוקען צו איהם אויב זיין צייט איז געקומען.

איך האָב געטראַכט וועגען דער יונגער מיידעל, וועגען איהרע צאַרטע, ציטערדיגע ווערטער און איך בין געווען טיף

געריהרט. דער פריהלינג איז געקומען, יאָ — און זי האָט געגען דעם גאָרנישט געקענט טאָן.

און גאָט'ס ווילען איז געווען, אַז זי זאָל זיך ווענדען צו מיר, צו וועמען עס זיינען גראָד דאמאָלט אָנגעקומען טעג אָהן פארלאנגען; צו מיר, וואָס איז געווען מיד, זעהר מיד פאַר ליעבע, וואָס פאָדערט דעם גאנצען מענשען, — שוין צופיעל מיד.

עס איז געווען אַ צייט, ווען דער בליק פון דער דיענסט פלעגט ווי פייער דורכלויפען דורך מיינע אָדערען און גאנצע נעכט פלעג איך חלומ'ען פון דעם דאָזיגען הייסען בליק, נאָר איצט זיינען אָנגעקומען טעג אָהן פארלאנגען, טעג ווען עס דרימעלט איין דאָס בלוט.

איך האָב זיך אָפגעשטעלט, פארקוקט זיך אויף די שווי־מענדע וואָלקענדלעך און אַ מיטגעפיהל צו דער באליידיגטער אינגעבאָרג האָט מיך ארומגענומען.

איך האָב זי געוואָלט אָנזאָגען און דורכשמועסען זיך מיט איהר. „אַ דאנק, אַ דאנק", — האָב איך איהר געוואָלט זאָגען. „איך קען אייך ניט ליעבען, פריילין אינגעבאָרג, עס זיינען אָנגעקומען פאַר מיר טעג אָהן פארלאנגען, נאָר אַ דאנק אייך פאַר אייער ליעבע. אויב איהר ווילט, קומט אמאָל אריין צו מיר, טעג און נעכט בין איך גרייט צו שמועסען מיט אייך; איך וויל זיין אייער פריינד. מיר איז אונאנגענעהם באמת, ווייל אין אזוינע טעג קען איך פיעל ניט געבען, איך בין עגאָ־איסטיש. דאָס איז דערפאַר, וואָס איך בין גליקליך מיט זיך אליין."

נאָר איך האָב זי ניט אָנגעיאָגט: איך בין געגאנגען ווייטער.

איך האָב געטראכט: „מעגליך, אַז איך בין אזוי רייך און גליקליך בלויז דערפאַר, וואָס זי ליעבט מיך. זי שענקט מיר איהרע געדאנקען, איהר ליעבע פון דער ווייטענס און איך ווער אזוי פרעהליך און לוסטיג, און זי — אזוי אָרעם און אומגליקליך. זי וואַרפט זיך אויף דער ערד און יאָמערט און אין דעם זעלבען מאָמענט נעהמט מיך ארום אַ פרייד, אַן אונערקלעהרבארע, טיפע

פרייד. איך אָטעם טיף און פריי! ניין, קיינער קען דאָס ניט זאָגען."

איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזען אַלץ ווייטער און ווייטער איבער'ן פינסטערען וואַלד־וועג און איך האָב ביי יעדען טראָט געטראַכט, אַז איך דאַרף זיך אומקעהרען און דורכרעדען זיך מיט איהר.

איצט געהט זי איבער'ן רוישענדען וואַלד מיט שטילע טריט, דורכגענומען פון קעלט, און טראַכט פון דעם מענשען מיט דעם מיד געוואָרענעם האַרץ. דער ווינד בלאָזט און זי הוסט. אָט איז זי אָנגעקומען אַהיים, אויסגעטאָן דאָס קלייד, דאָס שעהנע, ליכטיגע פריהלינגס קלייד, און עס אַ וואָרף געטאָן אונטער'ן בעט. זי וויל עס מעהר ניט אָנקוקען. אָבער אין שפּיגעל איז נאָך אַזוי ווי איבערגעבליבען איהר אָנבליק פון היינטיגען פריהמאָרגען. וועל איך איהם געפעלען? — האָבען שמייכלענדיג געפרעגט די ליפּען. די אויגען האָבען געענט־פערט: יאָ, יאָ, דו וועסט איהם געפעלען... זי האָט אַרונטער־געלאָזען די ברעמען...

איך האָב זיך אַלץ ווייטער אַראָפּגעלאָזען איבער'ן בער־גיגען וועג און דערביי זיך געוואָלט אַלץ אומקעהרען צוריק. וואונדערבאַרע ווערטער האָבען געקלונגען אין מיין קאָפּ.

יאָ, איך מוז זיך אומקעהרען און זאָגען איהר, אַז מען דאַרף האָבען געדולד מיט מיר. יאָ, געדולד! אַז זי איז שעהן, יאָ, צויבערליך שעהן.

איך בין געגאַנגען און געגאַנגען. מיין געדאַנק איז גע־וואָרען אַלץ דונקעלער.

מיט אַמאָל האָט זיך געעפענט מיין האַרץ.

פונקט ווי אַ קנאַסף האָט עס זיך צועפענט, איך האָב עס דערפיהלט. אַ ציטער האָט דורכגענומען מיך, — אַזוי ווי אַן אויסגעשריי פון פרייד וואָלט זיך צוטראָגען דורך מיין בלוט.

איך האָב זיך אומגעקעהרט און אָנגעהויבען צו קלעטערען באַרג ארויף, אין אָנפאַנג פאַמעליך און דערנאָך מיט גיכע טריט. דער ווינד האָט אונטערגעיאָגט מיך, דער וואַלט איז געוועזן פול מיט גערויש, וואָס האָט מיך געמאַכט אויפשוידערען ביז דער טיפעניש פון מיין נשמה.

איך בין געגאַנגען און געגאַנגען. איך האָב שוין איצט ניט געהאַלטען אין אָניאָגען אינגעבאָרג. איך בין געגאַנגען איבער'ן פינסטערען וואַלד אַלץ ווייטער און ווייטער. פּלוצים האָט זיך פאַר מיר אין וואַלד באַוויזען דער שלאָס מיט זיינע פיגלע באַלויכטענע שויבען.

ער האָט מיר אויסגעוויזען ווי אַ פעסטונג. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט.

7.

אפשר זאָל איך אַריינגעהן אין שלאָס מיט די פיגלע באַלויכטענע פענסטער און דער דיענער זאָל איבערגעבען: עמיץ וואַרט אין קאָרידאָר מיט'ן הוט אין האַנד?

עס האָט זיך גענעהנטערט דער פריהמאָרגען, עס האָט געבלויט דער טאָג. איך האָב אַרויסגעקוקט פון מיין פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין פּאַרק און געהערט דאָס געזאַנג פון די פייגעל. זי האָט אַרויסגעזונגען פון דער בלויער שטיל־קייט פון פריהמאָרגען, ווען אַלץ אַרום איז נאָך געשלאָפען.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געזונגען, ביז עס איז אַרוים די זון. דער פריהלינג האָט איהר ניט געלאָזען שלאָפען. אָפט האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגען איהר זינגען, נאָר היינט האָב איך פאַרשטאַנען דאָס קליינע פייגעלע, — און מיין האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן. איך האָב גוט געוואוסט, וואָס דאָס האָט באַדייט. בלויז אומגליקליכע און גליקליכע ציטערען ביים גע־זאַנג פון פייגעל. מיין האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט ביי יעדען קלאַנג און ווען זי האָט אָנגעהויבען צו צוויטשערען אַזוי שטיל, אַז מען האָט קוים געקענט הערען, האָב איך זיך דער־שראָקען, כ'האָב האַלב געעפענט דאָס מויל און מיין אָטעם האָט זיך אין גאַנצען אָפּגעשטעלט.

מיין צייט איז געקומען!

איך האָב צוגעדריקט די הענד צום פנים, אַ שמייכעל געטאָן און אַ קוש געגעבען מיינע הענד.

מיין צייט איז געקומען!

מיין קאָפּ איז פול מיט נעבעל, א גאָלדענער נעבעל איז אין מיין קאָפּ. עפּעס דרעהט זיך אין מיין מארך. מיין הארץ קלאַפּט.

איך וואָגעל איבער אַלע ווינקלען, איך באטאַפּ די טישען, שראַנקען, פּונקט ווי זיי וואָלטען געווען געמאכט פון לעבעדיג פלייש. איך שלעפּ זיך איבער אַלע ווינקלען און רעד מיט זיך אליין. איך פארציה די גארדינען און אַלץ ארום ווערט גאָלד. אין א גאָלדענעם צימער זיץ איך און איך שמייכעל צו זיך אליין. איך נעהם דעם שטעקען און לאָז זיך אין וועג. מיט גיכע טריט געה איך. מיינע טריט קלינגען אָפּ אויף די דרעמלענדע בוימער, די הינד בילען. איך שמייכעל. עס שמייכלען די שטערען.

איך האָב באפוילען איינשפּאַנען די בריטשקע און כ׳בין אוועקגעפאָהרען אין שלאָס פון גראף פלוגען.

איך האָב זיך ריין אָפּגעגאָלט און פארזיכטיג אָנגעטאָן דעם ווייסען קראַוואַט. אינגעבאָרג האָט זיך ניט באוויזען.

גראף פלוגען איז געווען אויסערגעוועהנליך העפליך. דאָס איז געווען א הינקענדיגער זקן מיט א לאנגער באָרד; ער האָט מיר אויסגעזעהן ווי א קארליק. איך האָב פארפיהרט א לאנגען שמועס, איך האָב אָנגעהויבען צו דערצעהלען פון ווייטע לענדער, וועגען דעם ווי עס לייכט ביי זיי די זון. אינגעבאָרג האָט זיך ניט געוויזען.

אין אָוונט זיינען פארביי מיין הויז דורכגעפאָהרען בריטשקעס. איך האָב ניט באמערקט ווער איז געזעסען אין זיי. איבער׳ן רויטען בוק האָבען זיך געהויבען פארשידענארטיגע ראקעטען. „א יום טוב״ — האָב איך א טראכט געטאָן. אין מיטען נאכט האָבען ווידער אמאָל די בריטשקעס זיך דורכגעטראָגען איבער׳ן בערגיגען וועג. אינגעבאָרג איז געזעסען אין דער פאָדערשטער בריטשקע; איך האָב זי דערקענט נאָך איהר הוט, נאָכ׳ן ציטערדיגען קלאַפּען פון מיין הארץ.

הארי איזעדאָם איז צוויי מאָל אין לויף פון א וואָך פארביי־געגאַנגען פארביי עדעלהאָף; גיך איז ער ארויפגעגאנגען אויפ׳ן בארג און פאַמעליך זיך ארונטערגעלאָזען פון בארג. דאָס לע־בען איז זיך געגאנגען זיין וועג.

פונקט ווי א אינגעל, וואָס קוקט אריין דורך א שפּאַלט אין א צירק, האָב איך געקוקט אויף דעם לעבען. עס האָט גע־שווינדעלט און געציטערט פאר מיינע אויגען.

א שטיל, א טריב און טרויעריג געזאנג האָט איין מאָל אין אָוועגד אויפגעקלונגען אין מיין נשמה.

א קעלט איז דורכגעלאָפען דורך מיין הויט...

איינמאָל אן אָוועגד, ווען דער וואַלד האָט געברענט ביים אונטערגאנג פון דער זון מיט א רויטען פייער, האָב איך באַ־געגענט אינגעבאָרג און הארי איזעדאָם אויפ'ן בארג. זיי זיינען געגאנגען איבער'ן וועג מיט גרויסע בוקעטען פון לאַנדישען אין די הענד און געלאכט. איך האָב דאָס באמערקט, איך האָב עס געהערט. שמייכלענדיג זיינען זיי ביידע צוגעגאנגען; אין אינגעבאָרג'ס אויגען האָט ניט געלויכטען קיין שום עראינערונג פון יענעם אָוועגד.

הארי איזעדאָם'ס אויגען האָבען געגלאנצט. איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן אזוינע אויגען: זיי האָבען ווי פאקלען געברענט אויף זיין פּנים, און זיין פּנים, וואָס האָט זיך שטענדיג אויסגעוויזען א בלייכס און א קרענקליכס, איז געווען פאר־צויגען מיט א לייכטען אָפּשיין פון גליק.

— איהר, מיינע הערדען, זיינט דאָך באקאנט? געוויס, געוויס, — האָט צוגעלעגט אינגעבאָרג און צושמייכעלט זיך. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען צו ריידען מיט פּאַפּאַ און איך האָב זיך איבערגעביטען מיט א פּאָר ווערטער מיט הארי איזעדאָם. — לעבט זיך איהם גוט אין רויטען בוק?

זעהר שעהנע וועלדער, ניט אמת? וואונדערבארע וועל־דער! יאָ, אויסער דעם האָט ער נאָך אין זיינע גיטער א טייך.

איהם לעבט זיך זעהר גוט אין רויטען בוק!... זיינע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו גלאַנצען, זיי זיינען געוואָרען עהנליך אויף דונקעלע גריבלעך, וואָס זיינען אָנגעפילט מיט עדעל־שטיינער. ניט ווילענדיג האָב איך די גאנצע צייט גע־קוקט אויף די גלאַנצענדיגע אויגען.

ער איז איצט פארנומען מיט שרייבען אן אָפּערע. דאָס ארומרייזען און די קאָנצערטען וויל ער אין גאנצען וואַרפען. הארי איזעדאָם האָט געהאט ברייטע ליפען, וואָס זיינען

זיך שארף צוזאמענגעקומען ביי די ווינקלען פון מויל; זיי האָבן דערמאָנט שטיקלעך פון אַן אָראַנזש און זיינען געווען רויט.

די מענער האָבן אָנגעטאָן די היט. אינגעבאָרג האָט זיך לייכט אַ נויג געטאָן. מיר האָבן זיך צושיידט.

איך האָב זיך פאַרדרעהט אין דעם גאָהענטסטען זייטיגען שטעגעל און פאַרוויכערט מיין לולקע. פאַר מיינע אויגען האָבן זיך פיעלע געשעהענישען אָנגעהויבען צו דרעהען אין דעם רויך פון דער לולקע.

פּאַצאַ האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויף מיר. ער האָט מיך גוט געקענט און ווען איך פלעג מיט איהם אָנהויבען רעדען, פלעגט ער הויך אונטערשפּרינגען און מיר אַ לעק טאָן.

איך האָב צאַרט געגלעט זיין פּלייצע, — אַרויף און אַרונטער.

אַ פּאָר טעג ארום. איך בין געגאַנגען מיט אינגעבאָרג אויפ'ן שפּיץ באַרג ביים זוים פון וואַלד. איבער'ן וואַלד איז געשטאַנען די זון אין רויטען ליכט; ווי אַ שוואַרצער קראַגען פון שפּיצען האָבן די שאָטענס זיך געלעגט איבער'ן באַרג. איבער דעם דאָזיגען קראַגען פון שפּיצען זיינען מיר געגאַנגען הויך איבער'ן טאָל מיט זיינע קליינע דערפלעך און גלאַנצענדיגע טייכלעך. זון־פלעקען האָבן געציטערט אויף אינגעבאָרג'ס קלייד און פּנים; מיר האָבן ניט גערעדט צווישען זיך. פּאַצאַ איז געגאַנגען נעבען אונז; מיט פאַרגעניגען האָט ער זיינע שלאַנקע פיס געשטעלט אין דעם הויכען, זאַפטיגען גראָז.

אַ דאַנק דער רעפלעקטירונג פון דעם גראָז און די בוימער האָט אינגעבאָרג'ס פּנים אויסגעזעהן גרין; טיילמאָל האָט זיך באַוויזען די זון. דאַמאָלס האָט זיך איהר פּנים אויף אַ ווייל
גענומען רויטלען.

אינגעבאָרג האָט וועגען עפּעס געטראַכט; אַלע איהרע געדאַנקען האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דעם.

מיר זיינען צוגעגאַנגען צו אַ באַנק און אינגעבאָרג האָט אַרויסגערעדט: — זאָלען מיר זיך אפשר צוזעצען אויף אַ פּאָר מינוט? — פרעגענדיג דאָס, האָט זי פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף מיר. איך בין איהר געווען דאַנקבאַר פאַר'ן בליק און פאַר די גאָרנישט זאָגענדיגע ווערטער. זי האָט עס דערפיהלט

און נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויף מיר, ווי זי וואָלט געוואָלט אויספּרובירען דעם אויסדרוק פון מיין פּנים. איך האָב דאָס זעהר גוט באמערקט. איך האָב אָנגעלעהנט די ביקס אָן אַ בוים. פּאַצאַ האָט געהיט די ביקס.

אַ פויגעל האָט זיך צוזונגען הינטער דער באנק. איך האָב גענומען זיך איינהערען: וואָס איז דאָס פאַר אַ פויגעל. דאָס איז געווען אַ פויגעל, וואָס איך האָב ביז דאמאָלט ניט געהערט. מעגליך, ער האָט דאָ אהער פארבלאָנזשעט.

איך האָב זעהר גוט געזעהן, אַז פיעלעס האָט זיך געביטען. איך בין געזעסען לעבען אינגעבאָרג און מיין האַרץ האָט גע־קלאַפּט. אינגעבאָרג איז געזעסען מיט אַ גלייכגילטיגען, אויס־דרוקסלאָזען געזיכט, דעם קין אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנד און מיט נייגעריגקייט געקוקט אויף די יונגע גרילען, וואָס זיינען ארומגעשפּרונגען אין גראָז.

אַ דינער קנייטש האָט זיך געלעגט צווישען אינגעבאָרג'ס ברעמען. איך האָב ניט געוואגט אָנצוהויבען ריידען מיט איהר. אויב זי איז אין אַ שלעכטער שטימונג, פאַר וואָס־זשע געהט זי אין גאנצען ניט אוועק?

זי איז געזעסען אזוי נאָהענט צו מיר, אַז איך האָב ניט געקענט אוועקלע[illegible]ען די הענד נעבען מיר, ניט אָנריהרענדיג זי. מיט אמאָל האָט דאָס בלוט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אריין: אזוי נאָהענט איז זי געזעסען. איך האָב געפיהלט איהר וואַ־רעמקייט.

איך בין געזעסען און ניט געריהרט זיך. איך האָב גע־טראַכט פון דעם דינעם קנייטש צווישען אינגעבאָרג'ס ברעמען. זי האָט געקענט זיך שאַפען מיט מיר, יאָ — דאָס איז געווען אין איהר מאכט. אָן איינציגער זשעסט — און איך וואָלט פארשוואונדען און קיינמאָל זיך ניט באוויזען פאַר איהרע אויגען. איך וואָלט פארלאָזען די אַלע ערטער, אויב זי וואָלט דאָס נאָר פארלאנגט: מיין אַנוועזענהייט דאַרף ניט שטערען איהרע שטימונגען.

שעהן האָט דער טאָל זיך צושפּרייט ביי אונזערע פיס, און אַלץ, אפילו דער קליינער קנייטש צווישען אינגעבאָרג'ס ברעמען, איז געווען רייצענד. טיף אונטען האָט דער פּ[illegible]ער

געשניטען מיט אַ גלאַנצענדיגער קאַסע; ער האָט אויסגעזעהן אַזוי קליין ווי אַ מוראשקע. אויף דער גרינגער לאַנקע אונטען האָט עפּעס געגלאַנצט ווי עדעל־שטיין. דאָס איז געווען בלויז אַ שטיקעל גלאָז, — דאָס האָט געגלאַנצט אַ צובראָכענע פלאַש. קעגענאיבער זיינען געווען צוואוואָרפען הייזלעך; אומעטום האָט שטילקייט געהערשט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען אונ־באַוואוינט.

פלוצים האָט זיך באַוויזען פון קאָרן־פעלד אַ רידעל, דאַן אַ הוט, דערנאָך אַ קאָפּ; דער קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבען און אַרונטערגעלאָזען זיך און ווידער פאַרשוואונדען אין קאָרן. דער רידעל איז פאַרשוואונדען צוזאַמען מיט'ן קאָפּ.

דער דאָזיגער טאַנצענדיגער קאָפּ האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון מיין פאַרטראַכטקייט. אַ געוועהטאָגטער, אונזיניגער געדאַנק האָט זיך דורכגעטראָגען דורך מיין קאָפּ. אפשר אַרומ־נעהמען אינגעבאָרג און זאָגען: „איהר ווייסט? גוט איז צו זיצען דאָ צוזאַמען מיט אייך און קוקען אין טאָל. גאַנצע שטונדען וואָלט איך געקענט דאָ זיצען מיט אייך, ווען איהר זאָלט אפילו קיין וואָרט ניט אַרויסריידען."

איך האָב באַוועגט מיט די ליפּען, באַלעקט זיי און געזאָגט:

— גוט צו זיצען דאָ און קוקען אין טאָל.

אינגעבאָרג האָט אַ שאָקעל געטאָן. יאָ — האָט זי געזאָגט.

אין טאָל איז געגאַנגען דער מענש מיט'ן רידעל. ער האָט אויסגעזעהן אַ קליינער, אַ בלויער. מיין האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעקוועטשט. דאָס שטיקעל גלאָז געגענאיבער אונז אין טאָל האָט אויפגעהערט צו גלאַנצען; שאָטענס האָבען זיך געלעגט אויף דער ערד. איך האָב געווענדט מיין בליק אויף די הייזלעך, וואָס זיינען געשטאַנען געגענאיבער אונז. זיי זיינען געווען באַוואוינט: פריהער איז איין טיר געווען אָפען, איצט האָט מען זי פאַרמאַכט. פון דעם וואַלד, וואָס האָט פאַרדעקט אַ האַלבען באַרג, איז עפּעס אַרויסגעקראָכען. עס איז געווען ענליך אויף אַ וועגעלע, וואָס איז געפיהרט פון ווייסע מייז. עפּעס ווייסעס איז געגאַנגען ביי דער זייט, עפּעס ווייסעס איז געלעגען אויף דעם וועגעלע. דאָס איז געווען דער מילנער, וואָס האָט געפיהרט זעק אויף אַ וואָגען, וואָס איז געווען איינגע־

שפּאַנט מיט אַ פּאָר ווייסע פערד. דער קאָרן האָט פאַרדעקט די פיס פון די פערד. דאָס ווענעלע איז צוגעפּאָהרען צו אַ קליין פּויעריש הייזעל. דאָס ווענעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט און אייניגע מענשען זיינען ארויסגעגאַנגען פון דער טיר. דאָס דיענסט־מיידעל האָט פאַנאַנדערגעבונדען די זעק און די מעהל האָט זיך אויפגעהויבען פון זיי, פונקט ווי אימיצער וואָלט אויס־געשאָסען.

דאָס אַלץ האָב איך געזעהן אונגעוועהנליך קלאָר און מיין האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעקוועטשט.

אינגעבאָרג האָט אַ ריהר געטאָן מיט איהר פוס, — איך האָב זיך דערשראָקען. זי האָט ווידער אַמאָל אַ ריהר געטאָן מיט'ן פוס, — איך האָב זיך ווידער דערשראָקען. יאָ, אַט שטעלט זי זיך אויף. מיר האָבען גענומען געהן. אין וואַלד האָט גענומען ווערען דונקעלער, די דונקעלהייט איז געוואָרען אַלץ שווארצער. דער הימעל האָט געוואָרפען זיין וויין־רויטען שיין דורך די שווארצע בערג. לאַנג איז געווען אונזער וועג. מיר האָבען גאָרנישט גערעדט צווישען זיך.

אַ פויגעל האָט גענומען צווויטשערען. איך האָב אַ שמייכעל געטאָן. אינגעבאָרג האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויף מיר.

— מיר דערמאָנט זיך איצט אַ חלום, פריילין גיזעלהער, — האָב איך געזאָגט. איך האָב גערעדט זעהר גיך; איך האָב גע־פיהלט, אַז איצט קען איך ריידען און אַ פרייד האָט ארומגע־נומען מיין האַרץ. — מיר דערמאָנט זיך אַ חלום. אָפטמאָל טראַכט איך: ס'ארא זאָנדערבארע זאַכען פּאַסירען מיט דער מענשליכער נשמה! איך האָב היינט קיין פאַרלאַנג ניט צו באַגעהן אַ גנבה, אָבער מאָרגען קומט אזא פאַרלאַנג און איבער־מאָרגען טו איך עס טאַקע, אָבער מיט דריי טאָג צוריק האָב איך אפילו וועגען דעם ניט געטראַכט. אַט זעצט מען מיך אין גע־פענגניש און איך הויב אָן צו טראַכטען וועגען זיך אַליין. מיט אַמאָל דערמאָן איך זיך, אַז מיר איז שוין אַמאָל געקומען אַ געדאַנק צו גנב'ענען... יאָ, אָבער וואָס רעד איך דאָס אַלץ איצט? דאָס האָט גאָר נישט צו טאָן מיט אונז. ניט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגען. איך האָב געוואָלט זאָגען, אַז אין אונזער נשמה לעבען וואונדערבארע פאַרלאַנגען און מיר ווייסען ניט

פון זיי. אָבער וואָס האָב איך פּאָרט געוואָלט זאָגן? איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען פון א חלום, וואָס האָט זיך מיר גע'חלומ'ט. מיר חלומ'ען זיך אויסערגעוועהנליך זאָנדער־באַרע זאכען. שטעלט אייך פאָר, מיט א פּאָר וואָכען צוריק האָב איך געהערט אין חלום א שטימע. אָ, ס'אַרא שטימע איז דאָס געווען! באַצויבערענד שעהן איז זי געווען. איך ליג אין בעט און מיר חלומ'ט זיך, אז איך ליג אין בעט און אימי־צענס שטימע רעדט מיט מיר. הערט זיך איין ס'אַרא מאָדנעם געשפּרעך מיר האָבען צווישען זיך געפיהרט, — די דאָזיגע שטימע און איך. די שטימע האָט געזאָגט, אז זי וויל בלויז מיך און ניט דעם בורשטינענעם לייכטער און ניט די פּערל־מוטערנע פּאַנטאָפּעלעך. „ניין, ניין. בלויז דיך אליין", — האָט געזאָגט די שטימע. איך בין מיר געלעגען און געשמיי־כעלט; איך האָב אין גאַנצען פארגעסען אָן דער שטימע; אזוי שעהן און באַצויבערענד האָט זי געקלונגען. „דערנאָך", — האָט פּאָרטגעזעצט די שטימע, — „וואָלטען מיר זיך אויפגעבויט אַ געצעלט ביים ברעג פון ים, אַ קליין געצעלט. דו ביזט דאָך אַ פישער", האָט געזאָגט די שטימע. „אַ פייער וועט ברענען אויף אונזער קאַמין און דו וועסט באַצירען מיינע שיך מיט שאָפּען פון פיש". — אויף דעם האָב איך דער שטימע געענט־פערט: „יאָ, יאָ, געוויס! איך וועל זיך ארונטערלאָזען אויף דעם בלויען דעק פון ים און וועל דאָרט זוכען שעהנע זאכען פאַר דיר. אפשר וועט מיר געלינגען צו קריגען פאַר דיר אַ שעהן מעסערעל", — האָב איך געזאָגט.

איך האָב אַ שמייכעל געטאָן און ווייטער פאָרטגעזעצט:

— די שטימע האָט אויף דעם געענטפערט, אז איך דאַרף זיך אָפּהיטען פון אַ פיש, דאָרט, אין דער טיפעניש פון ים. — כאַ־כאַ! — נאָר איך האָב פאָרטגעזעצט: „מעגליך, אז מיר וועלען געפינען עפּעס אַ קעסטעל, וואָס דער ים האָט ארויסגע־וואָרפען אויפ'ן ברעג, מיר וועלען זי עפענען און פון איהר וועלען זיך אַ שאָט טאָן אלטע קרוינען, גאָלדענע פאַסען מיט גרינגע און רויטע שטיינער, סצעפּטערען און שנאַלען און אויך אַ בראָשקע פאַר דיר". נאָך די ווערטער האָט די שטימע אָנגע־

הויבען פריידיג צו זינגען. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, — אין גאָרטען האָט געזונגען דער נאַכטיגאַל.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אינגעבאָרג און געוואַרט, אַז זי זאָל עפּעס זאָגען. נאָר קיין איינציגער מוסקול האָט ניט קיין ציטער געטאָן אויף איהר פּנים. איהר פּנים האָט אויס־געזעהן ווי פאַרגליווערט. זי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— נאָר־וואָס האָט אַ פויגעל געזונגען אין וואַלד און מיט אַמאָל האָב איך זיך דערמאָנט אָן יענער שטימע און אָן יענעם חלום, — האָב איך געזאָגט.

— איך פאַרשטעה אָבער ניט, וואָס האָט איינס צו טאָן מיט'ן צווייטען, — האָט געענטפערט אינגעבאָרג.

דער קנייטש צווישען די ברעמען איז געוואָרען נאָך טיפער.

וואָס האָט דאָס צו טאָן איינס מיט'ן צווייטען? דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן איינס מיט'ן צווייטען?

— איך האָב דאָך גענדאַרפט אייך ערקלעהרען די אורזאַכע פון מיין שמייכעל; איהר האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איך דאַרף אייך זאָגען, פאַר וואָס איך האָב זיך צושמייכעלט. מעגליך, אַז עס איז ארויסגעקומען זעהר אומגעשיקט פון מיין זייט.

מיר זיינען צוגעקומען צום שלאָס פון גראַף פלוגען. אויף די זיילען פון טויער זיינען געזעסען שטיינערנע לייבען, וואָס האָבען אונטערהאַלטען צוויי הערבען. די לייבען זיינען געווען באַדעקט מיט מאָך.

אינגעבאָרג האָט מיר דערלאַנגט די האַנד. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איהר. זי האָט זעהר גוט פאַרשטאַנען מיין בליק. זי האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען און געזאָגט: איך האָב מיין וואָרט געגעבען צו הארי איזעדאָם.

איך האָב זיך פאַרנויגט. טיף זיך פאַרנויגט, — מיין אומגליק האָט מיך נידערגעשלאָגען. אַ טיפער טרויער האָט מיך ארומגענומען.

— איך ווינש אייך גליק! — האָב איך מיט אַ רוהיגער און טיפער שטימע געזאָגט און אַרונטערגענומען מיין הוט.

איך בין אוועק.

איך בין אוועק אין דער טיפעניש פון וואַלד, די גאַנצע

צייט זיך אַלץ אָפּגעשלאָגען און ניט געוואוסט צו געהן רעכטס אדער לינקס, — מיר איז געווען אַלץ איינס. איך האָב זיך שטיל צולאַכט; אזוי לאַכט מען ווען מען ציטערט פאַר קעלט. כאַ־כאַ־כאַ, האָב איך געלאַכט, כאַ־כאַ־כאַ!

אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיך מיר געוואָלט וואַר־פען אויף דער ערד און אויסציהען זיך אויף איהר.

קומענדיג אביסעל צו זיך, האָב איך אויפגעזוכט דעם וועג און געלאָזען זיך אהיים.

עס איז געווען שפּעט. די שטערען זיינען ארויסגעשוואומען אויפ'ן הימעל. עפּעס ווייסעס איז געזעסען אויפ'ן פליגעל פון מיין הויז. דאָס איז געווען אינגעבאָרג.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און צוגעלאָפען צו מיר.

— ניין, ניין! — האָט זי אויסגעשריען.

שטיל איז זי צו מיר צוגעגאַנגען, גענומען מיך פאַר דער האַנד און אַ קוק געטאָן אין מיינע אויגען. אָ, ס'אַראַ בליק איז דאָס געווען! פול מיט ליידענשאַפט, ערשטוינונג און גלאַנץ. זי האָט אַ שמייכעל געטאָן און צוגעדריקט זיך צו מיר.

איך האָב זי ארומגענומען מיט דער האַנד און אַ קוש גע־געבען אין די ליפּען.

8.

וויפיעל מאָל האָב איך געקושט אינגעבאָרג? איך האָב ניט גערעכענט. אינגעבאָרג האָט אויך ניט גערעכענט. — זעה־סטו? — האָב איך געזאָגט און געקושט זי. זי האָט געשמיי־כעלט, ציטערענדיגערהייט פארגליווערט געוואָרען און אונטער־געשטעלט דעם מויל און קאָפּ פאַר קושען. — און דו האָסט געזאָגט, אז דו קענסט שוין מעהר ניט ליעבען!

— נו, זעהסטו איצט? — האָב איך געענטפערט און געקושט.

אָ, צייט, צייט, צייט איצט אהיים צו געהן, ניין, ניין, — איצט אהיים צו געהן? ניין, ניין! ווער טראַכט וועגען דעם? דו? ניין, ניין, קיינער טראַכט ניט דערפון.

וואָס איז דאָס אַזוינס געווען יענער אָוועגד? דאָס איז געווען אַ ווינד, וואָס לויפט אַן אויף בלומען. דאָס איז געווען אַ חלום פון צוויי פייגעלעך, וואָס זיינען איינגעדרימעלט גע־וואָרען אויף אַ קוסט. גאָט האָט געשמייכעלט צו זיי, באַגריסט זיי פיעלע מאָל.

די שטערען זיינען אויפגעגאַנגען, כאַ, כאַ! בלוי און פול מיט געהיימניספולער ליעבע איז געווען דער הימעל. מיר זיי־נען געזעסען אונטער אַ בליהענדען עפּעל־בוים, זי האָט זיך געשעמט צוזאַמען מיט די בלומען. ווייסע בלומען און בלויער הימעל, — ווי פון „טויזענד און איין נאַכט“ איז געווען דער הימעל.

איך האָב געקוקט אויף אינגעבאָרג און געזאָגט: ווי שעהן, ווי שעהן, ווי שעהן ביסטו. דו שענקסט מיר דעם הימעל!

איך האָב אַ שאָקעל געטאָן דעם עפּעל־בוים און בלומען האָבען זיך געשאָטען אויף אינגעבאָרג׳ס הערליכען קעפּעל.

אינגעבאָרג האָט געענטפערט: — ניין, דו ביסט שעהן! דו ווייסט ניט דערפון. דו ביסט אַזוי שעהן, ווי דו וואָלסט גאָר קיין מענש ניט געווען. אין דיינע אויגען איז דאָ אַזוי־פיעל וואַרעמקייט, ריינקייט. דו האָסט אויגען פון אַ קינד, — ווייסטו עס?

— ניין! — האָט מיין האַרץ געקלאַפּט.

— מיר דאַכט זיך, דו וואָלסט געקענט שטאַרבען אונ־טער׳ן מעסער פון אַ מערדער און דיינע אויגען וואָלטען ניט אַנגעוואָרען זייער אויסדרוק. אַזוינע אויגען האָט געהאַט יע־זוס, איך ווייס עס.

מיין האַרץ האָט געקלאַפּט.

עפּעס האָט אַ גלאַנץ געטאָן אין מיין קאָפּ. אַ ווייסער שטערען האָט אַ גלאַנץ געטאָן אין מיין קאָפּ.

— הער מיך אויס, ליעבע אינגעבאָרג, — האָב איך אַרויס־גערעדט. — ווייסטו וואָס? מיר איז נאָר וואָס געקומען אויפ׳ן זינען אַ לעגענדע. אָט טאַקע אין דעם מאָמענט. דאָס איז די לעגענדע וועגען גאָט׳ס מוטער און דעם פאַרפראָרענעם וויינ־גאָרטען.

דו דאַרפסט איהר אויסהערען, ווייל זי פּאַסט זיך איצט

זעהר. דו שטעל דיר פאָר, אַלע וויינגערטנער בליהען, נאָר איינער ניט. ער איז פארפראָרען געוואָרען. איינמאָל אין אַ נאכט איז איהם באפאלען אַ פראָסט. איך דערצעהל עס זעהר שלעכט... אך, ענטשולדיג מיר!... יאָ, אין דער זעלבער צייט איז גאָט'ס מוטער פארבייגעגאנגען פארביי דעם גאָרטען, און — הער אויפמערקזאַמער: אזוי ווי אין די פענסטער באווייזען זיך הונדערטער אויגען, ווען עס פאָהרט פארביי די קעניגין, אזוי האָבען זיך באוויזען בלומען אויף אַלע צווייגען פון וויינ־גאָרטען. און ווי קינדער שפרייטען אוים די הענטעלעך, ווען עס געהט פארביי די מוטער — אזוי האָבען אַלע בלעטלעך און בלומען געצויגען צו גאָט'ס מוטער. פארשטעהסט?

— אך, ווי שעהן! וואו האָט איהר געהערט די לעגענדע?

— געהערט? ניין! איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז די לעגענדע איז מיר געקומען אויפ'ן זינען ערשט אין דעם מאָמענט.

— נו, שוין שפּעט. אַ גוטע נאכט, אַ גוטע נאכט, אַ גוטע נאכט! קען זיך אימיצער פאָרשטעלען, ווי שטיל מען קען זאָגען: „אַ גוטע נאכט"? שטופענוויז, אלס שטילער און שטילער און דאָך הערבאר. און ווי דאַרף מען עס זאָגען? זאָגען אז עס זאָל האָבען זיין פולע באדייטונג. — „אַ גוטע נאכט דיר, דו מיין גליקזעליגקייט".

איך בין געבליבען אליין. פלוצים האָט זיך פאַר מיר באַ־וויזען פּאַצאַ און ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר. קיינער האָט איהם ניט באמערקט. איך האָב זיך געלאָזען אהיים. דורך דעם שווייגענדיגען און ברייטען פעלד בין איך געגאנגען אהיים. אין מיטען פון ברייטען און פייערליכען וואלד האָט גאָט זיך באגעגענט מיט מיר.

— דאָס ביסטו עס. אָקסעל? — האָט גאָט מיך געפרעגט.

איך האָב איינגעבויגען מיינע קני. יאָ.

גאָט'ס אָטעם האָט אַ וועה געטאָן אין מיין פנים.

איך בין געגאנגען ווייטער. מיך האָט באגעגענט דער פריהלינג, אַ נאַקעטער, אַ חוצפה'דיגער. ער האָט אַלץ גע־לאכט. קענסט מיך? — האָט ער געפרעגט. די אויגען פון פריהלינג זיינען געווען העל גרין. יאָ, האָב איך געענטפערט

און אַ שמייכעל געטאָן: צום ערשט צום קליינעם עפּעל־בוים ביי דער וואַנד פון פּאַרק, דערנאָך צו ליזעלאָט'ן.

איך האָב רעכנונגען מיט דיר! — האָט אַ זאָג געטאָן דער פריהלינג און אַ קיצעל געטאָן מיר אין קין, אַז איך האָב זיך צוקייכט פאַר געלעכטער.

איך בין געגאַנגען אַהין און צוריק אין דעם שטומען, ברייטען וואַלד.

עמיץ איז געגאַנגען מיר אַנטקעגען.

— ביסטו עס ווידער?

— יאָ, איך דרעה זיך אַרום, — האָט ער געענטפערט.

איך האָב איינגעבויגען מיינע קני. ער האָט אַנגעריהרט מיט זיינע פינגער מיינע אויגען־דעקלעך ,און איך האָב דערזעהן. אַז עס שטעהען מיר פאַר טעג פון פרייד. מיינע אויגען זיינען פייכט געוואָרען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך בין גליקליך. איך קען עס רוהיג זאָגען. איך ליג אין גראָז פאַר מיין הויז און איך אָטעם איין דעם אַראָמאַט פון פאַרשידענע בלומען און גראָזען.

פריהלינג זשוקעס טראָגען זיך איבער מיין קאָפּ. איך ליג דאָ אַ גאַנצע נאַכט און קוק אויף די שטערען. גיט אַ גלאַנץ אַ שטערען, גיב איך ניט ווילענדיג אַ בלינצעל מיט די אויגען. זילבערנע, דינע פינגער ציהען זיך צו מיינע אויגען. גיט אַ ציטער אַ שטערען, פיהל איך גלייך אַ לייכטען ציטער אין מיין האַרצען.

איך קוק אויף די שטערען און מיין האַרץ קלאַפּט; אַ ציטערניש נעהמט מיך אַרום, די שטערען לאַסטשען מיך.

איך הער די שטילקייט איבער מיר. עפּעס מורמעלט זי.

9.

אַ גרויער פאַרנעבעלטער טאָג.

אַ מענש זיצט אויפ'ן באַרג. אויף זיין לעדערן רעקעל העגגען צאַרטע פּערלענע טוי־טראָפּענס. ער האָט אַרונטער־

גענומען דעם הוט פון זיין הייסען קאָפּ. דער נעבעל שפּרייט זיך געדיכט פאַר איהם.

עס גיט אַ גלאַנץ דורך דעם נעבעלדיגען וואָלקען, גלאַנ־צענדיגע שווערדען שטעכען איהם דורך אין אַלע ריכטונגען. דער נעבעל ווערט צוריסען, עס ווייזען זיך די שפּיצען פון בוימער, זיי ברענען אין רויטען פייער. דורך די שפּאַלטען זעהען זיך פּאַסען בלויער הימעל, אַ שטיקעל בלייך־גרינער פעלד, קליינע פויערישע הייזלעך מיט בלינצלענדיגע פענסטער. פּאַמע־לעך טרעט דער נעבעל אָפּ צום וואַלד.

דער מענש קוקט צום טאָל, וואָס איז פאַרגאָסען מיט אַלערליי קאָלירען. אין איין צייט, פּונקט ווי צום טאַקט, האָ־בען טיף אונטען אַ רייהע שניטער אַ וויג געטאָן מיט די קאָסעס. די פענסטער פון די פויערשע הייזלעך, לאַכענדיג פאַר פאַר־וואונדערונג, קוקען אויף דער אויפגעהענדער זון. דער וואַלד זאַפּט זיך אָן מיט פייכטקייט און אָטעמט טיף אין הייליגער ערוואַכונג. אַלץ קלינגט אין וואַלד פון די פרעהליכע פויגעלשע שטימען.

דאָס ליכט פאַר בלענדט די אויגען פון דעם מענשען. נאָך איז די זון ניט אין גאַנצען אַרויס, דאָך געהט שוין דאָס מיידעל אַרוים אין וואַלד. עס טריפט דער טוי פון איהר, פּונקט ווי פון בלומען און גראָז. זי לויפט. איהר קלייד צובלאָזט דער ווינד.

— איך האָב דיך געוואָלט אָפּוואַרטען! — קלינגט איהר שטימע. — איך האָב געוואָלט וואָס פריהער אַהער קומען!

זי לאַכט, וויינט, וואַרפט זיך אויפ'ן האַרצען פון דעם מענשען.

זיינע הענד ציטערען.

די זון געהט אויף, פאַרטרייבט דעם נעבעל אין וואַלד; מיר געהען אין וואַלד, די זון לאָזט זיך אַרונטער אונטער די גאָלדענע בערג; מיר געהען אין איין רייהע, אין צווייען. מיר קוקען אויפ'ן באַרג: די שפּיצען פון די בוימער זיינען דורכ־זיכטיג, מיט אַ ליכטיגער גרינקייט זיינען זיי באַדעקט, אַזוי ווי מיט וואַסער; מיר געהען ווי דורך אַ ליכטיג גרינעם ים, וועמעס גרונד איז באַלויכטען פון דער זון.

— מיטאָג צייט, — זאָגען מיר.

טעג געהען איינער נאָכ'ן צווייטען. מיין הארץ קלאַפּט.

מיר באגעגענען זיך אויף א באנק אויפ'ן בארג. אינגע־בערג דערצעהלט מיר, ווי זי איילט זיך צו דער באנק.

יאָ, אין אָנפאַנג געהט זי גיך, זעהר גיך, דערנאָך לויפט זי, ענדליך נעהמט זי פליהען און דאָך דאכט זיך איהר אַלץ, אז עס איז זעהר לאנגזאם.

איך שמייכעל.

— איך בין די גאנצע נאכט געזעסען און געטראכט וועגען דיר! — זאָג איך.

אינגעבאָרג נעהמט אראָפּ פון האַלז א קייטעל מיט א גאָלדענעם מעדאַליאָן און שטופּט איהם אריין אין מיין האנד איילענדיג, ווי זי וואָלט מורא געהאט, אז עמיץ זאָל ניט באַ־מערקען.

— נעם — זאָגט זי — נעם! איך האָב קיין זאך, וואָס איז טייערער ביי מיר.

— ערלויב מיר צו קושען די שפּיצען פון דיינע שיך, — זאָג איך.

אין אָוועגד קומט אינגעבאָרג צום וועלדעל. וואָס איז נעבען איהר הויז; זי טראָגט אין דער האנד א קליינע העפט.

— נעם — זאָגט זי — נעם! דאָס איז א העפט נאָך פון די קינדער יאָהרען, א קליינע העפט, — מעגליך, אז דיר וועט עס זיין אנגענעהם.

איך זאָג זיך אין אָנפאַנג אָפּ. איך דאנק אינגעבאָרג פון דער טיפענייש פון מיין הארץ. איך נעם ארונטער מיין הוט און געה צוזאמען מיט איהר.

— צו וואָס האסטו ארונטערגענומען דעם הוט? — פרעגט אינגעבאָרג.

— היים איז אין וואַלד, — ענטפער איך.

אינגעבאָרג נעהמט פון קעשענע ארויס א פאָטאָגראפיש בילד.

זי לאַכט.

ער שטעהט אויפ'ן בילד מיט דער פידעל אין דער האנד און קוקט אויף אונז מיט זיינע גרויסע ווייבערשע אויגען.

אינגעבאָרג לאַכט. — ער איז נאַריש און שטאָלץ, — זאָגט אינגעבאָרג און רייסט זייז בילד איז קליינע שטיקלעך און צוואַרפט זיי.

איך לאַך. — יאָ, ער איז נאַריש און שטאָלץ, — זאָג איך.

— איך וואָלט דיר געוואָלט אָוועקגעבען אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, — זאָגט אינגעבאָרג.

איך ווייס נים, וואָס איך זאָל אויף דעם ענטפערען.

איך דריק איהר האַנד.

— אָ, — זאָגט זי, — און פאַרמאַכט האַלב איהרע אויגען. — איך דרימעל איין.

מיינע אויגען האָבען דערזעהן אַ הערליכע וועלט; איך האָב געפיהלט, אַז איך באַלאַנג איהר און איך האָב ניט געהאַט פאַר וואָס זיך צו שעמען.

מיין האַרץ איז געוועזן פול און רייך און דאָס האָט אָנגעפילט מיין ברוסט מיט אַ זיסער פרייד. פול מיט דאַנקבאַרקייט, באַוואונדערונג און ליעבע איז מיין האַרץ געוועזן איז יענער צייט.

איך האָב געקוקט אויף אינגעבאָרג'ס לייכטער פיגור. זי איז געגאַנגען צוזאַמען מיט מיר. איך האָב זי באַוואונדערט און בין געוועזן דאַנקבאַר, דאַנקבאַר צו דעם גייסט, וואָס האָט מיר אין דעם פריהלינג צוגעשיקט אינגעבאָרג; איך בין געוועזן איהר דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס זי האָט מיר ערלויבט צו געהן צוזאַמען מיט איהר. איך האָב מעהר ניט פאַרלאַנגט, ווי דאָס, אַז איך זאָל שטענדיג האָבען די מעגליכקייט צו געהן צוזאַמען מיט איהר; דאָס איז געוועזן מיין גליק!

איך האָב געקענט איינשלאָפען, געהענדיג צוזאַמען מיט אינגעבאָרג; איך האָב געקענט אָנווערען מיין באַוואוסטזיין, קיין איינציגער געדאַנק איז מעהר ניט געוועזן אין מיין קאָפּ. קיין איין־איינציגער קלאָרער געדאַנק. אַ קלאָרער געדאַנק? — אַך, — כאַ־כאַ־כאַ — ניין, איך בין געוועזן פאַר'שכור'ט, קיין איין געדאַנק, קיין איין־איינציגער קלאָרער געדאַנק!

אינגעבאָרג האָט דערפיהלט מיין בליק. זי איז צוגעגאַנגען צו מיר, אויסגעשטרעקט מיר איהרע הענד, אַ קוק געטאָן אין

מיינע אויגען און צושמייכעלט זיך. אַ צייט זיינען מיר אַזוי געשטאַנען. גאָט ווייס, ווי לאַנג.

איך האָב גוט אויסשטודירט איהרע אויגען. אָפט גע־טראַכט, איך האָב שטענדיג געטראַכט פון איהרע אויגען. עפּעס אַ באַזונדערען גלאַנצענדיגען אויסדרוק האָבען געהאַט איהרע אויגען. פּונקט ווי דער מאָרגען־רויט האָבען זיי געברענט. איך האָב פאַרגעסען שוין דעם אויסדרוק פון איהרע אויגען. איך קוק ווידער אין זיי, אין די דאָזיגע אויגען: יאָ, עפּעס לייכט און גלאַנצט אין איהרע אויגען, וואָס עס קען ניט פאַרבלייבען אין קיינעמס זכרון. איהר דאַר געזיכט האָט זיך פאַרשמעלערט ביז צום קין, עס קוקט אַרויס פון אונטער איהרע גאָלדענע לאָקען, וועלכע הענגען אַרונטער אויף איהרע באַקען און, ווען זי בויגט איין דעם קאָפּ, גרייכען זיי צו איהר ברוסט.

איהרע דאַרע באַקען זיינען באַדעקט מיט אַ לייכטען פאַרב, ווען זי לאַכט ווייזען זיך אויף זיי גריבעלעך.

איהר שמייכעל איז באַצויבערענד און אַלץ לאַכט אין איהר, ווען זי שמייכעלט; קיינמאָל וועל איך שוין איהר שמייכעל ניט פאַרגעסען, — איך זעה איהם טאָג נאָך טאָג. איך קען גוט דעם שמייכעל, נאָר יעדען טאָג זעהט ער מיר אויס ניי. יעדען טאָג ענדער איך איהם, אָט דעם שמייכעל. ער דרינגט אַריין אין מיין בלוט און טראָגט מיט זיך פרייד און לוסטיגקייט.

היינט דאַכט זיך מיר, אַז אַ גאָלדענער אָפּשיין איז צו־גאָסען איבער איהר פּנים, ווי אויף די בילדער פון די אַלטע מייסטערס. מאָרגען ווידער — שטעלט זיך מיר פאָר — ווי דאָס גאָלד פון צייטיגע זאַנגען איז צושאָטען איבער איהר פּנים. איבערמאָרגען דאַכט זיך מיר שוין, אַז אַלע פאַרבען פון די פעלדער און לאָנקעס האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אויף איהר פּנים. — איינגעבאָרג, איינגעבאָרג...

אין דער צייט האָב איך אויפגעשריבען אַ בריוו צו מיין פריינד, דעם פּאָעט קאַרל בליטהאופט. איך בין גליקליך, — האָב איך געשריבען, — קום וואָס גיכער. וויכטיגע געשעהע־נישען זיינען פאָרגעקומען אין מיין לעבען, מיין לעבען איז איצט באַגאָסען מיט זון, איך לעב לעבען אַ הערליכען מלאכ'ל — איך בין גליקליך — קום וואס גיכער.

נאָך מעהר איינצעלהייטען האָב איך געשריבען. איז דאָך מיין פריינד בליטהאופט א פּאָעט, ער וועט דאָך פארשטעהן אלץ, ווען ער וועט דורכלעזען: איך בין גליקליך, זעהר גליקליך. א ים פון גליק האָט א שטראָם געטאָן אויף מיר, איך בין גליקליך.

צוויי שעה צייט האָט מיר גענומען אוועקצוטראָגען אויף דער פּאָסט דעם בריף פון מיין גליק. איך בין געגאַנגען ביי נאכט און האַלטענדיג דעם בריף אין דער האַנד האָב איך גע־וויגט איהם אין אלע זייטען.

איך בין גליקליך. איך לעב אויף דער זון אין גאַרטען. א קוואַל פון גליק האָט באַטויהט דעם גאָרטען, די בלומען פרעהען זיך. איינצעלהייטען וועל איך דיר איבערגעבען, ווען מיר ווע־לען זיך זעהן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר זיינען געגאַנגען אין וואַלד. פּאַצאָ האָט אָנגעשפּיצט די אויערען און אָפּגעשטעלט זיך.

ער האָט זיך אויף וואָס געציעלט.

— רוהיג, פּאַצאָ, — האָב איך א געשריי געטאָן.

פּאַצאָ איז צוגעלאָפען צו מיר און געקוקט אלץ צום וועלדעל.

— עמיץ מוז זיין אין וואַלד, — האָב איך געזאָגט. — דאָרט איז א מענש, ניט קיין חיה, איך ווייס עס, פּאַצאָ.

אינגעבאָרג האָט א קוק געטאָן אויף מיר און איז בלייך געוואָרען. מיר זיינען ווייטער געגאַנגען.

— קום אין פעלד, — האָט ארויסגערעדט אינגעבאָרג. זי האָט געציטערט.

— אפשר איז דאָס געווען איזעדאָם?

— זי האָט ארויפגעלעגט איהר האַנד אויף מיין אקסעל און פאָרשענד א קוק געטאָן.

— וועגען וואָס טראַכסטו?

איך האָב א שמייכעל געטאָן. — שעהן ביזטו, אינגע־באָרג! — אָט וועגען וואָס איך טראַכט. — גוט ביסטו, אינ־געבאָרג.

— ערלויב מיר צו דערצעהלען דיר, אַקסעל. הער מיך אוים. ער שלעפּט זיך דאָ ארום. איך ווייס עס. פון לער

PUBLIC LIBRARY MONTREAL

צייט, וואָס איך האָב זיך באקענט מיט איהם, פאַרפאָלגט ער מיך. נאָך אַלס אַ אינגעל האָט ער מיר פאַרפאָלגט. ער איז אַזוי עזות־פּנים׳דיג און שטאָלץ! איך האָב פריהער מורא געהאַט פאַר איהם, דער עיקר פאַר זיינע הענד. צווישען מיר און איהם איז גאָרנישט געשעהן, איך קען איהם ניט אָנקוקען. יאָ, אמת, איך האָב איהם צייטענווייז ליעב געהאַט, נאָר דאָס איז געווען דאמאָלט, ווען איך בין נאָך געווען אַ נאַריש מיידעל און האָב שטאָלצירט מיט איהם. ער פלעגט אָפט באקומען בלומען פון פרויען און פלעגט זיי אַוועקוואַרפען. ער האָט געהאַט אַ שפּילקע פון אַ קעניגין, האָט ער זי אַוועקגעשאָנקען אַ פויערשען אינגעל. — איך וויל אפילו פון קיין קעניגין נישט באקומען קיין מתנות, — האָט ער געזאָגט. מיר איז דאָס געפעלען געוואָרען, — איך בין דאָך געווען אַזוי נאַריש אין יענער צייט. מיר איז געפעלען, ווען ער איז געשטאַנען פאַר מיר און זיינע אויגען האָבען געקוקט ווי די אויגען פון אַ הונד. דאָס איז אַלץ געמאַכט. ער בלאָזט פון זיך און איז נאַריש! שטענדיג רעדט ער וועגען זיך און וועגען זיינע קאָנצערטען, און וועגען דעם, ווי דער עולם איז געשטאַנען אויפ׳ן וואָגזאַל און ערוואַרט איהם. ער האָט פאַר מיר שטענדיג געוויינט. — איך וויין פאַר דיר — האָט ער געזאָגט — טויזענדער, פיעלע טויזענדער פרויען זיינען געווען גרייט פאַר מיר אָפּצוגעבען דאָס לעבען. דו אָבער ווילסט ניט קוקען אויף מיר.

אַ פּאָר טאָג נאָכדעם זיינען מיר ווידער געגאַנגען אין וואַלד און פּאַצאָ האָט גענומען בילען. דאָס איז געווען אין הויכע בוקאָווען וואַלד. פּאַצאָ האָט גענומען בילען און אַ וואָרף געטאָן זיך אין וואַלד. האַרי איזעדאָם האָט זיך באַוויזען פון אונטער אַ בוים.

— רופט צוריק אייער הונד, — האָט ער אויסגערופען און פאַרדעקט זיין פּנים מיט די הענט.

ער איז געשטאַנען אויפ׳ן וועג און געקוקט אויף אינגעבאָרג.

זיין פּנים איז געווען פון אַ בלייך־ערדיגען קאָליר; די ברייטע רינגען אונטער זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט מיט אַ דונקעלען קאָליר.

זיין דאר געזיכט איז געווען עהנליך צו א געזיכט פון א פרוי, וואס האלט ביים שטארבען. זיינע ליפען האבען געציטערט, ער האט צוגעלייגט זיין לינקע האנד צום הארץ און זיינע פינגער האבען גענומען נערוועז קלאפען.

— איך זוך אייך שוין אייניגע טעג אום דורכצורײדען זיך מיט אייך, — האט ער געזאגט, — איך האב אייך בלויז געוואלט זאגען, אז איהר האט א קורצען זכרון, פריילײן אינגעבארג!

ער האט צוגעלייגט זיין האנד צום הוט און מיט גיכע טריט אוועק אין וואלד.

— קום — האב איך געזאגט צו אינגעבארג, און צארט ארויפגעלייגט מיין האנד אויף איהר אקסעל.

אינגעבארג איז געווען בלייך. זי האט א לאנגע צייט ניט גערעדט. דערנאך האט זי זיך מודה געווען:

— איך האב איהם פארט ליעב.

א מעסער האט זיך ארייגעשטאכען אין מיין הארצען; איך האב שטיל ארונטערגענומען מיין האנד פון איהר פלייצע.

— ניין, ניין! נעם ניט ארונטער דיין האנד. א קליין ביסעלע האב איך איהם דאך ליעב; מיר טוט וועה דאס הארץ פאר איהם, נאר דיך האב איך טויזענדער מאל מעהר ליעב, טויזענדער מאל מעהר! קוש מיך, אקסעל, זיי גוט צו מיר.

— איך האב דיך ליעב — האב איך געענטפערט און געקושט זי. — איצט איז שוין אלץ ווידער גוט.

— איך האב זיך דערשראקען, אקסעל. דו דארפסט מיך אויסהערען. איך האב איהם געגעבען מיין ווארט. — דאס איז געווען מיט א פאר טאג נאכדעם, ווי איך האב דיר געזאגט אויפ'ן בארג, אז איך האב דיך ליעב. ער איז געקומען צו מיר אין גארטען. — מען זעהט אייך אזוי זעלטען, — האט ער געזאגט. — איך שפאציר אפט. — יא — האט ער פארטגעזעצט. — די קרוין פון א קעניגין איז מעהר אנציהענד ווי דער רוהם פון א פידעל־שפילער. אזוי נאריש און פרעך איז ער געווען. נאר איך בין אין יענע טעג געווען אומגליקליך און הילפלאז, דערפאר בין איך ניט געווארען אין כעס אויף איהם. איך האב זיך פאנאנדערגעלאכט. — נו, וואס רעדט איהר! — האב איך אויס־

געשריען און צולאַכט זיך. אַך, איזעדאַם, ווי נאַריש איהר זייט ציימענגוויין! — אין דעם אָווענד האָב איך איהם געגעבען מיין וואָרט. איך האָב איהם עס געגעבען בלויז פון עקשנות. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנד אויף מיין פּלייצע און איך האָב אַ קלער געטאָן וועגען דיר. — זאָל ער זעהן, — האָב איך אַ קלער געטאָן — זאָל ער זעהן! איך בין אַוועק שפּאַצירען מיט איזעדאַם אין וואַלד בלויז אום צו טרעפען זיך מיט דיר און אַ שטאָך צו טאָן דיר. דו וועסט דאָך דאָס ניט פאַרשטעהן, ניין, ניט פאַרשטעהן. איך בין געוועזן אומגליקליך און צובראָכען, און אַלץ האָט זיך געדרעהט אין מיין קאָפּ. אָ, מיט וויפיעל פרייד איך וואָלט דאָס געגאַנגען נאָך דיר, איך וואָלט גלייך געגאַנגען צו דיר, נאָר ווען איך האָב דיך דערזעהן, — האָב איך אָנגעהויבען צו רעדען מיט פאַצא...

מיר זיצען אויפ'ן פעלד, אויף דער זון. אינגעבאָרג זינגט אונטער אין דער שטיל און בינדט אַ קראַנץ פון פעלד בלומען. איך ליג אויפ'ן גראָז, ליג און קוק ווי אינגעבאָרג בינדט דעם קראַנץ. קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך ניט געהערט אַזאַ שטימע, קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך ניט געזעהן אַזוי פיעל שעהנהייט, ווי ביי אינגעבאָרג. זי האָט לאַנגע גאָלדענע וויהעס. עס דאַכט זיך, אַז אַ קליינע זון איז באַהאַלטען אונטער איהרע אויגען־דעקלעך און וואַרפט שטראַלען. זי האָט ברעמען, מען קען איבערצעהלען יעדער איינציג האָרעל. זיי זיינען ווי מיט אַ פּענזעל אָנגעצייכענט און, דאַכט זיך, דעם פּענזעל האָט געפיהרט אַ האַנד פון אַ יאַפּאַנעזער. זי האָט אַ הויכען און ריינעם קאָפּ אין וועלכען עס געפינען זיך אַ גרויסע צאָהל געדאַנקען, פון וועלכע זי אַליין ווייסט ניט. אינגעבאָרג דרעהט דעם קראַנץ אין אַלע זייטען און מיט מוטערליכער ליעבע דריקט זי איהם צום ברוסט. אַ פויגעל זינגט אין נאָהענטען וועלדעל. אינגעבאָרג האַלט איין דעם אָטעם און הערט זיך צו.

זי פיהלט מיין בליק. זי הויבט אויף איהרע אויגען און שמייכעלט צו מיר. ווידער איז זי פאַרנומען מיט איהר קראַנץ, זי האָט אין גאַנצען פאַרגעסען אָן מיר. מאַכט אַ פרייליך קינדיש מיילכעל, זי שמייכעלט צו די בלומען און זינגט שטיל אונטער.

זי האָט געענדיגט. — געפעהלט דיר? — פרעגט זי

— יאָ.

— נו, אויב אַזוי נעם איהם! נאָר זעה היט איהם!

אינגעבאָרג איז די מוטער פון בלומען און פייגעל, זי צערטעלט די בוימער. זי קען אלע גראָזען, די נעמען פון אַלע פייגעל, אלע קוסטען. זי קוקט אויף די שפּיצען פון די בערג, פונקט ווי זי וואָלט דאָרט געזעהן וועלכע עס איז געזיכטער. איינמאָל האָב איך זי געטראָפען רעדענדיג מיט בלומען, ווי מיט קינדער.

אינגעבאָרג איז געבאָרען געוואָרען אין וואלד.

איך זעה איהר היינט, איך זעה איהר מאָרגען, יעדען טאָג זעה איך זי. יעדען טאָג דאכט זיך מיר, אז איך זעה זי צום ערשטען מאָל. און מיין הארץ קלאפּט ביי איהר אָנקומען ניט ווייניגער, ווי דאָס ערשטע מאָל.

אָפט בין איך אין יענער צייט לאַנגע שטונדען אין דער נאכט געלעגען פאר'ן הויז אין גראָז. מיט אַ זילבערנעם גלאַנץ שימערט דער טאָל, פול מיט וואָלקענס איז דער הימעל. שווארצע פייגעל טראָגען זיך רוישלאָז איבער'ן וואלד, פינקלענדע זשוקעס שוועבען פארביי. צייטענווייז האָבען זיי זיך געזעצט נעבען מיר און איך האָב ניט ארונטערגענומען די אויגען פון זיי. אָ, ווי קליין זיי זיינען געווען, ווי שטיל און הערליך! זיי האָבען געליעבט איינער דעם צווייטען און זיינען געווען פונקט אַזוי גליקליך ווי איך — דער גרויסער זשוק. איך האָב בעאָבאַכט זיי ביז זיי זיינען פארשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטערניש פון די קוסטען. אָהן אַ שיער זשוקעס און נאכט-שמעטערלינגען האָבען זיך געטראָגען איבער'ן וועג.

איך בין געלעגען און געטראכט וועגען אינגעבאָרג, וועגען זיך און מיין גרענצלאָזען גליק. די רוהיגקייט פון דעם טאָל האָט דורכגעדרונגען מיין הארץ.

דאָס איז געווען אַזאַ טיפע רוה, פון וועלכער איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געוואוסט. מיין הארץ איז געווען איבערפילט. און איך בין אויפגעשטאַנען, אויפגעהויבען די הענט און געבענשט די וועלט. עס האָט זיך דורכגעטראָגען דורך מיין הארץ: יאָ, זאָל דער פרידען ארונטערנידערען אויף

אלע מענשליכע הערצער, — א זיסער פרידען; זאל זיין גליק־ליך דער אומגליקליכסטער מענש אין דער גאר ווייטסטען לאנד, דער קלענסטער ווארעם אין דער שווארצער ערד. ווארעמקייט דעם פארפרארענעם, ברויט דעם הונגעריגען, א לייכטער טויט דעם מידען, א רוהיגען ים דעם מאטראז!...

איך בין געלעגען אין גראז ביז שפעט אין דער נאכט און געפיהלט, ווי איך וואלט שוועבען.

רוהיג פארענדיגט די ערד איהר וועג, האב איך געטראכט און געעפענט די ליפען און געמורמעלט: — רוהיג פארענדיגט די ערד איהר וועג.

אין דער צייט... יא... וואס איז דען ניט געווען אין יענער צייט?

לייענדיג זיך שלאפען, האב איך געצעהלט די מינוטען, ווען איך וועל זי דערזעהן ווידעראמאל. נאך אמאל האב איך דורכגעלעבט דעם פארגאנגענעם טאג און אונטערגעפיהרט דעם סך הכל. איך האב געפיהלט די באריהרונג פון איהרע ליפען מיט מיינע; מיינע הענט האבען אין געדאנק געפיהלט דעם דרוק פון איהרע הענט. ווידער אויפגעלעבט אין מיין זכרון האט די ווארעמקייט פון איהר אטעם, די צארטקייט פון די האר, דער גלאנץ פון די אויגען און איהר שמייכעל.

דערנאך פלעג איך איינשלאפען און אין חלום זיך ווידער באגעגענט מיט אינגעבארג. יעדע שטונדע האב איך ערוואכט און געקוקט אויף די שטערען, — זיי האבען געגלאנצט, גע־לויכטען, געפלאטערט און ענדליך פארבלייכט.

אינגעבארג האט געזאגט: ביי טאג וואנדעל איך ארום ווי אין חלום, און אין חלום ביי נאכט — ווי ביי טאג. אינ־געבארג האט געזאגט: אלץ זעה איך אין א ליכטיגען קאליר. קיינמאל איז דער הימעל ניט געווען בלויער און גרינער, דער וואלד. אלץ איז געווען ארומגעזוימט מיט די שטראלען פון דעם רעגענבויגען. א, אקסעל, איך בין דיר דאנקבאר פאר דעם אלעם.

.10

אינגעבאָרג, אינגעבאָרג, דו ביסט דער ליעבלינג פון גאָט און די שעהנהייט פון דער וועלט.

די טעג זיינען פאַרבייגעגאַנגען, פונקט ווי בלעטלעך פון רויזען, וואָס שווימען אין טייך, — שטיל, שעהן, קוים באַמערק־באַר, — אזוינע זיינען געווען יענע טעג.

דער טאָג האָט זיך געוויגט ווי א גאָלדען וויגעל, דער וואַלד האָט גערוישט ווי אַן אָרגעל, די פויגעל האָבען געזונגען, ווי זיי וואָלטען האָבען דימענטענע שנאָבלען.

און אינגעבאָרג האָט געיובעלט: אַלץ בלויער ווערט דער הימעל און אַלץ זיסער — דיינע ליפּען.

— איך האָב דיך ליעב! — ווי שעהן איז צו האָבען א מעגליכקייט צו קענען זאָגען דאָס וואָרט, ווי שעהן איז צו דער־הערען דאָס וואָרט!

קליין, זעהר קליין איז דאָס וואָרט, אָבער יעדער מוז עס אמאָל זאָגען און יעדער מוז עס אמאָל דערהערען. מעג עס זיין א גנב מיט די שוואַרצסטע, בלוטיגסטע געדאַנקען, מעג דאָס זיין א געלעהרטער, וואָס גריבעלט זיך דאָס גאַנצע לעבען איבער ביכער — יעדענס צייט מוז קומען.

ער פאַרגעסט אַלץ, זיין שכל נעהמט זיך פאַרנעבלען און די ליפּען רעדען אַלץ דאָס קליינע, קליינע וואָרט. מעגען אין זיין קאָפּ זיין הויכע, אייביגע געדאַנקען, מעג דאָס זיין א גרוי־סער מענש, וואָס פאַרנעהמט פּיעלע מוחות, — זיין צייט וועט קומען און אַלץ, וואָס ער וועט זאָגען, וועט זיין דאָס וואָרט.

עס איז אַלט און פול מיט טיפען געדאַנק, עס איז אין איהם פאַרבאָרגען דאָס בלוט פון דעם גאַנצען מענשליכען האַרץ, זיין גאַנצע פרייד, זיין גאַנצער טרויער; טאָג און נאַכט רעדט דאָס וואָרט, עס רעדט אין זיסען מורמעל און דורך צייהן־קריצעניש און געריעדט וועט עס ווערען שטענדיג, אזוי לאַנג ווי אונטער'ן הימעל וועט זיך הערען דער לערכען געזאַנג.

זיי געבענשט, אינגעבאָרג! איך האָב דיך ליעב, דו מעגסט עס גלויבען.

איך שלעפּ זיך ארום, לאַנג קוק איך אויפ'ן הימעל, לאַנג

קוק איך אויף דער ווייטקייט, וואָס רינגעלט אונז אַרום. איך שמייכעל. איך שטעה פאַר אַ שטיין אין וועג און שמייכעל. קיינמאָל וועל איך ניט מיד. ניין, עס עקזיסטירט מעהר ניט קיין מידקייט. איך עפען די אויגען: ליכטיג און ברייט איז מיין נשמה.

מיין קאָפּ איז פול די גאַנצע צייט מיט געדאַנקען, מיט גרויסע געדאַנקען. רייך איז מיין נשמה און אַ פאַרלאַנג פלאַ־קערט אין איהר.

איך פיהל זיך פאַר אַ פּאָעט, אין וועמעס האַרץ עס ברויזען גרויסע טרוימען.

אויף דער וואַנד פון פּאַרק האָבען אַ שפּריץ געטאָן הויכע כוואַליעס פון בלומען, — ווייסע, רויטע, פיאָלעטע, געלע, ווי ציטראָנען; אין מיין גאָרטען וואַקסען פיעלע בלומען: אויף שווינדעלדיגע פייערלעך זיינען זיי געגליכען, זיי זיינען גע־גליכען אויף זונען פלעקען, אויף פּורפּור ליפּען, אויף אויגען, — יאָ, אויך אויף אויגען זיינען זיי געגליכען. דער פריהלינג האָט אָנגעצונדען זיינע פייערען אויף די בערג און זיי שווימען פון איין טאָג אין דעם צווייטען.

איך געה דורך די פלאַטערדיגע פייערען, וואָס דער פריה־לינג האָט אָנגעצונדען און איך שמייכעל.

צייטענווייז ווערען אין מיין קאָפּ געבאָרען וואונדערבאַרע געדאַנקען! מיט אַ רויטען שוים באַדעקט שטעהט איבער די בערג דער נאַכטליכער וואָלקען, ווי אַ לויכטענדער גלעטשער. וואָלט איך ניט געקענט אַרויפכאַפּען זיך אויף אַ ווינקעל פון דעם וואָלקען און אַ מאַך טאָן מיט'ן הוט? איך קוק אויף דער לבנה און טראַכט: גוט וואָלט געווען אַרויפצוכאַפּען זיך אויף דער לבנה און פון דאָרטען שיקען אַ גרוס דער ערד.

וואונדערבאַרע טעג און נעכט! דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיין ברוסט און איך לאַך צו זיך אַליין.

קיינער ווייס ניט דערפון, קיינעם פעלט ניט איין פאַרוואָס איך לאַך צו זיך אַליין.

אָוועגד. איך זיץ אין מיין צימער. זאָל וואָס גיכער קומען די נאַכט! אָ, ווען איך וואָלט געקענט צושפּרייטען אַ שוואַרץ לייַלעך איבער דער ערד! אַלץ ברענט אין מיר מיט

אונגעדולד, קיינער, פארשטעהט זיך, ווייסט ניט, אויף וואס איך ווארט.

שטיל איז ארום. עס קומט די נאכט.

איך צינד אן א ליכט און זעץ זיך פאר זיין פלאם. איך הער, ווי עס קלאפט מיין הארץ. איך ווארט.

קלינגען נישט טריט אין פינסטערען וואלד? ווער געהט? איך ווארט. טייערע, איך וועל צולייזען, אייל זיך ניט...

א גערויש. עפעס ליכטיגעס באווייזט זיך אויף דער שוועל. אינגעבארג!

איך געה צו צו איהר. איך לאז זיך ארונטער אויף די קני, זי — אויך. מיר קושען איינער דעם צווייטען. א באק דריקט זיך צו א באק, א הארץ צו א הארץ.

— זעץ זיך, — זאג איך שטיל.

— גוט — ענטפערט אינגעבארג פונקט אזוי שטיל. מיך בעאומרוהיגט איהר לייכטענדער בליק.

איך נעהם זי מיט דער האנד ארום. — דו ביזט ביי מיר און טיפע נאכט איז שוין אין הויף. איך דאנק דיר, אינגעבארג.

— זיינען מיר אליין?

— יא!

— ווייסט קיינער ניט, אז מיר ביידע זיינען צוזאמען?

— ניין!

— אינגעבארג, איך האב דיך היים ליעב. דו ווייסט עס.

— יא, יא.

אינגעבארג שאקעלט מיט'ן קאפ און לעגט מיין האנד אויף איהר הארץ.

איך הויב זיך אויף און פארלעש דאס ליכט.

איצט איז אין גאנצען פינסטער. די דונקעל־בלויע נאכט קוקט אריין אין פענסטער. עס שווימט פארביי א שטערען, ער באלויכט אונז, ער דרינגט אריין ביז דעם דעק פון אונזער'ע אויגען.

אינגעבארג'ס צייהן גלאנצען, עס פינקעלט גאלד פון איהרע האר.

עס אטמען אריין אין פענסטער דער וואלד און דאס פעלד און פארניסען אונז מיט זייער אראמאט.

אפגעריסענע קלאנגען וואכען אויף פון שלאף נאָהענט פון אונז און ווייט. דאָ אויפ'ן שפּיץ פון דעם בוים אונטער'ן פענ־סטער, דאָ אינ'ם שטאָל גיט עפּעס אַ קלונג, גיט עמיץ אַ זיפץ. עס הערט זיך דער שטילער קלאַנג פון דער נאַכט. די שטיל־קייט הערט זיך צו. די קלענסטע קלאַנגען שטאַרבען אָפּ, קיינער וויל ניט דער ערשטער אָנריהרען די שטילקייט.

אונזערע שטימען פאַרוואַנדלען זיך אין אַ מורמעל, וואָס איז ניט העכער ווי דאָס רוישען פון אַ טייך.

— מיינע באַקען ברענען! — זאָגט אינגעבאָרג. זי איז שטאָלץ אויף דעם.

— יאָ, — ענטפער איך. — דיינע באַקען ברענען טאַקע.

— מעג איך גלעטען דיין ברוסט?

— זי באַלאַנגט צו דיר!

— ווי גוט איז מיר, ווען איך גלעט דיין ברוסט!

— ווי גוט עס איז, ווען דו טוסט עס.

לאַנג האָבען מיר גערעדט. אָפּגעריסענע קלאַנגען וואַכען אויף פון שלאָף. מיר באַוועגען זיך ניט. אונזערע הערצער קלאַפּען.

— ווי גוט עס איז! — מורמעלט אינגעבאָרג. — קיינמאָל איז נאָך ניט געווען אַזוי גוט און אַזוי ליעב דער נשמה.

— „ליעב דער נשמה", — זאָגט זי. — ווי וואונדערבאַר קלינגט דאָס וואָרט.

אַ קלאַנג פון גוס־אייזען דערטראָגט זיך פון דער ווייטען. דער זייגער שלאָגט אונטען אין דערפעל. אין טיפער שטיל־קייט ליגט דער טאָל און דער קלאַנג פון דעם זייגער צוטראָגט זיך ווייט איבער די וועלדער.

אינגעבאָרג ציטערט אויף.

— מיר האָבען נאָך צייט, — מורמעל איך.

אינגעבאָרג שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

עס לעבט אין מיין קאָפּ אויף אַ לעגענדע, ווען איך זאָג: מיר האָבען נאָך צייט.

מיר האָבען נאָך צייט, מיר האָבען נאָך צייט.

— ווייסטו, טייערע אינגעבאָרג, איך טראַכט וועגען צוויי יונגע מענשען, וואָס שווימען אויפ'ן ים... זי איז די טאָכטער

פון אַ פירסט און ער איז אַ יונגער יואווועליר. ער האָט געבראַכט דער טאָכטער פון פירסט קאָסטבאַרקייטען און זיי האָבען זיך באַקענט. ביידע האָבען זיך פאַרליעבט איינער אין צווייטען און זיינען אַנטלאָפען איבער'ן ים.

— אונזער שיף איז ווי אַ ווינגל אין וועלכען עס וויגען זיך צוויי קינדער, — מורמעלט די פאַרליעבטע.

איהר פריינד ענטפערט:

— דער ים איז אונזער חתונה־בעט, דער הימעל — גאָט'ס הויז מיט טויזענדער ליכט, אָנגעצונדען פאַר אונזער חתונה.

— יאָ, — זאָגט די יונגע פירסטין און דריקט זיך צו צום געליעבטען. — גאָט פיהרט אונז אין זיין האַנד איבער'ן ים.

הער, ליעבע אינגעבאָרג. — דער שטייערמאַן קומט צו און זאָגט:

— פירסטין, איך זעה ניט אונזער ציעל. מיר האָבען שוין לאַנג געדאַרפט דאָרט זיין, פיעלע וואָכען ווי מיר זיינען שוין אין וועג.

— כאַ־כאַ־כאַ, — מיר האָבען נאָך צייט!

דער שטייערמאַן קומט צו און זאָגט:

— פירסטין, איך זעה ניט אונזער ציעל. ווי שניי זיינען ווייס מיינע האָר. דרייסיג יאָהר שווימען שוין מיר.

— כאַ־כאַ־כאַ, מיר האָבען נאָך צייט!

הונדערט יאָהר געהען פאַרביי, טויזענד יאָהר געהען פאַרביי,

— כאַ־כאַ־כאַ, — מיר האָבען נאָך צייט!

אינגעבאָרג שמייכעלט.

— דו דערצעהלסט אַזוי, אַז דאָס האַרץ האָט אויפגעהערט ביי מיר צו קלאַפּען, — זאָגט זי.

איך בויג זיך איין אַזוי נידעריג, אַז איהרע האָר גלעטען מיינע באַקען, איך מאַך דערביי צו מיינע אויגען.

— מיר האָבען נאָך צייט! — מורמעלט אינגעבאָרג — און שמייכעלט שטיל.

— יאָ!

— גוט איז צו זיצען אין דער פינסטער, ווען די שטערען שווימען אונטער'ן פענסטער.

— אַזוי גוט, אַז מען קען עס מיט ווערטער ניט אויס־דריקען.

11.

די בלומען פון די טאפּעטען האָבען, דאכט זיך, אויפגע־בליהט און געדופטעט. עס האָבען געשמייכעלט די פּאָרטרעטען פון די עלטער־זיידעס אין די קאָמישע היטלעך און פּריזורען. ליזעלאָט, געבאָרען ווייקערסבאך, האָט געבלינצעלט מיט די אויגען אויף מיר. איך האָב זיך געשטעלט פאר איהר בילד און געשמייכעלט. — יאָ, — האָב איך געזאָגט, — איך בין דיר שוין מעהר ניט טריי, ליזעלאָט, אזוי איז שוין די ליעבע!

וואָס האָבען וועגען מיר געטראכט די דיענער און די דיענס־טען? זיי האָבען געקוקט אויף מיר און געטראכט, אז מיין שכל איז פּארדונקעלט געוואָרען. זיי האָבען ניט פארשטאנען, פאר וואָס די טרעפּ זיינען געוועזען פארזייהט מיט בלומען, פּונקט ווי צו א חתונה; זיי האָבען ניט פארשטאנען פאר וואָס איז אין מיין צימער דער טעפּיך אויסגעבעט היינט מיט קארן־בלו־מען, מאָרגען מיט מאָהן און איבערמאָרגען מיט בירקען־בלעטער.

פאר'כשופ'ט איז דאָס הויז! אָפט האָב איך געעפענט אַלע טירען און שפּאצירט איבער די צימערן.

עפּעס גאָר אן אנדערע לופט איז געוועזען אין דעם פאר'־כשופ'טען הויז.

אָט די לופט האָט פארבארגען אין זיך אויסרופען, מור־מעל־ווערטער, בליקען, צייהן קריצעניש, דעם רויש פון גיכע טריט. פיעל סודות זיינען פארהאַן אין אָט דער לופט: א שטיל נעלעכטער, פארליעבטע ווערטער, הענט, וואָס וויקלען זיך ארום א האלז, דער פּורפּור פון ליפּען, דער קלאַנג פון א צונג. דו טראכסט וועגען גאָרנישט און מיטאמאָל דערהערסטו דיין אייגענעם נאָמען, — די לופט שרייט איהם ארויס; דו דערזעהסט מיט אמאָל א מויל, וואָס פארלעשט דאָס ליכט; זעהסט זיך אליין, פּונקט ווי אין א שפּיגעל, ווען דו באַ־טראכסט דעם אויסדרוק פון דיינע גליקליכע אויגען. די לופט שפּיגעלט דיך אָפּ.

א גאנצען טאָג האָט די זון שפּאצירט אין דעם הויז. זי האָט זיך פארקליבען אין די פענסטער, אין די שפּאַלטען פון

שלאָס. עס איז אָנגעקומען דער אווענד און אויף א ווײַלע איז אַלץ שטיל געוואָרען און אָפּגעשטאָרבען. נאָר קוים זײַנען אויפגעגאנגען לבנה און שטערען האָט אַלץ ווידער אויפגעלעבט אין הויז.

אונטען אין דערפּעל האָבען געשלאָגען די זייגערס. איינס, צוויי, דריי — צעהן. אונטען אין טאָל האָבען געשלאָגען די זייגערס. איינס צוויי — עלף.

א וועהען האָט זיך דורכגעטראָגען איבער'ן הויז. אויף די טרעפּ הערען זיך טריט. עפּעס ליכטיגעס האָט א גלאַנץ גע־טאָן, אריינגעריסען זיך. —

אינגעבאָרג איז געקומען!

אַלץ האָט גענומען מורמלען, רוישען, סוד'ען זיך און לאַ־כען אין מײַן צימער. ווי א קליינער פאַנטאַן וואלט אָנגעהויבען זינגען זײַן ליעד און קייכען פאר געלעכטער. ניט אנדערש, די אַלע הערדען אין די קאָמישע פריזורען און היטלען זײַנען ארויס פון די ראַמען און באַשטימט צוזאַמענקונפטען אין מײַן צימער.

פּיעלע, פּיעלע נעכט איז אינגעבאָרג געקומען צו מיר. מײַן האַרץ האָט געקלאַפּט אין די לאַנגע שטונדען פון ערוואַרטונג. מיט וויפיעל פרייד האָט איהר מײַן האַרץ באַגעגענט! אָ, ווי מיר האָבען זיך געפרעהט איינער מיט'ן צווייטען! פּונקט ווי מיר וואָלטען זיך לאַנגע יאָהרען ניט געזעהן, און די ליידענ־שאַפט פון אונזער ליעבע האָט זיך טויזענדפאַך פארגרעסערט.

מיר זײַנען געשוואומען אין אונזערע בליקען, דער צונג פּלעגט זיך פארהאַקען, מיר פּלעגען זיך וואַרפען צו קושען די שפּיץ פינגער — אָט אזוי פּלעגען מיר זיך באַגעגענען. אפטמאָל פּלעגען מיר גאַרנישט ניט רעדען, בלויז נעמען זיך פאַר די הענט און לאַנג שמייכלען איינער צום צווייטען.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט פּלעגט אינגעבאָרג קו־מען צו מיר פונ'ם וואַלד. איך האָב ניט געוואָגט אבוואַרטען און באַגלייטען זי.

— ניין, ניין, דײַן געליעבטע איז א ווילדע, זי וואוינט אין וואַלד, זי קומט, געהט אוועק — פאַרשטעהסט?

זי האָט קיינמאָל ניט געזאָגט, צי זי וועט קומען, איך האָב

דאָס ניט געדארפט וויסען. טיילמאָל האָט זי געזאָגט: „היינט וועל איך ניט קומען", נאָר קוים פלעגט אָנקומען די מיטען־נאכט, איז זי שוין געווען ביי מיר.

— ניט געקענט שלאָפען, אַקסעל.

— אַ דאנק, אַ דאנק, טייערע אינגעבאָרג! איך בין דאָ געזעסען און געטראכט פון דעם לעצטען בליק; היינט אָוועגד האָט ער אָנגעצונדען מיין הארץ. אינגעבאָרג, היט זיך! איך וועל דיך דערשטיקען אין מיינע אָרעמס!

— יאָ, יאָ! — זי האָט פארוואָרפען דעם קאָפּ און פאר־מאכט די אויגען. איהרע צייהן האָבען געשמייכעלט.

— באמת, איך וועל עס טאָן. היט זיך, אינגעבאָרג! איך האָב דיך ליעב, דו ווייסט עס. דו קענסט מיט מיר טאָן אַלץ, וואס דו ווילסט. אינגעבאָרג, דאָס איז ניט קיין פראזע, ניין, באמת. דו קענסט מיך בלינד מאכען און איך וועל זיך ניט באקלאָגען, ניין — איך וועל בלויז שמייכלען; דו קענסט מיך אריינטרעטען אין דער ערד, אַלץ, וואס דו ווילסט נאָר, קענסטו טאָן מיט מיר. נאָר היט זיך, מיין ליעבע איז געפעהר־ליך. מיין הארץ איז פול מיט ברענענדער ליעבע און מיט וואוט.

— אָ, אַקסעל, ווי גוט איז גאָט, וואס ער שענקט אונז אזא גליק!

איך ענטפער: ער ליעבט אַלע, וואס ליעבען זיך, ווייס דאָס, אינגעבאָרג. זעהט, זאָגט ער צו זיינע מלאכים, זיי ליע־בען איינער דעם צווייטען! און די מלאכים זאָגען: אַ לויב צו דיר, פאָטער פון ליעבע, גוט ביסטו, האר, יאָ!

די נאכט פארשווינדט, די נאכט פארשווינדט.

די היינטיגע נאכט איז פאָראיבער גיכער ווי די נעכטיגע, די מארגעדיגע וועט פאָראיבער גיכער ווי די היינטיגע, די אי־בערמאָרגענדיגע ווי די מאָרגענדיגע.

מיר פלוידערען. מיר שווייגען. מיר הערען זיך איין צום געזאנג פון פויגעל אין דעם שטילען פארק, וואס זינגט פון איהר גליק.

די נאכט פארגעהט...

— וועגען וואָס, אַקסעל, זינגט דער פויגעל? דו הערסט אַלץ? ער האָט נאָר וואָס אַרויסגעזונגען דיין נאָמען...

אינגעבאָרג קוקט אויף מיר. — פאַרבלייב אַזוי — זאָגט זי — פאַרבלייב אַזוי — פאַרמאַך די אויגען — שמייכעל אַביסעל, אָט אַזוי! ניט ערדיש איז דער אויסדרוק פון דיינע אויגען! פאַרבלייב אַזוי, באַוועג זיך ניט! — זי לאָזט שטיל זיך אַראָפּ אויף די קניע און מורמעלט:

— פאַרבלייב אַזוי, איך וויל קוקן אויף דיר. — שטיל פיהרט זי מיט איהר פינגער איבער מיין האַנט.

— איך האָב ליעב דיין האַנד, אַקסעל, איך האָב ליעב יעדע האָר פון דיין האַנד, יעדען נאָגעל פון דיינע פינגער, פאַרבלייב אַזוי! פאַרבלייב אַזוי — איך וויל גלעטען דיין האַנד.

איך זיץ מיט פאַרמאַכטע אויגען. שטיל הויבט מען אויף מיין האַנד, אינגעבאָרג׳ס ליפּען ריהרען זיך אָן אָן איהר. — אַ ציטער לויפט דורך דורך אַלע מיינע אָדערען. אַ פרייד געשריי ליגט דערשטיקט אין מיין ברוסט.

די נאַכט פאַרשווינדט, עס רויכערט זיך דער מאָרגען. דאָס העלע קלייד פאַרשווינדט אין דעם פריה־מאָרגען נעבעל. איך נעם די ביקס און לאָז זיך אין וואַלד אַריין.

ווייט אין וואַלד האָבען זיך דערהערט צוויי שאָסען.

— וואָס האָט איהר דערשאָסען, הערר?

— גאָר נישט, גאָר נישט.

איך האָב נישט געטראָפען. מיין אויג איז ניט זיכער, דערצו ציטער איך אביסעל.

גאַנץ צופעליג האָב איך זיך אין וואַלד געטראָפען מיט גראַף פלוגען, ווען איך האָב מיר אַרומשפּאַצירט מיט׳ן ביקס אין האַנד. פונקט ווי אַ קאַריקאַטור איז ער צוגעגאַנגען מיט זיינע לאַנגע באַמבעלדיגע הענד. ער איז געגאַנגען אַזוי, פונקט ווי ער וואָלט וואָס געזוכט אויף דער ערד.

— איהר קענט זיך פאָרשטעלען ס׳אַרא מאָדנע באַשעפעניש איז דאָס די אינגעבאָרג! — האָט געזאָגט גראַף פלוגען און זיינע אויגען האָבען אַ גלאַנץ געטאָן — טאָג ווי נאַכט לויפט זי אַרום איבער׳ן וואַלד. כי־כי, אפילו ביי נאַכט.

— יעדען זומער טוט זי אזוי, אָבער דעם יאָהר איז זי פּשוט משוגע. שלאָפט אין וואַלד, אין וואַלד.

איך האָב זיך צולאַכט.

גראף פלוגען האָט זיך אויך צולאכט. ער האָט זיך פאַר־הוסט — אזוי שטארק האָט ער געלאַכט. — אייגענטליך איז עס ניט מעהר ווי נאַטירליך — האָט ער זיך א קלאפּ געטאָן מיט די הענד אין די היפטען — זי איז דאָך געבאָרען געוואָרען אין וואַלד.

— איך האָב זי געפונען אין וואַלד. פּונקט ווי אין א מעשה, איז זי געזעסען, א העל־לאַקיגע און געזונגען, אז מען האָט געקענט הערען פאר א מייל ווייט. ווי רופט מען דיך? — מיך רופט מען אינגעבאָרג גיזעלהער. — ווער איז דיין פאָ־טער? — ער האָט בוימער פאר שיפען און מיין מוטער איז א דענישע. — זי האָט גערעדט אזוי קלוג און שפּאַסהאַפט, אז מיר האָט אויפגעשווידערט דאָס האַרץ.

— ביסטו ניט קיין וואַלד־גייסט? — האָט זי מיך גע־פרעגט. — יאָ. — אויב אזוי קען איך דאָך דיך. איך האָב דיך מיט דריי טעג צוריק געזעהן מיט א קוסט אויפ'ן קאָפּ און מיט א גרויסען שטעקען אין דער האַנד. כי־כי־כי. — דו קענסט זינגען, אינגעבאָרג? — יאָ, איך וועל זיין א זינגערין, אזוי האָט געזאָגט מיין מוטער. — דערנאָך האָט זי מיר געוויזען א בוים מיט א לאָך, אין וועלכען עס זיינען צוויי טויזענד קליי־נע וואַלד־שדים געזעסען און געגעסען מיטאָג. — און זיין טעכ־טעריל איז קראַנק, — האָט זי געזאָגט. — וועמעס טעכטעריל איז קראַנק? — האָב איך געפרעגט. — וועמעס טאָכטער? — די טאָכטער פון קעניג וואַפּס. אָט דאָ ליגט זי. — וואו? — אָט דאָ אויפ'ן שפּינוועבס. זי האָט א הוסט... — יאָ, וואָס איז געוואָרען אינגעבאָרג פאר מיין פרוי און פאר מיר?

— כי־כי, א פרייד אויף די עלטערע יאָהרען. — ער האָט זיך פאַרהוסט, פאַרוואָרפען דעם קאָפּ און טרערען האָבען זיך געקייקעלט איבער זיינע באַקען.

אַלץ האָט דער אַלטער דערצעהלט וועגען אינגעבאָרג. ער איז געוואָרען רעדעוודיג די לעצטע יאָהרען. נאָר איך האָב גע־הערט; מיין דאגה, זאָל ער.

— יא, יא, שלאָפט אין וואלד אלע נאכט. פארשטענד־ליך, אונזער איננעבאָרג דארף דאָך האָבען אויך איהרע פאר־גניגענס.

פונקט ווי דער ניטגוטער וואלט מיך א שטופּ געטאָן, האָב איך זיך אָפּגערופען:

— אפשר האָט זי א געליעבטען, וועמען זי באזוכט? הא?

גראף פלוגען האָט א פייף געטאָן דורך די ציין און א בלינ־צעל געטאָן מיט די אויגען.

— וואָס אייך האָט געקענט איינפאלען! ניין, ניין, א פאלשער פארדאכט, — אמת, ער איז זעהר באגאבט און שעהן, נאָר איינס פעהלט איהם — ער איז קיין מענש ניט, ער איז קראנק, זעהר קראנק, אָהן צווייפעל. שטעלט זיך אליין פאָר, פון צוועלף יאָהר האָבען זיי איהם געשלעפּט פון שטאָדט צו שטאָדט. ניין, ניין, וואס אייך האָט געקענט איינפאלען!

גראף פלוגען האָט זיך צולאכט.

איך האָב זיך אויך צולאכט.

— באזוכט אונז אמאָל! וואס, ניטאָ קיין צייט? איך גלויב, אז אויך אונזער איננעבאָרג וועט זיין צופריעדען. ניט לאנג צוריק האָט זי געזאָגט: „וואָרום ווייזט זיך פירסט אק־סעל, אזוי זעלטען?"

— איך וועל, אונבאדינגט אייך אין גיכען באזוכען. איך גרים פריילײן איננעבאָרג.

— א דאנק, א דאנק, דאָס וועט איהר זיין געווים זעהר אנ־גענעם. זי האָט מיר אמאָל אָנגערעדט וועגען אייערע אויגען, נאָר מען קען דאָס — כי־כי — מיין יונגער פריינד, ניט איי־בערגעבען. פריהער האָט זי זיך פארגעשטעלט אייך אין גע־שטאלט פון דעם ריטער פון דער בלויער באָרד — באמת, אָט פונקט ווי אין דער לעגענדע — דערנאָך האָט זי אייך געזעהן לעצטען פריהלינג. — פאפא! — האָט זי געזאָגט, און טאקע באלד אָנגערעדט וועגען אייערע אויגען. נו, צום ווידערזעהן, יונגער פריינד. א גליקליכען יאגד!

12

גליקליכע טעג! בלויע נעכט! שעהן איז דאָס לעבען!
די טעג פארגעהען אין בארוישונג און די נעכט ווי א מעשה'לע.
די טעג זיינען פול מיט פרייד און גלעלעכטער, און מיט קושען
די נעכט.

איין מאָל אין ז׳ זונטאג איז א מענש צו מיר געקומען. איך
בין געשטאַנען ביים פענסטער און געזעהן, ווי ער איז געגאנ־
גען אויפ׳ן בארגיגען וועג.

א דיקער שטעקען האָט געשפרייזט צוזאמען מיט דעם
מענש. דער שטעקען האָט געמאכט נאָך גרעסערע שפרייזען
פון דעם מענשען און איז שטענדיג געווען פריהער פאר איהם.
דער מענש האָט זיך אפגעשטעלט און מיט׳ן שטעקען א קלאפּ
געטאָן אָן דער ערד.

— איז דער פריץ אין דער היים? — האָט ער אריבער־
געשריען איבער דער לאָנקע.

— יא, דער פריץ איז אין דער היים.

דער מענש האָט באלד ווידער גענומען שפרייזען, ער האָט
זיך פארנומען צו דער טיר און צוזאמען מיט זיין שטעקען איז
ער פארשוואונדען אין הויז אריין.

עס האָט זיך דערהערט א גרויסער קלאָפּ און דאָס באוואק־
סענע דונקעל־ברוינע פנים מיט די גלאנצענדיגע העל־בלויע אוי־
גען האָט זיך באוויזען אין דער טיר.

— גוט מאָרגען, — האָט אויסגערעדט דער מענש און
אריינגעגאנגען האלטענדיג אין האנד דעם שטעקען.

—ער איז א האָלץ־העקער, ער קומט פון וואלד, מען רופט
איהם גיזעלהער.

— זעהר אנגענעהם, — האָב איך געענטפערט און דער־
לאנגט דעם גאסט מיין האנד.

— זייט ניט אונגעדולדיג, מיין הערר! — האָט אויס־
גערעדט דער מאן וואס איז געקומען פון וואלד. ער האָט צו־
גערוקט נעהנטער צום טיר זיין שטול און זיך בעקוועם אריינ־
געזעצט אין איהם. ער האָט אוועקגעלעגט זיין הוט און דעם
גראבען שטעקען אויף די קני; ער האָט ארומגעקוקט מיין צי־

מער, וואס איז געווען פול מיט אנטיקען און מיט פאראכטונג א שמייכעל געטאָן.

ער האָט געהאט א קאָפּ פון אן אפּאָסטאָל; זיין פּנים איז געווען ארומגעקראנצט מיט א קראנץ פון שווארצע גע־קרויזטע האָר; זיינע לאנגע ברעמען האָבען האלב־פארדעקט זיינע העל־בלויע פארטרויליכע אויגען.

דער מענש האָט געהאט לאנגע הענד, עהנליכע אויף העק, זיי זיינען געווען באדעקט מיט קריצען און שניטען, די נעגעל פון זיינע פינגער זיינען געווען צובראָכען און פון א דונקעל־ברוי־נעם קאָליר.

— יאָ, איך בין געקומען פון וואלד, — האָט געזאָגט דער לאנג־באָרדיגער און א קוק געטאָן אויף מיר. — ניט קיין קליי־נער וועג אהער, ניט קיין קליינער. עס איז אָבער אנגענעהם זיך דורכצוגעהן און באוואונדערן גאָט'ס וועלט.

אנגענעהם איז זיך דורכצוגעהן און באוואונדערען גאָט'ס וועלט, — אין דעם איז ער גערעכט.

דער מענש האָט ארויסגענומען פון קעשענע א גרויס בלוי נאָז־טיכעל און הויך אויסגעשנייצט זיין נאָז.

— די תבואה איז געראָטען, דער קארטאָפעל — אויך. אביסעל מעהר רעגען וואָלט ניט געשאדט. יאָ, גאָט באזארגט דעם מענשען אזוי גוט ווי די בהמה.

ער האָט צוזאמענגעלייגט זיין נאָז טיכעל, א פּאר מאָל א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און זיך צושמייכעלט.

עס האנדעלט זיך וועגען דעם, וואָס ער איז אינגעבאָרג'ס פאָטער. איך קען דאָך אינגעבאָרג, ניט אמת?

— געוויס, געוויס!

— הם... דער גראף איז א גוטער מענש, א גילדען הארץ. ער האָט צו זיך גענומען אינגעבאָרג און ערצויגען זי ווי א דאמע — דאָס אַלץ איז גוט און ריכטיג. אינגעבאָרג האָט א גוטען קאָפּ, דאָס האָט דער גראף גלייך באמערקט. „ווער איז דיין פאָטער?“ האָט געפרעגט זי דער גראף. „ער זעגט בוי־מער פאר שיפען און מיין מוטער איז א דענישע“, האָט איהם אינגעבאָרג געענטפערט.

זי איז איהם געפעלען געווארען און באזונדערס איהר שטי־

מע, — דאָס אַלץ איז גוט און ריכטיג — א סך מיילער עסען פון מיין טיש. יעדער מענש דאַרף זיך אין אונזערע צייטען עפּעס אויסלערנען. אין וואַלד קען מען דאָס ניט דערוויסען. דאָס אַלץ איז גוט און ריכטיג. איך האָב זי ניט געקענט אָבגע־געבען, דאָס איז פיעל בעסער געווען פאַר מיר. איך האָב זי דאָך געקענט אָפּט זעהן. איז עס ניט צוליעב דעם, איז עס צו־ליעב אַן אַנדער אויסרייד, בין איך אָפט אַריינגעגאַנגען אין שלאָס.

דאָס אַלץ איז גוט און ריכטיג, — האָט ווידערהאָלט גי־זעלהער און א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף די ברייטע פּליי־צעס.

— דאָס אַלץ איז גוט און ריכטיג, יאָ, יאָ, — גיזעלהער האָט אָפּגעהוסט, גענומען דעם גראָבען שטעקען אין האַנד אַריין און א פּאַר מאָל א וויג געטאָן מיט איהם.

ער האָט א קוק געטאָן אויף מיר און עפּעס א בורטשע גע־טאָן אין באָרד אַריין. דערנאָך האָט ער אַזא זיפץ געטאָן, אַז די וואָנצעס האָבען זיך א וויג געטאָן.

— דאָס אַלץ איז גוט און ריכטיג, נאָר טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז אפשר וואָלט בעסער געווען פאַר אינגעבאָרג, ווען זי וואָלט ניט געווען אין שלאָס. בעסער שוין זיין אָרעם, נאָר האָבען א ריין האַרץ, איידער פאַרוואָגרעלט ווערען אין א דאַ־מע, — יאָ, יאָ, הם... איהר האָט פאַרשטאַנען?

— אין וואַלד קומט די זינד ניט אַריין. ווייסט איהר, פריץ, אין וואַלד דאָרט, דאָרט, וואָס דאָרט?

— וואָס איז אין וואַלד ניטאָ? א גערויש איז אין וואַלד, פול מיט דופט איז דער וואַלד, טראָפּענווייז טריפט דער פּעך פון די בוימער. אַך, פריץ, ווי דער וואַלד רויש! איך ווייס עס. שוין פופציג יאהר וואוין איך אין וואַלד און הער, ווי ער רוישט. אַלץ רוישט אַרום, דער וואַלד רעדט!

דער מענש פון וואַלד האָט זיך אויסגעצויגען אין זיין שטול און איז אַזוי געזעסען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנד און לייכטענדיגע אויגען. ווי ער וואָלט גערעדט מיט די בוי־מער פון וואַלד.

און דער אַלטער גיזעלהער האָט נאָך לאַנג גערעדט ווע־

גען דעם וואלד; ער האָט דערצעהלט, אז אין די זונטאגס יקו־מען צו איהם זקנים און פרויען און ער ערקלערט די הייליגע שריפטען. ווער האָט איהם געגעבען קראפט צו קענען ערקלערען די הייליגע שריפטען? — גאָט און דער וואלד! — דערנאָך האָט ער זיך מיט'ן שטול א רוק געטאָן פאראויס און געזאָגט: איך בין געשיקט פון גאָט דיר דאָס צו זאגען. עס איז נאָך צייט זיך צו באזינען. אין ביכער און אין נאקעטע פרויען אויף די ווענד — איז דאָ זינד, און אין וואלד — גאָט. צווישען מיר און דיר ליגט א גאנצער תהום, מיין פריינד!

זיינע אויגען האָבען גענומען לויכטען און ער האָט א פיהר געטאָן מיט'ן שטעקען א שטריך אויף'ן דיל. — דאָ — האָט ער געזאָגט — איז דער ארעמאן און דאָ — דער רייכער, דאָ — גאָט און דאָ — דער טייפעל. יאָ! — ער האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, אז זיינע האָר האָבען גענומען ציטערען און אויפגערעגטערהייט האָט ער פארטגעזעצט: — דער גיהנום איז באשטימט פאר די רייכע. רייכטום און אונגלויבען, איז איינס און דאָס זעלבע! מיין טאָכטער איז געווארען א רייכע, יאָ, נאָר איך האָב זי אָבגעלאָזען פון זיך און פון איהר מוטער ניט דערפאר, אז זי זאָל ווערען אויסער דעם אויך אן אונגלויביגע! זי האָט ארעמע עלטערען, וואס וואוינען אין וואלד און דערפאר טאָר זי ניט ווערען אן אונגלויביגע.

דאָ האָב איך אָנגעהויבען צו ריידען: גאָט פון הארצען וועט זי יעדענפאלס, ניט אנווערען.

— ער האָט בייז א שמייכעל געטאָן.

— און ביסטו דען ניט אליין דער זוהן זון זינד? — יאָ, גאָט האָט איבעראל צושטעלט זיינע סטאנציעס. איך האָב גע־קראגען א בריעף פון אן אומבאקאנטען.

— איז וואס — האָב איך געזאָגט — איינגעבאָרג איז מיין כלה.

— כאָ־כאָ־כאָ! מיין פריינד, מארען איז אויך געווען מיין כלה! א כלה? דאָס האָסטו געזאָגט, כאָ־כאָ־כאָ. פריינד מיינער, איך וועל דיר זאָגען, שעהן און יונג איז געווען מארען, פון ווייטען דענעמארק איז זי געקומען, זאָנדערבאר האָט זי גע־רעדט און געזונגען ווי א פויגעל. אָפּטמאָל האָט זיך געוויזען

צו מיר דער טייפעל און געוואלט מיך פארפיהרען. — קיינער וועט ניט זעהן — האָט ער געזאָגט — זעה, אזוי טוען אנדערע אויך! — נאָר אכט יאהר האָבען מיר געווארט! — א כלה! — דאָס איז שוין גאָר עפּעס אנדערש!

דער אלטער האָט זיך צולאכט. יא, דערפאר טאקע איז ער געקומען. גאָט פרעהט זיך מיט יעדער צוריקגעקומענע שעפעלע. ער וויל וויסען — וויל וויסען.

איך האָב א שמייכעל געטאָן. — מיר וועלען שוין געווים דורכקומען, — האָב איך געזאָגט.

איך האָב איהם בארוהיגט, ווי כ'האָב געקענט, איך וועל זיך דורכריידען מיט אינגעבאָרג.

אלץ וואס ער פארלאנגט, וועט אויסגעפיהרט ווערען.

דער אלטער האָט א שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— איך זעה, אז מיט גוטען קען מען מיט דיר רעדען, זוהן מיינער! — ער האָט זיין שטעקען אוועקגעשטעלט אין ווינקעל.

— א הערליכער טאָג! — האָט ער ארויסגערעדט און טיעף אפגעאָטעמט, — טייערע זאכען זיינען דאָ אין דעם צימער!

— נו, וואָס, קען ער מיר איצט געבען זיין האנט? — איצט, יא! — דער אלטער האָט מיר דערלאנגט זיין האנד.

מיר האָבען פארבראכט א טאָג און אן אווענד צוזאמען.

— איך און דער אלטער גיזעלהער. ער האָט ניט געוואָלט פארבלייבען, אבער מיר איז געלונגען איהם איבערצורריידען. אזוי ארום איז ער פארבליבען ביז'ן אווענד און איז געבליבען זיצען ביז הארבע נאכט.

איך האָב איהם ליעב געקראגען. ווען ער וואלט אפילו ניט געווען אינגעבאָרג'ס פאָטער, וואלט איך אויך ליעב געקראגען אָט דעם דעמב, אבער ער איז דאָך דערצו נאָך געווען אינגעבאָרג'ס פאָטער. איך וואלט ליעב געקראגען אינגעבאָרג'ס פאָטער, ווען ער וואָלט אפילו געווען א שוידערליכער מערדער, רויבער אדער אפילו א קעשענע גנב.

מיר האָבען געשמועסט, געגעסען און געטרונקען, אין אָנפאנג האָט דער אלטער גיזעלהער זיך ענטשיעדען ענטזאגט פון וויין, נאָר ווען איך האָב איהם געזאָגט, אז אפילו יעזוס

קריסטוס האָט גאָר נישט געהאַט געגען ווייַן — האָט ער דען ניט פאַרוואַנדעלט פּשוט וואַסער אין זיסען ווייַן? — האָט דער אַלטער זיך אונטערגעגעבען. ער האָט דעם שטאַרקסטען ווייַן געטרונקען ווי וואַסער און דערמיט פאַרשאַפט מיר גרויס פאַר־געניגען.

ער האָט גערעדט און גערעדט וועגען אינגעבאָרג, וועגען דעם, ווי הייס ער האָט זי ליעב; ער האָט גערעדט מיט טרערען אין די אויגען. ער האָט גערעדט וועגען דער גאַנצער וועלט, און ווי אַלץ איז פול מיט זינד. מיט טיפער פאַראַכטונג האָט ער אַ שפּיי געטאָן אויפ'ן דיל.

— ווייסט איהר, איך לעז אַ צייטונג וואָס דער פּריסטער שיקט מיר צו. דאָרט ווערט באַשריבען ווי אונעהרליך און אונ־גלויביג איז געוואָרען די וועלט. אוי־אוי־אוי! עס גלויבט זיך פּשוט ניט. איין מענש, וואָס איז סוף־כּל־סוף משוגע געוואָרען האָט געוואָלט באַווייזען, אַז גאָט איז געשטאָרבען! גאָט גע־שטאָרבען — און דער דאָזיגער נאַר לעבט נאָך אַלץ. ער האָט געזעהן, אַז גאָט איז געשטאָרבען, ער אַליין האָט איהם פאַר־מאַכט די אויגען, כאַ־כאַ־כאַ! שטעהט דאָך אין דער ביבעל: ער איז אייביג, אייביג, אייביג.

אינגעבאָרג'ס פאָטער האָט אָהן אַן אויפהער גערעדט, גע־געסען און געטרונקען. ווידער האָט ער אָנגעהויבען צו רעדען וועגען וואַלד. ער האָט אָנגערופען אַ וועלט מיט נעמען, וועל־כע זייַנען מיר, — פאַרשטעהט זיך, געוועזען אומבאַקאַנט; ער האָט זיך וועגען אַלץ נאָכגעפרעגט ביי מיר; צווישען אַנדערעס האָט ער מיך געפרעגט צי איך גלויב, אַז פעטער האָט גע'גנב'עט מעהל פון דער מיהל.

— ניין, איך גלויב ניט.

ער האָט אויך ניט געגלויבט אין דעם. ניין, אין קיין פאַל ניט, ער האָט דאָך געקענט זיין פאָטער, וואָס איז דערשטיקט געוואָרען פון אַ בוים, וואָס אַ דונער האָט אויסגעריסען. איז מיר שוין אַמאָל אויסגעקומען איבערצולעבען אַזאַ שרעקליך וועטער?

— דאָך איז זעהר מאָדנע — פעטער האָט פאַרט צוגע־

גנב'עט די מעהל! ער האָט זיך אליין מודה געווען און ער האָט דערפאר געקראגען צוויי חדשים.

מיט אמאל האָט דער אלטער אויפגעהויבען א פינגער אין דער הויך, דער וואלד האָט גערוישט.

א שמייכעל האָט באלויכטען זיין באוואקסען ברוין געזיכט, זיינע ליפען האָבען זיך גענומען באוועגען, און מיט דער ליולקע האָט ער גענומען אויסקלאפען אויפ'ן טיש עפעס צום טאקט — יא, יא, פיעל וואונדער לעבען אין וואלד — האָט ער פאר זיך א זאג געטאָן. קיינער ווייס ניט פאר וואס איין בוים דארף זיין אזוי און דער צווייטער אנדערש און פאר וואס זיינען מענשען אין וואלד פרום און אין די שטעדט אונגלויביג.

האלבע-נאכט האָט זיך דער אלטער געקליבען אהיימצוגעהן. איך האָב איהם פארגעלייגט מיין קארעטע און איך האָב געוואלט איהם אליין אבפיהרען.

ער האָט זיך אָפּגעזעגענט.

אויב גאָט האָט מיר געגעבען פיס, טא צו וואס זאל איך פאָהרען? דאָס וואלט געווען אן אומזין.

— איך וועל איבעררעדען מיט אינגעבאָרג.

דער אלטער גיזעלהער האָט אוועקגעשפרייזט מיט גרויסע טריט אראב-באַרג. ער האָט אזוי גערדרעהט מיט'ן שטעקען, אז פונקען האָבען זיך געטראגען פון וועג. דערנאָך האָט ער מיט א הויכער שטימע אָנגעהויבען זינגען. דער וואלד האָט גערוישט.

אויף מאָרגענס האָב איך זיך געטראָפען מיט אינגעבאָרג אין וואלד און אָנגעהויבען צו רעדען מיט איהר. מיין הארץ האָט געציטערט: וועט זי איינשטימען?

אינגעבאָרג האָט ארונטערגעלאזען דעם קאָפּ און געקוקט אויפ'ן וועג.

וועגען דעם האָט זי ניט געטראכט, ניין.

זי האָט א ציטער געטאָן. — ווער אָבער האָט איהם געקענט שרייבען דעם בריעף?

אונזערע בליקען האָבען זיך באגעגענט.

אינגעבאָרג איז בלייך געווארען. — אָ, — האָט זי אויס-

געשריען און פארדעקט איהר פּנים מיט די הענט — ווי נידע־ריג עס קענען זיין מענשען! פו! פו!

— דער אומגליק האט פארדונקעלט זיין פארשטאנד — האב איך געזאגט. — ער וואלט פריהער זיכער ניט געווען פע־היג אויף אזא קומפעריי. גיב נאר א טראכט, ווי טיעף דו האסט איהם באליידיגט.

— א, ווי געמיין, ווי נידערטרעכטיג!

— פארצווייפלונג נעמט צו ביי א מענשען דעם פאר־שטאנד, איינגעבארג. געמיין איז ער ערשט איצט געווארען.

איינגעבארג האט א קוק געטאן אויף מיר און איהרע אוי־גען האבען א שיין געטאן. — דו, דו, דו ביסט א גוטער מענש, אקסעל! ער איז דיין געגנער און דו פארטיידיגסט איהם. דו ביסט יושר'דיג! — מיין ניט, אקסעל, אז איך האב דיך ניט ליעב, ווייל איך האב דיר ניט געגעבען גלייך מיין צושטימונג. איך וויל זיין דיין געליעבטע, דיין ווילדע געליעבטע, וואס קומט פון וואלד. ווי גוט איז דאס געווען.

— דו קענסט דאך, ניט קוקענדיג אויף אלעם, פארבלייַ־בען פונקט אזא, ווי ביז איצט.

— איך מוז פארבלייבען אין דיינע אויגען אויף שטענדיג בלויז נאר אלס דיין געליעבטע. ניט עפּעס אנדערש.

— גוט איינגעבארג.

13.

זומער! אונזער זומער!

מיר וואוינען הויך איבער'ן טאל, ווי פייגעל אין א נעסט. מיר פיהלען זיך שטאלץ און פריי. מיט אדלערשען שטאלץ און קעניגליכער הערליכקייט זיינען געווען פול אונזערע הערצער. טיף אונטען איז א קליינער טאל, בערג און בערג, וועלדער און וועלדער אויף וועלדער וויפיעל דאס אויג האט געקענט זעהן. פיעלע וויארסטען נעהמט ארום אונזער אויג — ביז די וויטסטע בלויע בערג, אויף וועלכע עס האט גערוהט דער ברייטער הימעל. אלץ, וואס מיר זעהען, פארוואנדעלט זיך פאר אונז אין א לעבעדיג

פנים, אין וועלכען מיר קענען לעזען; דאָס פּנים קען לאַכען, שמייכלען, קען אויסזעהן אונבאהאָלפען, קען ציטירען פאר כעס און פארבאָרגענעם צאָרן, אָהן אַ גרענעץ טרויעריג קען עס זיין און גלייכגילטיג. עס קען דורך דעם פּנים דורכלויפען באַגייס־טערונג, ווען די פייערדיגע פּאַראויסזאָגער פון דער זון ווייזען זיך אין דער פריה אויפ'ן הימעל, עס קען קוקען מיט טרויער, ווען די זון פארגעהט, עס קען אויסדריקען פארצווייפלונג, ווען די זון שטאַרבט אָפּ...

די לבנה געהט אויף און קיצעלט דאָס פּנים. דאָס פּנים שמייכעלט, לאַכט.

ווי לייכט האָט אין דעם זומער געשוואומען די לבנה אין הימעל! פריי און שטאָלץ און קעניגליך רוהיג. צייטענווייז האָט די לבנה וואונדערליך אראָפּגעקוקט, צוואוארפענדיג שמייכ־לען, גלאַנצענדיג, ווי זי וואָלט זיך נאָר וואָס געהאַט אויסגע־באָדען. גוט האָט זיך דער לבנה געלעבט! זי האָט געלויכטען, ווי אַ זילבערנער שפּיגעל, אויף וועלכען עס פאַלט די זון. אַלע שטערען זיינען געווען אויף זייערע פּלעצער, געלויכטען, און די לבנה האָט געשמייכעלט.

דער נאַכטיגאַל האָט געזונגען און געשאָטען זיינע טרעלען אין אָט די ווייסע נעכט.

די זון האָט געגאָסען צוגליהטען וויין אַלע טאָג אויף דער ערד. ווי אַ רעגען זיינען געפאַלען די שטראַהלען פון דער זון, זיי האָבען זיך דורכגעריסען דורך פיעלע שטעגען און וועגען און אריינגעדרונגען אין טאָל. אַ נעבעל פון זון־שטראַהלען איז געשטאַנען איבער'ן וואַלד — אַ רויטער נעבעל; אין איהם האָבען געציטערט אמת'ע קליינע זונענלעך. מען האָט געדאַרפט אָנשטרענגען דעם בליק און פארשטעלען מיט דער האנד זיך פון דעם ליכט, אז דער בליק זאָל קענען דורכדרינגען דורך אָט דעם זוניגען נעבעל. דאַמאָלט האָט מען געקענט זעהן טיעף אונטען, צווישען דרעמלענדע וועלדער, עפּעס לייכטענדעס, וואָס האָט זיך געדרעהט ווי אַ זילבערנע שלאַנג; דאָס איז געווען דער טייך.

עפּעס האָט געגלאַנצט, געלויכטען, באַוואויגט זיך; דאָס זיינען געווען מענשען, וואָס האָבען געאַרבייט אויף די פעלדער. עפּעס האָט געזשומט, געראַוישט. — הערסט? — האָט

געזאָגט איינגעבאָרג. יאָ, איך האָב געהערט; עס איז געווען עהנליך צו דעם רויש פון א ווייטער דרעש־מאַשין. דאָס איז געווען דער זומער.

דער פריהלינג קלינגט, דער זומער רוישט, דער הערבסט וויינט און ברומט, דער ווינטער — שווייגט.

די וועלדער זיינען געשלאָפען און געשמייכעלט אין שלאָף. זיי האָבען געזעהן פרעהליכע חלומות. די ערד איז געווען צו־היצט, ווי מען וואָלט אין איהר געבאַקען ברויט. פלוצים פלעגט דאָס ליכט זיך שטעלען פאַר אונז, ווי א וואַנד — און מיר זיינען צוריקגעשפרונגען. דאָס ליכט האָט געציטערט און אין איהם האָבען געטאַנצט פאַרביגע פייערלעך.

די ערד־בערען האָבען זיך גערויטעלט, דער קאָרן האָט זיך געגילדעט און די מענשען — ברוין געוואָרען פון דער זון. דער שווייס האָט גערונען פון זייערע פנימ׳ער, אין זייערע פייכטע אויגען האָט געבערענט די זון. פאַמעליך זיינען די פויערים ארויפגעגאַנגען אויף דעם בערגיגען וועג, אָפטמאָל זיך אָפגע־שטעלט און געריבען מיט די הענד דאָס פנים. ווי שניי, האָט זיך געווייסט דער וועג, וואָס איז געווען טיעף באַדעקט מיט שטויב; ווי שוים האָט דער שטויב זיך געלעגט אויפ׳ן וועג. אָהנ־צאָהליגע צייכענס פון נאַקעטע פיס האָבען זיך אָפגעשטעמפעלט אויפ׳ן וועג, פונקט ווי אויף מעהל.

פון אונטער די קאַשטאַנען־בוימער האָט גאָלדיג ארויסגע־גלאַנצט דאָס הויז, אין זיינע פענסטער האָבען בונטע פייערען געברענט. די לאָנקע איז געווען באַדעקט מיט הויכען גראָז און אונאויפהערליך האָבען פארשידען־פאַרביגע שמעטערלינגען גערוישט. נעהנטערסטו זיך צו צו זיי, פלאַטערען זיי אויף און פליהען, ווי פאַרפאָלגענדיג אימיצען.

אין הויז איז געווען היים און די בלענדענד־ווייסע קאָרי־דאָרען מיט די פיעל טירען זיינען געווען די איינציגע קיהלע ערטער. אזוי ווי די לאָדען זיינען געווען פאַרמאַכט, איז אין די צימערען געווען דונקעל. עס איז געווען גענוג ארויסצושטע־לען א פינגער דורכ׳ן לאָדען, צו זעהן ווי די זון ברענט איהם.

אם בעסטען איז געווען אין פּאַרק. דער פּאַרק איז געווען אן אלטער, א פאַרלאָזענער און ער האָט גיכער מיט זיך דער־

מאַנט אַ פּאַרצייטיגען וואַלד, מיט דיקע בוימער, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט מאָך און מיט פאַרשידענע געוויקסען. אין פיעלע ערטער האָט די זון ניט געקענט אַריינדרינגען. די זון האָט געשטאָכען די בלעטער מיט שאַרפע נאָדלען, נאָר זי איז ניט געווען אים שטאַנד דורכצוברעכען אָט די פינסטערניש. דאָ איז געווען קיהל, פייכט און ס'האָט געשמעקט מיט שימעל. אַלע שטעגען אין וואַלד זיינען געווען פאַרוואַקסען און מיט די עלענבויגען האָסטו געמוזט זיך דורכשלאָגען אַ וועג. עס איז געווען בלויז איין לאַנגער הויפּט־וועג, וואָס האָט געפיהרט צום שלאָס. אין זיגזאַגען האָט אויף דעם וועג געפּלאָסען דער שטראָם פון זון־ליכט. דאָ איז געווען אַ קוואַל: אַ רונדער באַסין אין וועלכען עס האָט געשוימט אַ דיקער, קורצער זייל פון וואַסער. אָט דעם זינגענדיגען, רוישענדיגען קוואַל, פון וועלכען שטענדיג האָט געוועהט אַ קיהלקייט, האָט אינגעבאָרג באַזאָנדערס ליעב געהאַט. גאַנצע שטונדען האָט זי געקענט זיצען ביי זיין ברעג מיט די הענד אין זיין קאַלטען, גרינעם וואַסער און קוקען אויף דער גאָלדענער נעץ, וואָס האָט געציטערט אויף דעם דעק פון וואַסער; דאָס האָט פּאַסירט דערפאַר, וואָס די שטראַהלען פלעגען צוברעכען ווערען אין די קליינע וועלען, וואָס זיינען געלאָפען אָהן אויפהער צום ברעג, און האָבען, האָט זיך אויסגעדאַכט, געוואָלט כאַפּען אינגעבאָרג'ן פאַר די הענד.

דאָרט איז זי געזעסען און געחלומ'ט און מיט אַמאָל, אונערוואַרטעט זיך אומגעדרעהט צו מיר מיט אַ צאַרטען שמייכעל, פול מיט אונאויסדריקבאַרער ליעבע. איהר שמייכעל האָט צוערשט זיך אָנגעצונדען אין איהרע אויגען און דערנאָך אַריבערגעלאָפען אויף איהרע ליפען. די ליפען האָבען זיך געעפענט און די צייהן האָבען געשמייכעלט און מיט אַ באַזונדערס גוטען, כמעט קינדישען שמייכעל האָבען געשמייכעלט די באַקען.

און דאַמאָלט האָט אינגעבאָרג גערעדט מיט אַ פאַר'חלומטען צאַרטען קול: — הערסטו, ווי עס רוישט דער קוואַל?

זי שטרעקט אויס איהר האַנד צו דער אַלעע — עפּעס ווייסעס גיט אַ בלענד דאָרט אין די שטראָמען פון דעם זון־ליכט; דאָס זיינען די שטיגען, וואָס פיהרען צום הויז. זי זאָגט: —

דאָרט וואוינען מיר. — פונקט ווי פון חלום רעדט זי אַרויס די ווערטער.

איך וועל צוגעהן צו איהר נעהנטער און אַרויפלעגען מיין האַנד אויף איהר פּלייצע און שטיל איהר אַ מורמעל טאָן: איך ליעב דיך, אינגעבאָרג. איך וועל שטיל, זעהר שטיל איהר אַ מורמעל טאָן.

אינגעבאָרג ענטפערט גאָרנישט, זי שמייכעלט צו מיר און נעהמט מיין האַנד, לעגט איהר צו צו איהר האַרץ.

— פיהלסט? — פרעגט איהר שמייכעל.

און מיין שמייכעל ענטפערט איהר, אַז איך פיהל אַלץ.

— הערסטו וועגען וואָס עס רעדט מיין האַרץ? — פרעגט איהר שמייכעל.

און מיין שמייכעל ענטפערט איהר, אַז איך הער גוט וועגען וואָס עס רעדט איהר גוט און עדעל האַרץ.

אינגעבאָרג, אינגעבאָרג, ווי זאָל איך אָנרופען דיין האַרץ?

אינגעבאָרג וואוינט אין די ווייסע צימערען פון שלאָס, וואָס געהען אַרויס צום מזרח. איך הער ווי זי זינגט; קלינ־גענדיג און ריין איז איהר שטימע און קרעפטיג, די ווענד קלינ־גען, דער וואַלד איז פול מיט קלאַנגען, ווי עס וואָלטען אין איהם גלעקלעך געקלונגען, אין דער צייט ווען זי זינגט אין דער גע־דיכטעניש פון וואַלד.

איך קוק אויף דער טיר פון מיין צימער. עס איז אויף איהר אויפגעשריבען: „דו געהסט שוין אַוועק, אינגעבאָרג?" און אין דרויסען אויף דער טיר שטעהט אָנגעשריבען: „ביטע, קום אריין, אינגעבאָרג?"

איך שלאָף איין, אַ פינף מינוט דרימעל איך, איך וואַך אויף, עס איז געקומען אַן אונגעהויער גרויסער בריעף מיט פינף רויטע שטעמפּלען, אָדער אַ פּאַקעט מיט בלומען און קליינע שעהנע שטיינדעלעך.

בריעף פליהען צווישען אונז, כאָטש מיר זיינען שטענדיג צוזאַמען. אָבער שטענדיג האָט זיך געפונען וועגען וואָס צו ריידען, איינס האָט מען פאַרגעסען, דאָס צווייטע טאָר מען ניט ברענגען אויף די ליפּען. עס קומט אָן אַ בוך מיט אָנגעצייכענ־טע פּלעצער, אָדער אַ ווייסער בלאַט פּאַפּיר, אין גאַנצען ריין,

ניט באשריבען, נאָר ווען מען קוקט זיך צו אביסעל נעהנטער, זעהט מען אויף איהם אַ דונקעלען פלעק.

אינגעבאָרג געהט אין וואלד אריין נאָך בלומען. איך זאָג:
— אייגענטליך האָב איך שוין ניט וואָס צו טאָן, איך וועל געהן מיט דיר, אינגעבאָרג.

איך שלעפ זיך ארום ביים קליינעם זעע, וואָס ליגט אין מיטען פון פארק. עס באווייזט זיך אינגעבאָרג.

— אוואו געהסטו, אקסעל?

— איך שלעפ זיך ארום ביים זעע.

— פונקט אויף מיין וועג.

— איך לעז אזא און אזא בוך.

— איך לעז דאָס זעלבע בוך.

איך ערוואך אין דער פריה — עמיצענס ליפען קושען מיך.

אינגעבאָרג שטעהט פאר מיר מיט צוואוואָרפענע האָר, זי איז אין גאַנצען פייכט פון טוי. אין איהר האנד זיינען בלומען.

— וואו ביסטו געוועזן?

— איך בין געשלאָפען אין וואלד; אָ, ווי הערליך איז דאָס געוועזן! איך האָב זיך אויסגעבאָדען אין טייך.

אָפטמאָל שלאָפט אינגעבאָרג ביינאכט אין וואלד; אָפט געהען אוועק טעג און נעכט און איך זעה ניט אינגעבאָרג. איך זיץ און טו גאָרנישט, איך ווארט אויף איהר. מיין הארץ קלאפט און זינגט; מיין קאָפ דרעהט זיך — איך פיהל, אַז זי וועט באלד קומען. אָט ווייזט זי זיך פון וואלד. פאַצאָ באגלייט זי. ער איז פון מיר איבערגעגאנגען צו איהר.

— דו־דו־דו — דו־דו־דו — זינגט זי און וויעגט אין דער לופטען מיט דעם קראַנץ.

מיינע הענד ווארפען זיך, מיינע פיס ציטערען; איך געה איהר אנטקעגען מיט טרעהרען אין די אויגען; איך געה איהר אנטקעגען: איך געה פאמעליך, ווייל עס ציטערען מיר די קני, ווען ניט וואָלט איך טומלענדיג אַ שפרונג געטאָן. „אַ טייערע" — טראַכט איך און מורמעל עס צו זיך.

— און איך האָב עפּעס געפונען אין וואַלד! — שרייט אינגעבאָרג. — זיבן צעטעלעך. דאָס האָסטו זיי געשריבען, אַקסעל! אין אָנפאַנג האָב איך געפונען איינע. איך לעז: „אינגעבאָרג". אַקסעל'ס האַנד, טראַכט איך מיר. איך זוך ווייטער און געפין גאַנצע זיבען. זיי זיינען גאָל געוואָרען, אָבער מען קען זיי נאָך לעזען. ווען האָסטו זיי געשריבען?

— איך האָב זיי אויפגעשריבען אַ פּאָר טעג נאָך אונזער געשפּרעך אויפ'ן באַרג, אינגעבאָרג! פיעל האָב איך זיי געשריבען און צוואַוואָרפען אויפ'ן ווינד.

— אַקסעל, אַקסעל!

איך לאָז אַרונטער מיין לולקע אין גראָז, אום צו האָבען אַן אויסרייד צו קענען זיך שטעלען פאַר איהר אויף די קני.

אָפּטמאָל נעהמען מיר איינס דאָס צווייטע פאַר די הענד און לויפען איבער דער לאָנקע, איבער'ן וואַלד, מיר שרייען און לאַכען. הורא! הורא! האַ־האַ־האַ!

גרויס איז געוואָרען מיין נשמה. די גאַנצע וועלט וואָלט געקענט אריינגעהמען איצט אין זיך מיין נשמה, וואָס איז באַלויכטען מיט אַ ציטערדיג ליכט. מיין נשמה ברייטעט אויס אַלץ מעהר איהר געזיכטס־קרייז. איך עפען זיך אַליין. איך וואונדער און וואונדער זיך אויף זיך אַליין. איך בין פון זיך אַליין פאַרמאַטערט. איך זיץ און קוק אין מיין אייגענער נשמה, אין דעם בליהענדיגען כאָאָס. איך ציה אויס מיינע הענד און קוק אויפ'ן הימעל. קיינמאָל האָב איך פריהער ניט אריינגעקוקט טיעפער אין אָט דער גרענעצלאָזער בלויקייט.

איך האָב אויסגעשטרעקט מיינע הענד... אויב דו ביסט אַזוי הערליך, גרויסער גאָט, טאָ וויפיעל גוטסקייטען דאַרפען זיין אין דיינע הענד!

איך הער ווי עס קלינגט מיין בלוט, מיט אַ רויטען גלאַנץ לויכט עס, עס קאָכט ווי פייער, און אַ פריידיגער געלעכטער טראָגט זיך דורך מיין קאָפּ, עס קלאַפּט אין מיין שאַרבען, ליכט שטראָמט פון מיינע אויגען.

איך פיהל, ווי מיין האַרץ וואַרפט דאָס בלוט אין די אָדערען אריין; מיין בלוט רוישט — איך בין אַ שווימינגער בלוט־קוואַל. איך פיהל דאָס לעבען אַרום זיך. אין יעדען בלעטעל איז

דאָ לעבען, אין יעדען גרעזעל; דאָס גרעזעל ציטערט, די בלום וויעגט זיך, ציטערט פון ליידענשאַפט — און גיט זיך אָפּ.

אינגעבאָרג האָט צוגעלעגט אַ פינגער צו מיין האַרץ און מיט אַמאָל האָט עס געגומען קלאַפּען און עס קלאַפּט און קלאַפּט!

איך דערשטיק אין זיך דעם קול פון זעליגקייט, נאָר דאָס בלוט שרייט, איך ציטער אויף — יאָ —

געווען זיינען שעה'ן, ווען גאָט האָט אונזערע הערצער צוזאַמענגעפלאָכטען אין איינעם. איין שמייכעל איז געווען גענוג מיר זאָלען זעהן, וואָס עס קומט פאָר אין הארצען ביים צווייטען, מיר האָבען עס געפיהלט אָהן ווערטער, אָהן רייד.

איך האָב אָנגענומען אינגעבאָרג'ס שטימע פאר מיין אייגענער, אינגעבאָרג'ס אָטעם איז געווען מיין אָטעם, נאָך אַ פּאָר אויגען האָב איך געקראָגען, מעהר שאַרפערע, און די דאָזיגע אויגען האָבען געקוקט אין אַן אַנדער וועלט, וועמעס פאַרגעפיהל האָט מיך געמאַכט ציטערען.

מיר זיינען געזעסען אין אַ פינסטער צימער און געקוקט ווי עס האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזען אַ בלום. דאָס איז געווען אַ ווייסע ליליע. שטיל האָט זי זיך פאַנאַנדערגעלאָזען. מיעדע, אָבער צופרידענע האָבען זיך די בלעטער אַראָפּגעלאָזען, פול מיט האָפנונג און פאַרטרויען.

אַ פּאָר שעה האָט גענומען איידער די ליליע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזען. מיר האָבען עס צוזאַמען דורכגעלעבט מיט איהר. עס האָט זיך געדאכט, ווי גאָט אליין וואָלט אַרויסגעגאַנגען אין דעם אַראָמאַט פון דעם בלומען־קעלך און פול מיט פרייד איז אַלץ אַרום געוואָרען, פּונקט ווי דאָס דאָזיגע קליינע בלימעל וואָלט אויפגעטרייסעלט און איבערגעביטען די גאַנצע וועלט. די וועלט האָט געמאַכט אַ טראָט פאָראויס און מיר האָבען עס געפיהלט. קיין איין בלימעל האָט זיך ניט געקענט פאַנאַנדערלאָזען, קיין איין פויגעלע האָט זיך ניט געקענט אַרויס־פּיקען פון איי אָהן דעם, אַז אַלץ וואָס לעבט זאָל ניט מיט־פיהלען און ניט נעהמען קיין אַנטייל אין דעם נייעם לעבען.

אָפטמאָל אין די שעה'ען, ווען מיר איז טרויעריג, באַלייכט אַ שטילער שמייכעל מיין גאַנץ וועזען און איך ווייס גוט פון וואַנען עס נעהמט זיך אָט דער שטילער שמייכעל.

צייטענווייז דערצעהלט אינגעבאָרג.

— כאַ־כאַ, — לאַכט זי. — אָ, ווי הערליך עס איז געווען! — נאָך אַ פּאָר סעקונדען לאַכט זי אין זיך און הויבט אָן. שטענדיג דערצעהלט זי וועגען וואַלד... עס איז געשטאַנען אַן אַלטער, אַלטער טאַנען־בוים, בלויז מאָך איז געהאַנגען אויף איהם, ווי אַ גרויע באָרד האָט ער אויסגעזעהן. צייטענווייז פלעג איך קוקען אויף איהם. אָט איינמאָל האָב איך אָנגעקלאַפּט אָן בוים. צו וואָס? — דאָס געדענק איך שוין ניט. און שטעל דיר פאָר, דער אַלטער טאַנען־בוים האָט אָנגעהויבען ריידען! עהרען וואָרט, אַקסעל, איך האָב געהערט, איך אַליין האָב געהערט! די שטימע פון בוים האָט אַזוי דומפּף געקלונגען, ווי זי וואָלט אַרויסגעקומען פון אַ פּוסטען פאַס... טויזענדער אַזוינע עהנליכע מעשיות פלעגט דערצעהלען אינגעבאָרג.

— און אָט האָט מען מיך געשיקט אין שטאָדט אריין. איך האָב זיך דאָך געדאַרפט סוף־כל־סוף עפּעס אויסלערנען. שטענדיג האָב איך דעם וואַלד געזעהן אין חלום. אַמאָל האָט זיך מיר גע׳חלום׳ט אַ דורכגאַנג אין וואַלד אין גאַנצען באַדעקט מיט רויטע יאַגדעס. איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן אַזויפיעל רויטע יאַגדעס. איך האָב זיך איינגעבויגען, די יאַגדעס האָבען זיך צושאָטען, רויט איז געוואָרען דאָס גראָז ארום, זיי האָבען זיך גענומען קלעבען צו די פינגער.

איין יאָהר האָב איך בלויז אויסגעהאַלטען אין שטאָדט. דערנאָך האָב איך זיך אומגעקעהרט אַהיים. שטעל דיר פאָר, אַקסעל, ווי איך האָב זיך דערשראָקען! דער וואַלד האָט מיך ניט דערקענט. ער איז בייז געווען אויף מיר; אָ, ווי ער האָט דאָס אַ קוק געטאָן אויף מיר! איך האָב זיך צוּוואַיינט. מיר איז אָבער נעקומען אַ גליקליכער געדאַנק אין קאָפּ אריין. מיך פלעגט מען דאַמאָלט זעהר פּוצען. איך האָב די קעמלעך ארויסגענומען פון קאָפּ, איך האָב אָנגעטאָן מיין אַלט קלייד, אויסגעטאָן די שיך און זאָקען, איבערגעקעמט די האָר, אַוועקגעלאָפען אין וואַלד און אָנגעהויבען שרייען ווי אַ באַנומענע. ווען דו וואָלסט עס זעהן, אַקסעל; יאָ, דער וואַלד האָט מיך דערקענט.

אַמאָל איז אַ מענש געגאַנגען דורכ׳ן וואַלד (איך האָב

איצט פארגעסען זיין אויסזעהן), נאָר ער האָט געשמייכעלט און אויגען האָט ער געהאַט ליכטיגע. א גרויס שטיק וועג בין איך צוזאַמען מיט איהם געגאַנגען. ער האָט מיר א קוש געטאָן אין קאָפּ. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז איך בין דאָס געגאַנגען מיט כריסטוס'ען, אָבער שפּעטער בין איך טרויעריג געוואָרען, ווען איך בין געוואָר געוואָרען, אז כריסטוס האָט געלעבט לאַנג צוריק. מיט א פּאָר יאָהר שפּעטער האָט זיך מיר אויף ס'ניי אויסגעוויזען, אז איך טרעף זיך צוזאַמען מיט קריסטוס'ען, און אזוי ליכטיג איז מיר געוואָרען אויף דער נשמה.

— און איצט?

— פרעג ניט, טייערער.

זי האָט זיך צוויינט און אוועקגעלעגט דעם קאָפּ אויף מיין ברוסט.

א ביסעל שפּעטער, ווען זי האָט זיך שוין געהאַט אויסגעוויינט, האָט זי אויסגעמורמעלט: דאָס ביסטו יענער מענש, וואָס איז געווען אין וואַלד, דאָס ביסטו!

14.

איך דערצעהל וועגען מיין גליק; אָ, ווי דאָס איז אַנגענעהם, זעהר אַנגענעהם פאַר מיר. זייט אזוי גוט, ערלויבט מיר פאַרטצוזעצען. איך וואָלט געקענט מיין גאַנץ לעבען — טויזענד נעכט...

אָ, ווען איהר וואָלט וויסען ווי אַנגענעהם עס איז צו דערמאָנען וועגען דעם אַלעם! יעדעס גליעד אין מיר טאַנצט פאַר שמחה, איך הויב אָן אַרומצולויפען און וויינען פאַר פרייד. אָפּטמאָל איז די פרייד פון עראינערונגען שטאַרקער ווי דער טרויער נאָך דעם, אז דאָס אַלץ איז שוין פאַרגאַנגען. אָט פאַרוואָס איך דערצעהל דאָס אַלץ.

דאָס זיינען געווען טעג פון הע־ליכע ימים־טובים. זייער אָפּשיין פאַלט נאָך איבער מיר און באַליכט מיינע איינזאַמע שעה'ן.

ווערטער פארלירען זייער באדייטונג, די פשוט׳סטע ווער־טער ווערען פארוואנדעלט אין רעטעניִשען.

מיר זיצען ביים טיש און עסען מיטאָג, מיר רעדען די פשוט׳סטע ווערטער.

— אָט האָסטו ברויט, טייערער.

— א דאנק דיר פאר׳ן ברויט, טייערע.

וואָס איז דאָ אויסערגעוועהנליכעס אין די דאָזיגע ווער־טער? יאָ, דאָס זיינען געוועהנליכע ווערטער, אָבער אין זיי איז פארבאָרגען א רעטזעלהאפטער געדאנק. זיי באדייטען: איך האָב דיך ליעב, טייערער. זיי באדייטען: איך האָב דיך ליעב, טייערע

איך ווידערהאָל: וואָס איז דאָ אויסערגעוועהנליכעס אין די דאָזיגע ווערטער? אין זיי איז פארבאָרגען א רעטזעלהאפ־טער געדאנק. זיי באדייטען: וועלט, לעבען, טויט; זיי באַ־דייטען: גאָט, אייביגקייט, פרייהייט. נאָך א מאָל: וואָס איז דאָ אויסערגעוועהנליכעס אין די דאָזיגע ווערטער?

אין זיי איז פארבאָרגען א טיפער, טיפער געדאנק. זייער באדייטונג — ווער קען עס ערקלעהרען?

— ווילסטו ווייִן, טייערע?

— יאָ.

— רויטען? ווייסען?

— יאָ, רויטען, ווייסען!

— ווילסטו גיפט?

— יאָ, איך וויל גיפט!

— ווילסטו אויסטרינקען דעם בעכער פון טויט?

— יאָ, איך וויל אויסטרינקען דעם בעכער פון טויט.

אַלע ווערטער בייטען איבער זייער באדייטונג.

מיר געהען אין וואלד. ווי א וואונדער זעהט אויס דער וואלד, אין א וואונדער פארוואנדעלט זיך דער רויש פון וואלד. מיר שפּאצירען איבער לאָנקעס, איבער פעלדער. יעדער זאַנג זעהט אויס ווי א וואונדער, ווי א וואונדער — דאָס אומבאַ־דייטענדסטע בלימעל. אַלץ זעהט אויס ווי א וואונדער.

— לאָמיר צוקוקען ווי די זון פארגעהט, אקסעל.

די זון פארזינקט אונטער די בערג.

— אָ, אָ! — אינגעבאָרג דריקט די הענד צום האַרצען, איהרע אויגען לויכטען.

איך הויב אָן ציטערען.

— אַקסעל, די לבנה געהט אויף.

— אָ, אָ! קוק, אַ קליין שטערענדעל באַגלייט זי. אַ גרויסער גאָלדענער שטערען לייכט דאָרט איבער די טאַנען־בוימער! — איהרע אויגען זיינען פול מיט טרערען פון ענט־ציקונג.

ווי אַ וואונדער זעהען אויס די שטערען און דער מענש.

— ווער וואָלט געקענט זאָגען, צי די טעג זיינען בעסער פון די נעכט, צי די נעכט זיינען בעסער פון די טעג?

קיינער נים.

אַ פּאָר מאָל אַ וואָך קומט צופאָהרען גראַף פלוגען. ער צושפּרייט זיינע אָרעמס, ווי נאָר ער דערזעהט אינגעבאָרג. אינגעבאָרג מאַכט מיט'ן טיכעל, קלאַפּענדיג פאָהרט די בריטש־קע צוריק אין וואַלד אריין.

— דו האָסט ביי מיר אַלץ צוגענומען, אַקסעל! — זאָגט ער צו מיר; ער איז אין האַרצען בייז אויף מיר. ער געהט אַרום אַן איינגעבויגענער; ער איז עפּעס מיט אַמאָל אַלט געוואָרען.

דער קאָפּ נעהמט זיך דרעהען ביי מיר, ווי נאָר איך דער־מאָן זיך אָן מיין גליק.

איך האָב נאָכאַמאָל אָנגעשריבען אַ בריעף צו מיין פריינד בליטהאופט. — קום צופאָהרען, קום! — האָב איך איהם גע־שריבען. — איך בין גליקליך, אַלץ פרעהט זיך אין מיר! קום צופאָהרען, איך בין אויף ס'ניי געבאָרען געוואָרען, איך בין באַצויבערט, פאַר'כשופ'ט, קום, דיך ערוואַרט אַ גרויסער סור־פּריז!

איינמאָל אַ נאָכמיטאָג איז האַרי איזעדאָם צוגעפאָהרען צו מיין הויז אין אַ צובראָכענער בריטשקע.

איך בין געזעסען אויף די שטיגען פון הויז און געוואַרעמט זיך אויף דער זון, איך האָב ערוואַרט אינגעבאָרג, וואָס איז געוועזען אין וואַלד.

— מיט מיר האָט פּאַסירט אַ קליינער אומגליק, — האָט געזאָגט האַרי איזעדאָם.

דער דישעל אין דער בריטשקע איז געווען צובראָכען. די בריטשקע איז געווען איינגעבויגען אויף אַ זייט.

— איהר זייט פאַרוואונדעט? — האָב איך איהם גע־פרעגט. ער איז אין גאַנצען געווען באַדעקט מיט שטויב.

— ניין, — האָט ער אַרויסגערעדט און אַ שמייכעל גע־טאָן. איך בין בלויז אַרויסגעפאַלען פון דער בריטשקע. אַלץ איז אָבער גוט דורכגעגאַנגען.

איך האָב איהם געבעטען אַריינגעהן אויף דער צייט, וואָס די אַרבייטער וועלען זיך פאַרנעהמען מיט פאַרריכטען די בריטשקע.

מיר זיינען געזעסען אין מיין צימער און געפּלוידערט.

— ביי אייך זיינען פאַראַן וואונדערבאַרע זאַכען, — האָט ער באַמערקט און מיט אַ קינדישער נייגעריגקייט גענומען אַלץ באַקוקען. ער איז נאָך אַלץ געווען בלייך, אָבער ער איז געגאַנגען גלייך און לעבעדיג און פריי גערעדט. זיין בליק איז געפאַלען אויף דער טיר, וואו עס איז געשטאַנען: „דו געהסט שוין אוועק, אינגעבאָרג?" ער האָט אַ ציטער געטאָן, געקוקט אויף די דאָזיגע ווערטער און רויט געוואָרען. דערנאָך האָט ער ווידער גענומען ריידען וועגען די זאַכען, וואָס זיינען געשטאַנען אין מיין צימער.

ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגען יעדער זאַך באַזונדער. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט זייער געשיכטע, פון וואַנען זיי שטאַמען; ער האָט געשמייכעלט, אויפמערקזאַם זיך צו־געהערט, נאָר זיינע געדאַנקען זיינען געווען ווייט פון דאַנען. די בריטשקע האָט מען פאַרריכט.

אָבער האַרי איזעדאָם איז אַלץ ניט אוועקגעגאַנגען.

ער האָט פאָרטגעזעצט צו ריידען וועגען וואַזען. צווישען אַנדערעס איז ער צוגעגאַנגען צום ראָיאַל און גענומען אַ פּאָר אַקאָרדען. ער האָט גערעדט, שטיל אונטערגעלאַכט, הערענ־דיג אין דער זעלבער צייט. — האָב איך ניט אַמאָל אַ פידעל? איך האָב איהם געבראַכט אַ פידעל. גיך האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן און אָנגעהויבען שפּיעלען. פּאַמעליך האָט ער געשפּאַנט

איבער'ן צימער שפּיִלענדיג אויף דער פידעל. ער האָט גע־ריסען די סטרונעס, ער האָט געזונגען. זיינע אויגען האָבען געגלאַנצט, זיי זיינען געווען טרויעריג; זיין פּנים האָט גע־שפּיִלט צוזאַמען מיט דער פידעל. איך האָב גוט פאַרשטאַנען וועגען וואָס ער שפּיִלט אויף דער פידעל.

אין דער צייט איז אינגעבאָרג אריינגעקומען אין צימער. איהר פּנים האָט געפלאַמט, מיט אַ גרינעם גלאַנץ האָבען געלויכטען די אויגען. פּאַצאַ איז אריינגעקומען צוזאַמען מיט איהר. ער האָט גענומען בילען און געוואָלט זיך וואַרפען אויף האַרי איזעדאָם.

איזעדאָם האָט גלייך אויפגעהערט שפּיִלען. ער האָט אוועקגעלעגט די פידעל אויפ'ן טיש, דערנאָך האָט ער זי אַראָפּ־גענומען פון טיש און אוועקגעלעגט אויפ'ן ראָיאַל. זיין האַנד האָט געציטערט אַזוי, אַז די פידעל האָט אַ קלאַפּ געטאָן, ווען ער האָט איהר אוועקגעלעגט אויפ'ן ראָיאַל.

— דו ביסט עס? — האָט ארויסגערעדט אינגעבאָרג און גערייכט איהם די האַנד.

— ווי לעבט זיך?

— אַ דאַנק! — האָט ער געענטפערט און דורך זיינע ליפּען איז אַ ציטער דורכגעלאָפען. — עס האָט פּאַסירט אַ קליי־נער אומגליק מיט מיין ברילשקע. דער דישעל האָט זיך צו־בראָכען. איך האָב זיך דאָ אביסעל פאַרהאַלטען, געפּלוי־דערט, — איך בין נאָך אַלץ פול מיט שטויב, ענטשולדיג... דערנאָך אביסעל געשפּיִלט אויפ'ן פידעל... אַזוי אומעטיג איז געווען... איך בין די גאַנצע צייט אַליין... ער האָט זיך פאַר־קנעפּעלט און לייכט זיך איינגעבויגען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף פּאַצאַ. מיט אַ ליעבען בליק אַ קוק געטאָן אויף פּאַצאַ'ן און אַ גלעט געטאָן איהם.

— בלייב, האַרי. שפּיִל נאָך אביסעל.

— אַ דאַנק! — האָט ער געענטפערט. — דו ביסט אַזוי גוט, אַזוי גוט, אינגעבאָרג. איך דאַנק דיר פון גאַנצען האַרצען. מיט גרויס פאַרגעניגען וועל איך שפּיִלען, אויב דיר ווילט זיך. — ער איז צוגעגאַנגען צו דער פידעל, נאָר ער האָט זי ניט גענומען.

— ניין, — האָט ער אַרויסגערעדט און אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. — איך קען ניט שפּיעלען, איך קען איצט ניט שפּיעלען, — איך לעב אַזוי‌פיעל איבער, אָ, ס'אַרא שרעק־ליכער מאָמענט! דו ביסט אַזוי גוט, — אַלץ איבער מיר ווערט פאַרניכטעט! — ער האָט פאַרשטעלט זיין פּנים און טרערען האָבען זיך געוויזען אויף זיינע אויגען.

— האַרי! — האָט צאַרט געזאָגט אינגעבאָרג און אָנגע־ריהרט זיין האַנד.

מיט אַמאָל האָט ער אַוועקגענומען זיין האַנד פון איהרער און אַ וואָרף געטאָן זיך אויף די קני.

— ...בלויז איין מאָמענט, בלויז איין מאָמענט, אינגעבאָרג.

אינגעבאָרג'ס אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרערען. זי האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— ...בלויז איין מאָמענט, בלויז איין מאָמענט, אינגעבאָרג.

אַ יאָמער האָט פאַרשטיקט זיין קול.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און אַ שמייכעל געטאָן. זיין פּנים איז געווען נאָס פון טרערען.

— ענטשולדיג! — האָט ער געזאָגט און אַוועקגעגאַנגען. אַ גליקליכער, קינדישער שמייכעל האָט געשטראַהלט אויף זיין פּנים.

— הערסט? — האָט געזאָגט אינגעבאָרג.

אונזערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט. אין וואַלד האָט געזונגען אַ פידעל. אַ פידעל האָט געיובעלט און געקלונגען. עס איז געווען פאַלשטענדיג שטיל און די קלאַנגען פון דער פידעל האָבען זיך אַזוי קלאָר דערטראָגען צו אונז, ווי זי וואָלט געזונגען אונטער'ן פענסטער. קיינמאָל אין לעבען האָב איך ניט געהערט אַזא הערליך ליעד. דאָס גליק האָט געיאָמערט אין דעם ליעד.

אינגעבאָרג איז אונבאַוועגליך געזעסען און געקוקט מיט ברייט צועפענטע אויגען. מיט אַמאָל האָט זי אָנגעהויבען יאָמערען; אָהן אַן אויפהער האָט זי געיאָמערט, פאַרדעקענדיג מיט די הענד דאָס פּנים, און פון דעם יאָמערען האָט איהר גאַנצער קערפּער געציטערט. איהרע אַקסלען האָבען זיך גע־הויבען אַרויף און אַראָפּ.

עס האָט זיך אָנגעהויבען צו דערװייטערען דאָס געזאַנג פון דער פידעל און אין דער טיעפער שטילקייט איז עס פאַר־שטאָרבען.

— ענטשולדיג, וואָס איך האָב געוויינט, — האָט איינגע־באָרג ארויסגערעדט.

— ענטשולדיג, וואָס איך האָב געוויינט, — האָט זי ווידערהאָלט.

דריי נעכט האָט די פידעל געקלונגען אין דעם שווייגענ־דיגען וואלד.

מעהר האָבען מיר זי דערנאָך ניט געהערט. א פּאָר טעג נאָך דעם איז פון ווייטען זיך געקומען אָן אָפענער בריעף. עס איז געװען אדרעסירט צו אונז ביידען: „איך דאנק" איז אויף איהם געשטאַנען. מעהר גאָרנישט.

15

אין איין שעהנעם טאָג איז געקומען צו פאָהרען בליטהאופּט דער פּאָעט. ד. ה. ער האָט זיך באַוויזען אין מיטען נאַכט. מיט שרעקליכע קולות האָט ער אונז אויפגעהויבען פון די בעטען.

ער האָט געוואוינט אין דער הויף, אין דעם טורעם־צי־מער פון שלאָס. ער האָט געארבייט טאָג און נאַכט. ציי־טענווייז האָט ער זיך ארונטערגעלאָזען צו אונז; ער האָט גע־לאַכט, געלויכטען און געװען פאַר'שכור'ט פון זיין ארבייט. ציי־טענווייז פלעג איך איהם זעהן שטעהן אויפ'ן הויף און שמוע־סען מיט אונזער אַן אויסגעפּוצטער און שעהנער דיענסט־מיידעל. זייער געשפּרעך האָט מען געקענט הערען פון גאַנץ ווייט און ווען ער האָט געלאַכט, האָט אין וואלד אָפּגעקלונגען זיין עכאָ. צייטענווייז פלעגט ער אונז באַגעגנען א צוטראָגנע־נער און מיט א צוזאַמענגעקנייטשטען שטערן: דאָס האָט ער געטראַכט וועגען זיין ווערק.

ער איז געווען הויך, אביסעל העכער פון מיר, ברייטביי־ניג און ווען ער איז געגאַנגען האָט ער געמאַכט גרויסע שפּריי־זען. די האָר זיינע זיינען געווען פון א טונקעל רויטען קאָליר,

ווי קופער; ער האָט געהאַט אַ פּאַררייסענע נאָז, טונקעל־בלויע אויגען און אַן אָפּען מויל, וואָס האָט שטענדיג געשמייכעלט. ער איז געווען עהנליך אויף אַ זינגער פון די אַלטע צייטען, וואָס ביי טאָג איז ער געגאַנגען נאָכ'ן אַקער־אייזען און ביי נאַכט געזונגען אין די געצעלטען צווישען פרויען. שווער איז געווען צו באַשטימען זיין כאַראַקטער. פול מיט ווידערשפּרוכען איז ער געווען: ער איז געווען זעהר שטאָלץ און אין דער זעלבער צייט זעהר שעמעוודיג; ער איז געווען זעהר פאָדערנדיג צו זיך און אין דער זעלבער צייט ווייכהערציג; ער האָט זיך אָפּט־מאָל פאַרוואַנדעלט אין אַ קינד, געלאַכט, געשפּרונגען, נאָר גע־ווען זיינען שעה'ן ווען ער איז געוואָרען ערנסט, טרויעריג. עפּעס האָט אויפגעגלאַנצט אין זיינע אויגען, די באַקען זיינען איינגע־פאַלען און ער האָט גערעדט זאָנדערבאַר־געהיימניספולע ווער־טער. די באַגייסטערונג האָט דאַמאַלט גערוהט אויף איהם, ער האָט גערעדט מיט זיך אַליין, מיט עמיץ אַן אונזעהבאַרען. אין אַזוינע שעה'ן פלעגט ער אַוועקגעהן צו זיך אין צימער און אַר־בייטען. צייטענווייז נאָך דער אַרבייט פלעגט ער זיך אומקעה־רען אַ פאַרמאַטערטער, אין אַזוינע שעה'ן האָט ער גערעדט מיט אַ צובראָכענער, שוואַכער שטימע.

ער איז געווען זעהר געוואַגט אי פיזיש אי גייסטיג. שטענ־דיג גוט און גרויסמוטיג איז ער געווען, קיין זאַך ניט געפאָ־דערט פון מענשען, גאָר גישט ניט. שטענדיג האָט ער זיי אַוועקגעגעבען אַלץ!

איך האָב איהם ליעב געהאַט. אויב עמיץ האָט געוואָלט הערען, בין איך געווען גרייט צו רעדען וועגען איהם שעה'ן לאַנג.

און אַזוי האָט ער זיך געוויזען אין מיטען נאַכט, אַ דורכ־געווייקטער ביז די ביינער; אַ גאַנצע נאַכט האָט געגאָסען אַ רעגען.

— האַלאָ! — האָט זיך דערהערט אַ געשריי.

איך בין אַרונטערגעשפּרונגען פון געלעגער. דאָס בלוט האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין: דאָס איז ער געוועזען, אָט דאָרט איז ער געשטאַנען! גאַנצע דריי יאָהר האָב איך געוואַרט אויף איהם. איך האָב דערקענט זיין פיגור, איך האָב

זי, פארשטעהט זיך, גיט פארגעסען, אָבער איך האָב זי נאָכ־אמאָל דערקענט. איך האָב דערקענט זיין האנט, דעם דרוק פון זיין האנט האָב איך דערקענט. זי איז געווען מאָגער און ביינינ, פונקט ווי ביי א סקעלעט; די האנט פון מיין פריינד בליטהאופט!

— דיר לעבט זיך גאָר ניט שלעכט!

איך האָב דערקענט זיין שטימע. ווי געליעבט האָב איך אָט די מעכטיגע, אביסעל גראָבליכע שטימע!

עס פארשטעהט זיך, אז מיר האָט זיך גוט געלעבט. אויך איהם האָט זיך ניט שלעכט געלעבט. איהם איז שטענדיג גוט געווען, ווען ער איז אפילו געשטאָרבען פאר הונגער, ווען ער איז אפילו געווען אין די פארצווייפעלטסטע אומשטענדען.

איך בין אוועק צו אינגעבאָרג.

— קארל איז געקומען — האָב איך איהר געזאָגט. איך האָב זיך צולאכט און באלד ווידער ארויסגעגאנגען פון צי־מער.

גיך האָב איך זיך אומגעקעהרט דורכ'ן קאָרידאָר; דער רעגען האָט געקלאפט אין פענסטער; דאָס איז געווען אן אנ־גענעהם געפיהל. איך האָב געפיהלט די אלע טראָפענס פון רעגען אויף מיין לייב.

אין גיכען איז אָנגעקומען אינגעבאָרג. אין אן אונגלויב־ליך קורצער צייט האָט זי באוויזען זיך אָנצוטאָן. זי האָט גע־טראָגען איהר בעסטעס קלייד, אין גאנצען א ווייסעס, וואָס האָט פעסט ארומגענומען איהר פיגור. אויף די פיס האָט זי געטראגען פאנטאָפעל פון האָזען־פעל; איך האָב דאָס פאר איהר אויסגעטראכט די דאָזיגע פאנטאָפעל; איין רויז איז געווען צוגעשפילעט צו איהר ברוסט און די צווייטע האָט זי געטראָ־גען אין דער האנט. די רויז האָט זי דערלאנגט בליטהאופט'ען. איהרע אויגען זיינען געווען פייכט. זי האָט גאָרנישט גערעדט.

כא־כא, עס איז פארשטענדליך, אז ער איז געווען פאר־וואונדערט. ער איז רויט געוואָרען און באלד — גלייך, — אויסערגעוועהנליך איז דאָס איהם געגאנגען צום געזיכט.

אינגעבאָרג האָט איהם דערלאנגט די רויז אויף אזא ארט, ווי א קינד דערלאנגט א רויז צום הויפט פון א רעגירונג; זי

האָט זיך דערבײַ נידעריג אײַנגעבויגען: אין גאַנצען אײַנגע־בויגען איז זי געשטאַנען פאַר איהם.

ער האָט די רויז גענומען, דערלאַנגט איהר די האַנט און, שטאַמלענדיג, איהר עפּעס געענטפערט.

איך בין געווען זעהר פרעהליך אין דער נאַכט, איך בין גע־ווען אַזוי גליקליך, אַז איך האָב זיך באמת געקענט פרעהען.

אײַנגעבאָרג האָט ניט אַראָפּגעלאָזען די אויגען פון בליט־האופּט׳ען; זי האָט באַקוקט זײַן מויל, זײַן קאָפּ, זײַנע הענט, און ווען ער האָט געעפענט דאָס מויל, האָט זי זיך מיט איהר גאַנצען וועזען אײַנגעהערט. ער האָט גערעדט די פּשוט׳סטע ווערטער.

זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן און געהערט קיין אײַנ־ציגען פּאָעט. זי האָט געמיינט, אַז אַ פּאָעט דאַרף טראָגען רויזען אין די האָר און רעדען אין גראַמען.

— איך האָב מיר פאָרגעשטעלט אַ פּאָעט אַלס עפּעס לופטי־געס, עפּעס גאָלדענעס, — האָט זי אַמאָל באַמערקט.

מיר האָבען צוזאַמען דורכגעלעזען בליטהאופּט׳ס ביכער פון אָנהויב ביז׳ן סוף. אײַנגעבאָרג האָט געזאָגט:

— ער קען מיך, — און דערבײַ געוויזען אויפ׳ן האַרץ. — אָ, ווי ער קען דעם מענשען! —

— ער וועט אַהין גיכען קומען, אײַנגעבאָרג. — יאָ, וואָס וועל איך איהם דאַמאַלט זאָגען.

איצט איז ער געזעסען נעבען איהר און זי האָט איהם ניט געקענט פאַרשטעהן; ער האָט איהר נישט געגעבען קיין מעג־ליכקייט אַרײַנצודרינגען אין זײַן נשמה, נישט דורך זײַנס אַ וואָרט אָדער אַ שטריך פון פּנים; זי איז געווען ענטוישט.

— אָ! — האָט זי מיר געזאָגט אויף מאָרגען; זי האָט איהר מײַלכעל צוזאַמענגעלייגט ווי אַ רינגעל און עפּעס אַזוי מאָדנע אַרויסגערעדט דעם „אָ!“ „אָ“ זי האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ:

— וואָס האָב איך, אין אמת׳ן צו טאָן מיט די אַלע אָרימע קלאַטשעס, וועגען וועלכע ער האָט אַזויפיעל גערעדט? מיר איז איצט אונאַנגענעהם צו קוקען אויף די קלאַטשעס!

דערנאָך האָט זי מיט'ן פינגער א פיהר געטאָן אין דער לופ־טען און זיך צולאכט.

— אָט די אומגליקליכע קלאַטשעס! כאַ־כאַ־כאַ, און דאָס הייסט א פּאָעט! קאַרל בליטהאופּט!

— און ווייסטו, אַקסעל, ער האָט מיר ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן, ווען איך האָב איהם געפרעגט, וואס זיינען עס אזוינס פּרויען? און מיר האָט זיך באזונדערס געוואָלט ווי־סען זיין מיינונג. — ער האָט זיך ארויסגעדרעהט. — דאָס קען קיינער ניט וויסען. זיי קען קיינער ניט, בלויז איינצעלנע ביי־שפּיעלען קען מען. איך האָב באגעגענט אן אָרים מיידעל, זי איז מיט מיר אהיימגעגאנגען. אין דער פריה האָט זי מיך פארלאָזען, אָבער אין א שעה ארום האָט זי זיך אומגעקעהרט; זי האָט מיר אויפגענעהט א האַלז־טוך. אָט וואָס זיי זיינען. — נאָט אייך נאָך א ביישפּיעל: — א פרוי קען היינט זאָגען א מאן: „דו ביסט א היילינגער, דו קענסט באווייזען א וואונ־דער,” און אויפ'ן צווייטען טאָג: „דו ביסט אן אומווירדיגער, נישטיגער מענש.” זיי זייגען באצויבערענד, ווען זיי ליעבען, אינטערעסאנט, ווען זיי האסען. מען קען, אין אמת'ן, ווענגען זיי גאָר קיין באשטימטעס נישט זאָגען.

אין א פּאָר טעג ארום האָט זי זיך באוויזען צו מיר; זי האָט גענומען מיך פאר דער האנט און מיר מיטגעטיילט:

— ווייסטו, אַקסעל, איצט האָב איך דערזעהן.

— וואָס האָסטו דערזעהען?

— אז ער איז א פּאָעט! אין זיינע אויגען האָב איך דער־זעהן א שיין, א גלאנץ. פון דאן אָן זעה איך פאר זיך שטענדיג יענעם שיין. מיר דאכט זיך, אז דאָס איז א צייכען פון אונ־שטערבליכקייט — אָט יענער שיין. מיינסטו ניט אזוי, אַק־סעל?

אין א פּאָר טעג ארום האָט זי פּלוצים מיך גענומען רו־פען:

— קום אהער, אַקסעל, קום אהער. עפּעס ערשטוינענ־דעס איז פּאָרגעקומען. — הער זיך איין, דאָס איז זאָנדערבאַר. דער ארבייטער, וועמען מיר אלע רופען דער גלח, איז פארביי־געגאנגען פארביי אונז. בליטהאופּט האָט זעהר מאָדנע א קוק

געטאָן אויף איהם. איך האָב זיך צולאַכט. — זומער און ווינטער געהט ער שטענדיג אום אין דעמזעלבען גראָבען פאַלטאָ און אין דעמזעלבען גרויסען הוט, — האָב איך געזאָגט. — נישט דאָס איז דער עיקר — האָט ער געענטפערט, — דער מענש איז א פארברעכער. — דער גלח! — הערסט, אקסעל? יא ער איז באַגאַנגען א פארברעכען, א מאָרד, נאָר דאָס איז געשעהן שוין לאַנג צוריק. פון וואנען האָט ער זיך וועגען דעם דערוואוסט? — אויף זיין פנים האָט זיך אָפּגעדרוקט דער פנים פון זיין קרבן, ער האָט צוויי פנים'ער, איך אליין זעה עס, ער טראַכט וועגען דעם שטענדיג.

איך האָב געשמייכעלט. — ניט שוין־זשע גלויבסטו אין דעם אַלעמען?

אינגעבאָרג האָט פארוואונדערט א קוק געטאָן אויף מיר. זי איז טרויעריג געווארען ווי א קינד. דערנאָך האָט זי פארטגעזעצט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, — האָב איך איהם געפרעגט, — אַז איהר געהט אין גאַס, באַגעגענט איהר א סך פנים'ער? אויף דעם האָט ער געענטפערט: אין אַזא פאַל באמערק איך א סך פארברעכער. — פון וואנען קומט דאָס צו איהם? — איך האָב א לאַנגע צייט פריהער שטודירט מיין אייגען פנים, — האָט ער געזאָגט, — יעדע זינד און פארברעכען שטעמפּעלט זיך אָפּ אויפ'ן פנים. — זאָגענדיג דאָס, איז ער געוואָרען טרויעריג. מיר ווערט אַנגסטליך מיט איהם! מיר האָט זיך געוואָלט מעהר געוואָר ווערען. — וואָס וואָלט געווען, ווען איהר וואָלט אויפ'ן פנים פון אייער ברודער דערזעהן, אַז ער איז א מערדער? — האָב איך איהם געפרעגט. — איך וואָלט עס איהם טאַקע געזאָגט און אָנגעהויבען זיך צו היטען. — פון וואָס? — אַז איך אַליין זאָל אויך ניט באַגעהן קיין מאָרד. שפּעטער האָב איך איהם געפרעגט: — אויב ער וואָלט דערהרג'עט אייער געליעבטע, וואָס וואָלט איהר דאַמאָלט געטאָן?

— איך וואָלט איהם דער'הרג'עט, — האָט ער געענטפערט און דערביי צושמייכעלט זיך; א שרעק איז מיך באַפאַלען פון זיין שמייכלען: ער האָט ניט געליינט.

— דו שטודירסט איהם?

— איך שטודיר איהם, אקסעל!

שפעטער האט זי איהם באמערקט ריידען מיט דער אויס־געפוצטער דיענסט־מיידעל; זי האט איהם געזעהן צווישען די ארבייטער, מיט אלעמען איז ער געווען פער דו. זי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— ער האט הונדערטער פנים'ער, — האט זי געזאגט — איך זאג זיך אפ איהם ווייטער צו שטודירען.

פון דאמאלט אן האט זי איהם אנגעהויבען רופען דער הונדערט־פנים'דיגער מענש.

און זי האט מיר שטענדיג מיטגעטיילט, ווען זי האט אין איהם ענטדעקט א ניי געשטאלט.

ענדליך, נאך א לאנגער צייט, האט זי ענטדעקט זיין ריכטיג פנים, ווי איך שטעל זיך איהם מיר פאר, ווען איך פארמאך די אויגען און טראכט וועגען איהם.

איך געדענק גוט איין אווענד, ווען ער האט וואונדער־באר־גוט גערעדט וועגען מענשען, וועגען טרויער און וועגען דעם יאגען זיך נאך גליק; ער האט גערעדט וועגען זיינע האפנונגען, וועגען גליק, וועגען טעות'ען, וועגען זיין טרויער און זיינע ליידען, וועגען איינזאמקייט און פארצווייפלונג. פונקט ווי א ווירטואז, אנריהרענדיג די סטרונעס, באשאפט אקארדען און מעלאדיען, אזוי האט ער ארויסגעבראכט אן אקארד נאך אן אקארד, און מיר האבען געהערט א וואונדער־באר געזאנג וועגען דעם מענשליכען הארץ. אין דעם דא־זיגען געזאנג איז געווען אזויפיעל שעהנהייט, אזויפיעל צער־טע פרייד און ליידענשאפט, עס האט אזוי וואונדערליך גע־קלונגען, אזוי וואונדערליך.

מיר דאכט זיך, אז איינגעבארג האט אין דעם אווענד ענטפלעקט זיין ריכטיג געשטאלט. איך נעהם דאס דערפון, וואס זי האט א גאנצע נאכט וועגען דעם ניט גערעדט, נאר האט בלויז געקוקט אויף מיר. איהרע באקען האבען געשמיי־כעלט. זי האט מיין האנד צוגעטראגען צו איהר מויל, נאר

זי האָט איהר ניט געקושט, נאָר בלויז צוגעדריקט צום מויל. —
זי האָט געטראַכט.

יאָ, געוויס, דאָס האָט זיך אָנגעהויבען פון דעם אָווענד...

.16

ווי גוט איז צו דערמאָנען זיך אָן יענעם זומער, ווידער זיך ארומרינגלען מיט איהם, געהן אויף זיין זון און ניט אויף דער זון פון עפּעס אַן אַנדער זומער. יאָ, ווי לעבעדיג זעה איך איצט נאָך יענע זון, נאָך ברענט זי אויף מיינע הענד, נאָך פלאַמט זי אויף מיין פּנים.

ווי גוט איז זיך צו שלעפען איבער אָט די קיהלע, ווייסע קאָרידאָרען, אָט עפענען די טירען און אָט צומאַכען זיי, ארויס־געהן אין דער הויף צו בליטהאַופּטען, אויסרויכערען ביי איהם א פּאַפּיראָס; יאָ, גוט איז צו שפּאַצירען אין וואלד לויט יענעם זומער, צוזאַמען מיט אינגעבאָרג, אין דעם שאָטען פון איהר ליעבע, אין וועלכער עס איז געווען אַזויפיעל ווארעמ־קייט, אַזויפיעל ווארעמקייט...

יאָ, דאָס אַלץ איז גוט. גוט איז אריינצולויפען אין דעם פארלאָזענעם פּאַרק, צושרייען זיך, צוזינגען זיך.

איצט באַלאַנגט דער פּאַרק צו דעם פויער אַנטאָן קרייד־מייער.

איך האָב גאָרנישט פארגעסען, ניין. אַלץ האָט זיך צו־זאַמענגעמישט, נאָר פיעלעס ערוואַכט אויסערגעוועהנליך קלאָר פאַר מיר, — מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, מיט אַלע איינצעל־הייטען וועט עס בלייבען שטענדיג לעבען אין מיר. איך בין רייך; צייטענווייז לייד איך צוליעב מיין רייכטום, אָבער בלויז צייטענווייז.

א קליינער ריץ איז דאָ אויף מיין האַנד, דאָס איז פון אינגעבאָרג'ס שפּילקע; נאָך אַזוי פיעל יאָהרען איז ער נאָך אַלץ ניט פאַרוואַקסען. אָפּטמאָל קוק איך אויף דעם ריץ, מיט אַן אויסערגעוועהנליכע צערטליכקייט באַקוק איך דעם ריץ; יאָ, אָפּטמאָל גלעט איך איהם אפילו. איך דערמאָן זיך, ווי

איך האָב אויף אַ שיף אויפ'ן ים דערצעהלט אַ מענשען אַ גאַנצע געשיכטע וועגען דעם ריץ; דער מענש האָט שוואַך געזעהן, ער האָט איהם קוים געקענט באַמערקען. אָט דעם אין גאַנצען פרעמדען מענשען האָב איך דערצעהלט אַ גאַנץ ריהרענדע געשיכטע וועגען אַ הונד, וואָס האָט מיר געמאַכט אָט דעם ריץ. איך האָב דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע, אום צו האָבען אַ מעגליכקייט צו ריידען וועגען דעם ריץ, ווייל שטענדיג טראַכט איך בלויז וועגען איהם. אַלץ וואָס מיר איז פאַרבליבען קען פאַרגליכען ווערען צו דעם פאַרהיילטען ריץ אין דער האַנד.

איך קוק אויף דעם ריץ און פיהל אויף דער האַנד צוויי ליפּען, וואָס זויגען אויס דאָס בלוט; איך זעה אָט די אויס-געשטרעקטע ליפּען, אָט די בעטענדע, שמייכלענדע אויגען, וואָס קוקען אויף מיר פון דער זייט און בעטען פאַרצייהונג פאַר זאַכען, וואָס זיינען אפילו ניט ווערט דערמאָנט צו ווע-רען. איך פיהל האָר, וואָס פאַלען אויף מיינע הענד. איך פיהל דעם אַראָמאַט פון אָט די האָר. איך הער ווערטער. איך הער אַ שטימע, וואָס איז געווענדט צו מיר. די שטימע, וואָס רעדט צו מיר איז מילד און שטיל. ווער וואָלט געקענט גלויבען, אַז אָט דער קליינער ריץ וועט פאַרנעהמען אַזאַ גרויסען אָרט אין די עראינערונגען וועגען יענער צייט.

דער נאַכטיגאַל האָט אונז שוין פאַרלאָזען, צום צווייטען מאָל בריהט אויס איהרע אייער די לערכע, רויט זיינען גע-וואָרען די קאַרשען. מיט גרינע עפּעל און בארען זיינען באַ-האַנגען די בוימער. אין אַ פיעבערדיגער היץ איז די ערד. פּונקט ווי אַ מוטער, ווי אַ מוטער פון מיליאַרדען באַשעפע-נישען איז זי פאַרנומען מיט אַרבייט, און זי שאַפט אָהן אויפהער מיט פלאַמענדיגע באַקען.

די זון לייכט, ווי שטאָל איז דער הימעל בלוי, שטילע ווייסע וואָלקען זיינען צושאָטען אויף איהם, ווי ווייסע זעגלען אויפ'ן ים.

וועגען וואָס האָב איך זיך עראינערט? ווי אַזוי האָב איך געלעבט?

אַט שפּאַציר איך אַרום. איך טראָג אַ ווייסען אַנצוג. פאַרברוינט פון דער זון זיינען מיינע הענד און מיין פּנים. איך בין אַרומגעגאַנגען מיט אַן אויסגעשטרעקטער ברוסט. מיין טראַט איז געווען לייכט; די ערד האָט זיך געוויגט אונטער מיינע טריט; איך בין קיינמאָל נישט מיעד געוואָרען; איך האָב געהאַט דאָס געפיהל, ווי איך וואָלט שוועבען, ווי איך וואָלט טאַנצען. איך בין אָפט אַרומגעגאַנגען אין מיין צימער אַהין און צוריק. אָפטמאָל פלעג איך זיך אונטער־גנב'ענען און געהן שטיל, זעהר שטיל. פאַרוואָס, אָבער, פלעג איך שטענדיג אַרומגעהן אַזוי שטיל?

איך פלעג אַוועקגעהן אין דער טיעפעניש פון וואַלד, וואו עס האָבען געוואַקסען זאָנדערבאַרע, אַטלעסענע שוואַמען און עס זיינען אַרומגעפלויגען העלע פליגען; דאָרט האָב איך אויך אָנגעהויבען זינגען, מיט אַלע קרעפטען האָב איך געזונגען, אונזיניגע זאַכען פלעג איך זינגען, אָדער איך פלעג מיט אַלע קרעפטען אויסזינגען איינגעבאָרג'ס נאָמען און איינהערען זיך צו זיין עכאָ; אַרומגעגאַנגען בין איך אין וואַלד און איך בין געווען גרייט אויסצוקושען יעדעס בלעטעל.

איך בין אַרומגעגאַנגען אַרום די ברעגען פון זעע און מיטאַמאָל זיך דערמאָנט אָן אַ וואָרט, אָן אַ ליעב וואָרט, וואָס קושענדיגערהייט האָבען עס מיר ליעבע ליפּען איינגערוימט אין אויער אַריין.

אַ כוואַליע פון גליק האָט פאַרגאָסען מיך: איך האָב אַרונטערגענומען דעם רינג פון דער האַנד און אַריינגעוואָרפען אין וואַסער, איך האָב אַרויסגענומען די שפּילקע פון קראַוואַט און אַריינגעוואָרפען אין וואַסער אַריין.

קיינער האָט דאָס ניט באַמערקט.

יעדע רגע האָט אַלץ אין מיר געזונגען.

לאָמיר זיך אויספּוצען, טייער מיידעל, דאָס גליק איז גע־קומען. לאָמיר מיט רויזען־קרענץ באַקראַנצען אונזערע קעפּ, — אונזער זומער איז געקומען. גיב מיר דיין האַנד, טייערע, מיר וועלען פּאַטשען מיט די הענד און טאַנצען, — גרינען דאָך שוין די לאָנקעס.

אַזוי האָט אַלץ געזונגען אין מיר.

אמאָל בין איך געשטאַנען ביים פענסטער ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען. ווי שעהן איז די זון דאַמאָלט אונטערגעגאַנ־געז! געלויכטעז האָט דער טאָל, אַלץ האָט אויסגעשטרעקט צו דער פאַרגעהענדער זון זיינע מתנות: דאָס גראָז — גלאַנצענ־דיגע רובינען, די פעלדער — גאָלדענע שלייערען, דער טייך — פייער. דאָס איז געווען דער לעצטער גרוס, א פרעהליך געזעג־נענען זיך; די זון האָט שמייכלענדיג ארונטערגעלאָזען זיך. מיט אמאָל האָט זי מיך באַגאָסען און איך האָב דערזעהן די פרייד און די דאַנקבאַרקייט פון טאָל, דעם שמייכעל פון דער זון און האָב זיך דערפיהלט אזוי גליקליך, אזוי רייך, — א שמיי־כעל האָט דורכגעשטראַהלט מיך, אָבער אויך עפּעס א שטיק געטאָן אין האַלז, און עס האָבען אָנגעהויבען פליסען טרערען; איך האָב געשמייכעלט און געוויינט אין דער זעלבער צייט.

און ווען איך האָב געוויינט, האָט עמיצענס האַנד אָנגע־כאַפּט מיך און א פּאָר אויגען האָבען א קוק געטאָן אין מיין פּנים: — דו וויינסט, אקסעל? — דו וויינסט, אקסעל?

איך האָב זיך צולאַכט און די טרעהרען זיינען גערונען איבער מיין פּנים, ווייל פון׳ם לאַכען האָט זיך מיין קאָפּ געשאָ־קעלט. איך האָב צוגעצויגען אינגעבאָרג צו זיך, אומבאַוועגליך איז זי געלעגען אין מיינע אָרעמס, בלויז איהרע ליפּען האָבען זיך אומבאַמערקט באַוואויגען ביי מיין האַרץ.

וואָס איז א גליקליכער מענש? איך קען אייך דערצעהלען ווי ער זעהט אויס, איך קען אָפּמאָלען זיין אויסערליכקייט און וואס עס קומט פאָר אין זיין נשמה.

גליק מאַכט שעהן, קלוג און גוט.

ווי א יונגער גאָט מאַרשירט ער א פרעהליכער; ער געהט ניט, נאָר ער מאַרשירט. רויזען טראָגט ער אין די האָר, אויף די לאַצען און אין דער נשמה; צו וואָס ער זאָל זיך ניט צו־ריהרען — לעבט עס אויף, אויף וואָס ער זאָל ניט א קוק טאָן — לייכט עס אויף. זיין שטימע איז פייער. ער שטעהט אין דער הויך און קוקט אויף זאַכען און ערדרייכט זיי; פון דער הויך קוקט ער אויף אַלץ און ערדרייכט עס, ווייל אַלץ וואָס עקזיסטירט איז געבאָרען געוואָרען דורך גליק אָדער אומגליק. ער פאַר־שטעהט גרויסע און קליינע הערצער, די וואָס פלאַמען און די

וואָס זיינען אָפּגעקיהלט; ער פאַרשטעהט דאָס געזאַנג פונ'ם פויגעל און דאָס ליעד פונ'ם דיכטער.

בלויז פרייד צושפּרייט ער אַרום זיך. פיעל אָרעמע באַ־געגענט מען אויפ'ן לעבענס־וועג און בלויז דאָס אויג פון דעם גליקליכען באַמערקט די מעהרסטע פון זיי. ער אַליין זוכט זיי. ער האָט אַ שונא, וואָס ער האָט פיינט פאַר לאַנגע יאָהרען, וואָס איז פאַררעטעריש באַגאַנגען זיך מיט איהם, אָבער ער איז גליק־ליך און ער שרייבט איהם. — לאָמיר ווערען שלום — שרייבט ער איהם — אַלץ איז פאַרגעסען געוואָרען, נייע טעג זיינען אָנגעקומען. — מיט טרערען אין די אויגען שרייבט ער איהם, זיין האַרץ איז איבערפילט. ער געהט צו דעם איינגעשפּאַרטען, קלאַפּט אין זיין טיר, קלאַפּט און קלאַפּט, ביז יענער עפענט.

— ענטשולדיג, ענטשולדיג, — זאָגט ער — געוויס, געוויס, איך בין שולדיג.

איך האָב אפילו געקענט אַזעלכען, וואָס האָט צוגעבען זיין געלד, זיין פאַרמעגען און אפילו געאָפּפערט מיט זיין עהרע, ווייל ער איז געווען גליקליך; ער האָט אפילו געאָפּפערט מיט זיין פּערזענליך גליק, ווייל ער איז געווען גליקליך און ווי אַן אָרעמאַן האָט ער נאָך דעם געטאַנצט אין איין העמדעל.

ווייס: מיט גליק קען מען ערקלעהרען דאָס, וואָס אַ מענש ווערט געקרייציגט און ער פלוכט ניט זיינע מערדער; יאָ, עס קען טרעפען, אַז ער זאָל אָנהויבען לייגען און אויסטראַכטען מעשיות וועגען הימלישען גליק, אַלץ ווייל ער איז גליקליך.

אָט וואָס עס איז אַזוינס גליק; הויבסטו וועגען דעם אָן צו רעדען, און דו וועסט רעדען טויזענדער און טויזענדער טעג און נעכט, וועסט דו אַלץ ניט ענדיגען; דיין גאַנץ לעבען וועסטו ־רעדען, דיין גאַנץ לעבען.

צוויי גליקליכע מענשען לעבען אויבען אין דער הויך.

איך זעה, אַ שוואַך פייערעל ברענט אין דעם פינסטערען צימער. אַ שוואַך פייערעל; איך זעה אַ שמייכעל, אַ פּנים, וואָס איז איינגעראַמט אין גאָלדענע האָר.

איך הער אַ מורמעל: — דיינע...

— איך בין דיינע, דיינע...

זומער נאַכט! דו — דונקעל־בלויער ערעל־שטיין.

זומער נאכט! דו — וואוילשמעקענדער ריח פון נאָט'ס מויל! זומער נאכט! דו — העלער, גוטער בליק פון אַ יונגער מוטער.

— דיינע, דיינע!

די וועלט שווייגט; ניט עס איז פינסטער, ניט עס איז ליכטיג; ניט עס איז רוישיג און ניט עס איז שטיל. איך הער אַ געפּליסטער.

— דו זעהסט מיינע אויגען?

— יאָ, איך זעה. זיי ברענען.

— דיינע אויגען זיינען אַ לויכטענדע נאכט. שטערען לויכטען אין זיי. — הערט זיך אַ געפּליסטער.

— די לבנה פאַלט אין וואַלד אריין, — זאָגט אינגעבאָרג.

— וואס זעהט זי זיך ניט אָן אין די נעכט? — ענט־פער איך.

אינגעבאָרג לאכט.

— מיר איז נאָר וואָס איינגעפאַלען אין זינען, אינגעבאָרג; געדענקסט, איינער האָט אויפגעשריבען „די פארגעניגענס פון לעבען".

— יאָ, אקסעל, דאָס איז געווען אַ אָרעמער, אומגליק־ליכער מענש...

— כאַ־כאַ־כאַ!

— זענען מיר ניט קינדער?

— יאָ, מיר איז אַזוי לייכט, אַזוי פרעהליך אויף דער נשמה. איך פליה. איך בין אין שטאַנד אָהן אויפהער צו פרעה־הען זיך, צו לאַכען.

אויף דער לאַנקע, פאר'ן שלאָס, איז געשטאַנען אַ קליינער, שלאַנקער בירקען־בוים. ער האָט געהאט זיידען־צאַרטע בלע־טער, וואָס האָבען צווישען זיך שטענדיג וועגען עפּעס גע'סוד'עט זיך; און ווייס און צאַרט איז געווען זיין קאָרע, ווי די פעל פון אַ קראָליק. אונטער דעם בוים האָבען מיר, איך און אינגעבאָרג, אוועקגעשטעלט אַ באַנק. גאַנצע טעג פלעגען מיר זיין דערמיט פארנומען. פיעל האָבען מיר געלאַכט ביי אַט דער ארבייט און אינגעבאָרג האָט אַזש געציטערט פאַר אייפער.

אָפט זיינען מיר אין די אָווענדען געזעסען אויף דער באַנק און געקוקט, ווי די זון פארגעהט.

אַמאָל, אין אַן אָווענד, זיצענדיג אויף דער באַנק אונטער דעם בירקען־בוים, האָב איך געזאָגט:

— אייך, געטער, ווילען מיר איצט שרייבען אַ בריעף! מיר — אינגעבאָרג און אַקסעל!

— הויב אָן, — האָט אונטערגעכאַפּט אינגעבאָרג.

און איך האָב אָנגעהויבען: — איהר, געטער! איהר, גוטע געטער! ביי אייך זיינען אויך דאָ גוטע און שלעכטע טעג, ווי ביי אונז, מענשען. אין אייערע שלעכטע טעג שאַפט איהר מענשען מיט געוועהנליכע פּנים'ער און נשמות.

אָבער אין אייערע גוטע טעג שאַפט איהר מענשען מיט פּנים'ער, וואָס מען קען קיינמאָל ניט פארגעסען און מיט פלאַ־מיגע טיעפע נשמות. אין דעם בעסטען טאָג אייערען האָט איהר באַשאַפען אינגעבאָרג.

— איהר, גוטע געטער, — איהר הערט געוויס אַלץ און איהר האָט געהערט אַלץ, וואָס אַקסעל האָט גערעדט, איהר האָט געהערט זיין צאַרטע שטימע. גיט אַ קוק אויף זיין פּנים און איהר וועט דערזעהן, ווי גוט ער איז.

— איהר, געטער, וואָס זייט איבער די וואָלקענס, געוויס קענט איהר אינגעבאָרג, טאָ פארשטעהט און זייט מוחל מיר, וואָס איך האָב ניט געוואָלט געהן מיט אייך איבער די וואָלקענס ניט קוקענדיג, וואָס איהר זייט געטער.

— דאָס וואָלט איך אויך ניט געוואָלט! — האָט אויס־געשריען אינגעבאָרג. — ניין, איהר אַלטע, גוטע געטער! נאָר איך בעט אייך: באַשטראָפט אונז ניט, וואָס מיר זיינען אַזוי לייכטזיניג.

ווידער אַן אַנדער מאָל זיינען מיר געזעסען אויף דער קליי־נער באַנק אונטער דעם קליינעם בירקען־בוים. אויף דער באַנק איז געווען פּלאַץ פאַר בלויז צוויי מענשען.

דאָס איז געווען אין דער שעה, ווען די שטערען האָבען נאָך ניט געהאַט אויפגעגאַנגען און דאָך האָט מען זיי שוין געקענט באַמערקען מיט די אויגען.

איך האָב געזאָגט: — אינגעבאָרג, דו ביזט מיין אוצר,

מיין הארץ איז געוואָרען אזוי רייך פון יענער צייט, וואָס איך האָב דיר אַ קוש געטאָן.

אינגעבאָרג האָט געענטפערט: — אָ, אקסעל, איך ציטער פאר מיין פרייד, ווען איך זעה דיין שאָטען אין ווינקעל. דאָס בלוט אנטלויפט פון מיינע באַקען, ווען איך דערהער דיין שטימע. איך קען ניט פארשטעהן, ווי קען איך איבערטראָגען דיינע קושען און ניט שטארבען פון זיי.

איך האָב פאָרטגעזעצט: — אָ, אינגעבאָרג, איך בין אַ בליהענדער גאָרטען. איך בליה, אינגעבאָרג!

אינגעבאָרג האָט געענטפערט: — אַלץ האָט זיך אין מיינע אויגען איבערגעביטען און איך האָב אַלץ ליעבער איצט, ווי פריהער. איך האָב אפילו ליעב די שטיינער, וואָס ליגען אין וועג. אין אַלעם זעה איך דיך. די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַר־וואַנדעלט אין אַ שפּיגעל, וואו איך זעה דיך. דיין שמייכעל זעה איך אין די בלעטער פון אייכען־בוים, דיין האַנד — אין גראָז, וואָס וויגט זיך אויף דער לאָנקע. אַך, ווי וואָלט איך וועלען, עס זאָל זיך מאכען אַ געלעגענהייט און איך זאָל קענען ארויסווייזען מיין ליעבע צו דיר! איך בין גרייט פאַר דיר וועּ־רען אַן אָרעמע בעטלערין און געהן איבער די הייזער...

איך האָב געזאָגט: — איך הער שוואַך, וואָס דו זאָגסט, איך הער בלויז דיין שטימע. איהר קלאַנג רופט מיך צום טויט. ווי הערליך איז דאָס! ווי גוט איז — פארמאַכען די אויגען און אין די געדאַנקען נאָכפאָלגען די ליניען פון דיין פּראָפיל; ווי גוט איז צו קוקען אויף דיינע האָר; איך געדענק יעדען גלאַנץ פון דיינע האָר.

אינגעבאָרג האָט געזאָגט: — אָ, מיין טייערער! וועסטו מיך שטענדיג אזוי ליעב האָבען?

איך האָב געענטפערט: — צו וואָס פרעגסטו עס, פרייד מיינע?

אינגעבאָרג האָט געזאָגט: — געוויס ווייס איך עס! און דאָך דארפסטו עס צו טויזענד מאָל אַלע טאָג ווידערהאָלען.

איך האָב גענומען אינגעבאָרג׳ס הענד און צוגעלעגט צו מיין ברוסט, איך האָב געעפענט מיין העמד און זיי האָבען זיך אָנגעריהרט אָן מיין נאַקעטער ברוסט.

און איך האָב געזאָגט: — איך וועל דיך ליעב האָבען אַ גאנצע אייביגקייט. איך האָב דיך ליעב, איך האָב דיך ליעב, איך האָב דיך ליעב.

אָט אזוי איז שוין דאָס גליק: הויבסטו אָן וועגען איהם אמאָל צו רעדען, וועסטו שוין וועגען איהם רעדען יעדען טאָג, יעדער נאַכט, וועסט קיינמאָל ניט קענען אויפהערען, — ניין, וועסט עס ניט קענען, — וועסט רעדען און רעדען, שרייען און מורמלען דיין גאנץ לעבען.

.17

א פינסטערער וואָלקען האָט זיך אָנגערוקט אויף אונזער הימעל. ער האָט מיך צוגעדריקט. איך האָב זיך געשלאָגען אין ברוסט, געפאַלען אויף די קניע און געבעטען צום גרויסען גייסט.

דער פינסטערער וואָלקען האָט זיך פאַרביי מיר געטראָגען און ניט דערשלאָגען מיך. שפּעטער האָט זיך דורכגעטראָגען אַ בליץ, דעמאָלט איז דער הימעל ווידער אמאָל העל און קלאָר געוואָרען.

אינגעבאָרג איז קראַנק געוואָרען.

אָט ווי עס האָט זיך אָנגעהויבען. מיר זיינען געזעסען אויף דער לאָנקע, נעבען דעם אָרט, וואו עס האָבען געוואַקסען פיעל געלע בלומען, פון וועלכע עס האָט געטריפט האָניג. שוין פון ווייטען האָט מען געקענט הערען דעם ריח פון האָניג און ביהנען האָבען שטענדיג געזשומט איבער דער לאָנקע. מיר זיינען געזעסען אויף דער זון, אָבער אינגעבאָרג האָט געפריהרט.

אהיים זיינען מיר געגאַנגען דורכ'ן פּאַרק. אינגעבאָרג האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר. פּלוצים האָט זי אויסגעשריען. אין פּאַרק איז געשטאַנען אַ סטאַטוע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דאָס שווייגען. זי איז געווען אין געשטאַלט פון אַ פרוי, מיט צוויי פינגער צוגעלעגט צום מויל. די ווייסקייט פון מאַרמאָר האָט דערשראָקען אינגעבאָרג. אין אָווענד האָט זי זיך געפיהלט בעסער. קאַרל האָט געגעסען צוזאַמען מיט אונז, מיר זיינען

געווען אין דער בעסטער שטימונג, מיר האָבען געפּלוידערט, געלאַכט.

אין דער פריה, אָבער, איז אינגעבאָרג קראַנק געוואָרען.

איך בין געלאָפען אין שטאָדט אריין, געבראַכט א דאָקטאָר. דער וועג איז געווען דורך א שווייגענדיגען זומערדיגען וואַלד; די פייגעל האָבען געזונגען. מיין הארץ איז געווען פול מיט שרעק און פון אונגעדולד האָב איך זיך שטארק געיאָגט. איך האָב זיך אזוי געיאָגט דורך דערפלעך און שטעדטלעך, אז מענשען האָבען מיך געדראָהט מיט די פויסטען. וואָס האָבען מיך געארט מענשען און זייערע דראָהונגען?

דער דאָקטאָר האָט גאָרנישט פארשטאַנען. קאַרל האָט אויך גאָר נישט ניט פארשטאַנען, אדער געמאכט זיך, אז ער פאר־שטעהט ניט.

אינגעבאָרג האָט געשמייכעלט.

אַלץ איז שוין פאָראיבער. היינט אָוענד וועט זי אויפ־שטעהן פון בעט.

קיינער, ווי עס זעהט אויס, האָט ניט באמערקט דעם מע־לאַנכאָלישען גלאַנץ פון איהרע אויגען.

קאַרל האָט אונז פאָרגעלעזען. איך האָב ניט געהערט, וואָס ער האָט געלעזען; צייטענווייז איז פאר מיר אויפגעשטאַנען א בילד אָהן פארבען און ליניען, ווי אן אפּגעוואשענע אקווארעל. אינגעבאָרג איז איינגעשלאָפען.

איך בין געזעסען אליין נעבען אינגעבאָרג אין דעם ווייסען צימער. א טרויער האָט געגעסען מיין הארץ. גאָלדענע דעמע־רונגען האָבען זיך אראפּגעלאָזען אין צימער אריין. איהר ברוסט האָט פּאַמעליך באוועגט זיך אַרויף און ארונטער, דאָס דאָזיגע גלייכמעסיגקייט האָט בארוהיגט מיין הארץ. ניט ווילענדיג האָב איך אויך אָנגעהויבען צו אָטעמען אזוי ריטמיש, אָבער ווידער האָט מיך באהערשט דער זעלבער געדאַנק, ווידער האָט דער טרויער געגומען פרעסען מיין הארץ. עס האָט געדונקעלט, אינגעבאָרג׳ס האָר האָבען געלויכטען, אַלץ געדיכטער האָבען די דעמערונגען זיך אויף זיי אַראָפּגעלאָזען; עס האָט זיך געדראַכט, אז זי געהט אַוועק פון מיר. איך האָב אָנגעצונדען א ליכט. אינגעבאָרג האָט זיך אויפגעכאַפּט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט ברייט צועפּענטע אויגען, און, ווי עס זעהט אויס, געקומען צו איהר באַוואוסטזיין.

— ווי שפּעט איז, אַקסעל?

— עס איז ערשט געוואָרען אָוונד.

— אויב אַזוי, דאַרף איך נאָך לאַנג שלאָפען — האָט געזאָגט אינגעבאָרג. אָבער זי איז ניט איינגעשלאָפען. עס איז געווען היים. איהרע באַקען האָבען געפלאַמט. איך האָב געעפענט דאָס פענסטער, אָבער איך האָב איהם געמוזט באַלד צוריק פארמאַכען, ווייל עס האָט אָנגעהויבען בלאָזען אַ קאַל־טער ווינד, ווי נאָך אַ שטורעם. אויפ'ן הימעל זיינען געקראָכען שווערע וואָלקען, וואָס האָבען אָנגעריהרט דעם וואַלד. עס האָט גערעגענט. איך האָב צוגעלעגט אַ קאַלטען קאָמפּרעס צו אינ־געבאָרג'ס קאָפּ, אָבער אין איין רגע איז דער קאָמפּרעס היים געוואָרען.

— איצט פיהל איך, אַז איך בין קראַנק, — האָט אַרויס־גערעדט אינגעבאָרג און מיד אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. זי האָט פארמאַכט די אויגען.

נאַכט. קאַרל האָט זיך אָנגעפרעגט צי ער קען ניט זיין מיט עפּעס ניצליך. — ניין, אַ דאַנק. — פּאַמעליך האָבען זיך געצויגען די מינוטען. דער ווינד איז געוואָרען שטאַרקער, גע־קלאַפּט אין די פענסטער, צייטענווייז האָט ער געברומט, ווי ער וואָלט געציטערט פאַר קעלט. עס האָט געדונערט.

געדאַנקען זיינען איינער נאָכ'ן צווייטען געפלויגען דורך מיין קאָפּ; עפּעס אַ שטימע האָט געמורמעלט אין מיר.

דאָס גרויסע געלע הויז מיט די אונצעהליגע פענסטער איז געווען אין גאַנצען שטום, פונקט ווי קיינער וואָלט אין איהם ניט געלעבט, אויסער די פאָרטרעטען אויף די ווענד און די עראינערונגען.

מען האָט ניט געהערט קיין קלאַפּען פון טירען, קיין טריט, און שטיל איז געווען אין הויף, ווי אין אַ זונטאַג, ווען אַלע פלעגען אַוועקגעהן אין דער קירכע. ניט קיין רויש, ניט קיין געשריי און ניט קיין קלאַפּ פון טריט. מען האָט געקענט הערען דאָס דאַזיגע שווייגען, און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עס פארגרעסערט זיך מיט יעדער רגע.

איך האָב צושטעלט אַ פּאָר זייגערס אין קאָרידאָר. אַלץ וואָס מען האָט געהערט זיינען עס געווען אָט די זייגערס. אָבער דאָס שווייגען איז אַלץ געוואַקסען, עס האָט זיך אַלץ מעהר פאַר־שפּרייט איבער'ן הויז. אַלץ, האָט זיך אויסגעדאַכט, האָט זיך גענומען איינהערען צו דעם קלאַנג פון ווייטע טריט; די טריט האָבען זיך דערנעהנטערט.

עפּעס אַ שטימע האָט געמורמעלט אין מיר. איך האָב מיר פאַרשטאָפּט די אויערען. איך האָב עס נישט געוואָלט הערען.

דער דאָקטאָר, וואָס איך האָב טעלעגראַפיש ארויסגערופען פון דער הויפּט־שטאָדט, איז אָנגעקומען. ער האָט געזאָגט, אַז אינגעבאָרג האָט אַן אויסערגעוועהנליכע שטאַרקע נאַטור.

מיטאַמאָל האָט די שטימע אין מיר אָנגעהויבען צו מורמ־לען העכער; צוויי שטימען האָבען איצט גערעדט אין מיר. איך האָב זיך איינגעהערט, אָבער איך האָב זיי ניט געגלויבט. איך בין ארומגעגאַנגען, מיהענדיג זיך צו האָבען אַ גלייכגילטיגען, נאָך מעהר, אַ זיכערען אויסזעהן.

אונערטרעגליך לאַנג האָט זיך די צייט געצויגען. ווי לאַנג האָט דאָס גענומען ביז די נאַכט איז אָנגעקומען, ביז די נאַכט איז פאַראיבער!.. עס זיינען אָנגעקומען קאַלטע, נאַסע טעג, די וואָלקענס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין די בערג און ניט געפונען קיין אויסוועג. זיי האָבען זיך גערעהט אין דעם זעל־בען קרייז און געברומט.

איך בין ניט געשלאָפען. איך האָב ניט געפיהלט קיין שום מידיגקייט; מיינע געפיהלען זיינען געוואָרען טעמפּ. איך האָב ניט ארונטערגענומען די אויגען פון אינגעבאָרג. אָט האָט מען געדאַרפט פאַרריכטען די קישענס, דערלאַנגען דעם אַלקאָהאָל, מאַכען אַ קאָמפּרעס. איך האָב קיינעם ניט אריינגעלאָזען אין צימער פון דער קראַנקער, אויסער דעם דאָקטאָר. ער איז גע־בליבען וואוינען אין שלאָס.

איך פלעג אוועקטראָגען אינגעבאָרג'ס הייסען, פיבערדיגען קערפּער אין דער וואַנע און צוריק אין בעט אריין. איך בין געווען זעהר שטאַרק, און אויסער דעם איז עס דאָך מיין אינגע־באָרג, און קיינער האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו באַדיענען זי, אויסער מיר.

איינמאָל ביינאַכט איז אינגעבאָרג אויפגעשפּרונגען פון גע־לעגער און מיט אַן אויסגעצויגען פּנים און גלאַנצענדיגע אויגען האָט זי אָנגעהויבען צו צעהלען עפּעס אויף די פינגער.

— זיבען צעטעלעך, זיבען, — האָט זי אויסגעשריען מיט אַ קול פון אַ דערשראָקען קינד.

איך בין בלייך געוואָרען.

אַ גאַנצע שעה האָט זי גערעדט פון היץ, ביז וואַנען זי איז אַ פּאַרמאַטערטע געפאַלען אויפ׳ן קישען.

אַ סך שטימען האָבען געשריען אין מיר. זיי האָבען אַזוי הויך געשריען, אַז איך האָב זיי געהערט. — זי איז פאַרלאָ־רען! — האָבען זיי געשריען. איין שטימע האָט אָהן אויפהער געשריען: אינגעבאָרג! אינגעבאָרג! — און די צווייטע האָט געבעטען, נישט אונטערגעבראָכענערהייט געבעטען, מיט שרעק־ליכע, אונמעכטיגע און נישט פאַרבונדענע צווישען זיך ווערטער.

טאָג און נאַכט האָבען די שטימען געשריען אין מיר.

פּאַצאַ האָט געוואָיעט אין הויף. ער האָט געפיהלט, אַז זיין באַלעבאָסטע איז אין געפאַהר.

ווי אַ שכור׳ער בין איך ארומגעגאַנגען אין מיין צימער ארויף און אראָפּ. איך האָב נישט געוויינט, נישט באַקלאָגט זיך און גיט געבעטען. די שטימען האָבען געשריען אין מיר, — איין שטימע איז געווען אין מיר, וואָס האָט אונאויפהערליך געיאָמערט. איך, אָבער, האָב ניט געוויינט. ווי אַ שכור׳ער בין איך ארומגעגאַנגען אין מיין צימער.

ניט וויסענדיג וואָס איך טו, האָב איך דאָס פעדער־מע־סערעל גענומען פון שרייב־טיש און אריינגעשטאָכען עס אין מיין האַנד. איך האָב גאָר נישט געפיהלט. עס האָט גערונען בלוט. איך האָב געזעהן בלוט. יאָ, איך האָב אריינגעשטאָכען דאָס פעדער־מעסערעל אין מיין האַנד אריין, — נאָר ווען און צו וואָס?

עס האָט זיך באַוויזען נאָך אַ שטימע אין מיר, וואָס האָט אונאויפהערליך גערופען: — העלפט! העלפט! זי האָט זיך געבראָכען די הענד, — די שטימע האָט זיך געבראָכען די הענד.

מיט דער גאַנצער קראַפט מיינער האָב איך געמוזט איינ־האַלטען אינגעבאָרג. זי איז געווען שטאַרקער פון אַ מאַן. איך

האָב זי געמוזט איינהאַלטען, איך האָב איהר אָפטמאָל פאַר־שאַפט ליידען. זי האָט געוויינט, געיאָמערט. איהר האָט זיך געוואָלט אַנטלויפען אין וואַלד אריין.

— האָט ניט פּאַסירט עפּעס אַ זעעלען־ערשיטערונג? — האָט געפרעגט דער דאָקטאָר.

— ליעבע, ליעבע, מיין טייערער!

עס קומט אַ טאָג און פאַרגעהט, עס קומט אַ נאַכט און פאַרגעהט.

איצט איז שוין אין הויז ניטאָ מעהר דאָס פריהערדיגע שווייגען. די שרעק וואוינט אין איהם. וואו זאָלסט ניט אַ קוק טאָן, זיצט ער אָן איינגעבויגענער, אויף אַלע פּנים'ער האָט ער זיך באַזעצט, וואו דיין אויער זאָל ניט דערגרייכען — או־מעטום הערסטו איהם. אינגעבאָרג'ס גוואַלדען און געשרייען וועלען שטענדיג פאַרבלייבען אין די זאַלען פון שלאָס.

דער דאָקטאָר נעהמט די טעמפּעראַטור, טאַפּט דעם פּולס און גיט אינסטרוקציאָנען. דער אויסדרוק פון זיין פּנים זאָגט גאָר נישט; ער ציהט מיט די פּלייצעס.

איך בין בלייך, צוטראָגען און פאַרשטעה ניט וואָס מען רעדט צו מיר. מיין קערפּער איז ווי פּאַראַליזירט, איך קען שוין ניט באַוועגען מיט קיין איינציגען מוסקול פון געזיכט, דאָך לעג איך זיך ניט שלאָפען.

אַמאָל אויף אַ פּאָר מינוטען דרימעל איך איין, — דאָס אַלץ. איך קוק אויף דעם גרויען וואַלד, אויף וועלכען עס העננ־גען בלייענע וואָלקענס, און אַ שרעק כאַפּט ארום מיין נשמה. איך קוק אויף אינגעבאָרג, וואָס ליעגט אָהן באַוואוסטזיין, און איך פיהל ווי עמיצענס האַנד דריקט צוזאַמען מיין האַרץ, פּונקט ווי אַן עפּעל.

ווי גוט איז קאַרל! ער שלאָפט ניט. ער זיצט נעבען מיר אין דעם ווייסען זאַל מיט אַ גרויסען אַטלאַס אויף די קני און שטודירט געאָגראַפיע. — גוט איז ווי אַ פויגעל דורכצו־פליהען איבער דער ערד, — זאָגט ער. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז די ערד אינטערעסירט איהם גאָרנישט און אַז ער ליידט, אָבער ער וויל ניט, אַז קיינער זאָל וויסען דערפון.

— נעהם זיך אין די הענד און לעג זיך שלאָפען, אַקסעל! דער אַלטער זאָגט, אַז אינגעבאָרג איז זעהר שטאַרק געבויט.

— גוט, איך דאַנק דיר, — ענטפער איך איהם און קעהר זיך ווידער אום צו אינגעבאָרג. מיר איז קאַלט, מיינע קליידער זיינען דורכגענעצט, נאָר איך האָב קיין צייט ניט זיי איבערצו־בייטען. און אין אמת'ען איז מיר גאַנץ עגאַל צו מיינע קליידער זיינען דורכגענעצט צו ניט. מיינע פיס האָבען זיך מיר אָפּגע־נומען, איך פיהל שוין ניט די ערד אונטער זיי. ווען איך געה, דאכט זיך מיר אויס, ווי איך וואָלט זיך אויפגעהויבען און ארונטערגעלאָזען אויף א בארג; אָפּטמאָל דאכט זיך מיר, אַז איך געה אויף די קני.

איך ווייס ניט, ווי לאַנג מיין האנד איז. איך ציה אויס מיין האנד און מיר דאכט זיך, אַז מיין האנד איז אַזוי לאַנג, אַז איך קען עפענען די טיר פון צימער ניט אויפהויבענדיג זיך פון שטול. אָפּטמאָל דאכט זיך מיר, אַז איך בין געפאַלען און ליג אויפ'ן דיל, כאָטש איך זעה גוט, אַז איך שטעה גלייך. דאָס צימער וויעגט זיך, ווי א שיף.

אָבער אַזוי שנעל ווי איך געה צו צו אינגעבאָרג קומען מיינע קרעפטען צוריק און איך פיהל ניט מעהר קיין מידינקייט און קיין פארלאַנג צו שלאָפען.

צייטענווייז האָט זיך אינגעבאָרג אויפגעכאַפּט, דערקענט מיך און ארויסגערעדט א פּאָר ווערטער.

די שטימען אין מיר האָבען געיובעלט. די אַלע שטימען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איינער און די איינע האָט גע־יובעלט, געיובעלט.

אנדערש האָט געקלונגען איהר שטימע, קינדיש און א ביסעל הייזעריג. אָפּטמאָל האָט זי ניט געקענט צוזאַמענגעהמען איהרע געדאַנקען. אין אַזא פאַל האָט זי גערעדט מיט די אויגען, מיט די באַוועגונגען פון די הענד. איך האָב גלייך דער־קענט, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגען. זי איז בלייך געוואָרען, מאָגען געוואָרען און די האָר אין די דיקע לאָקען זיינען געפאַלען אויף איהר פנים, אויף איהרע פּלייצעס.

— איך, ווי עס זעהט אויס, בין זעהר קראַנק? — האָט זי געפרעגט.

איך האָב אַ שמייכעל געטאָן און געענטפערט, אַז איצט איז איהר שוין בעסער.

— אַקסעל, מיר וואָלט זיך געוואָלט אַ קוק טאָן אויפ׳ן הימעל.

איך האָב פאַנאַנדערגענומען די גאַרדינען. עס האָט גע־רעגענט. די וועלדער זיינען געווען פאַרדעקט מיט אַ גרויען נעבעל. אַ גרויסע פינסטערע כמאַרע איז געשטאַנען אין הימעל און די איבערגעשראָקענע פייגעל זיינען, פון שרעק פאַר דער שוואַרצער כמאַרע, צולאָפען אין אַלע זייטען.

— וואָס מאַכט אונזער קליינער בירקען־בוים, אַקסעל?

— ער איז טרויעריג וואָס ער קען דיך ניט זעהן, אינ־געבאָרג.

— וואָס מאַכט ער?

— שטעהט אונטער׳ן רעגען, ווי אַ קינד, וואָס וואַגט ניט אַריינצוגעהן אין הויז אַריין און וואַרט. זיין שטאַם איז ווייס ווי שנעע, די נאַסע בלעטער האָבען זיך אַרונטערגעלאָזען און באַוועגען זיך ניט.

— און אונזער קליינע באַנק איז נאָך גאַנץ?

— געוויס, אינגעבאָרג.

— ווי זעהט זי אויס?

— ווי אַ געלער הונד, וואָס איז צוגעבונדען צו אַ בוים און פאַרגעסען פון זיין באַלעבאָס.

אינגעבאָרג בויגט אָן דעם קאָפּ אָן אַ זייט און שמייכעלט מיעד.

— און וואָס זעהט מען אויפ׳ן וועג?

— מען זעהט ניט קיין מענש אַרום אונז. עס איז אַזוי פּוסט, אַז מען קען מיינען, אַז מיר לעבען אין אַ מדבר.

— קיין איין איינציג פייגעלע זעהט מען ניט, אַקסעל?

— ניין, ס׳איז דאָ, אינגעבאָרג. איינס, אַ קליינטשיקס, זיצט דאָרט אויפ׳ן עפּעלבוים.

— וואָס טוט עס?

— זיצט אונטער אַ קליינעם צודעק פון בלעטער און טייל־מאָל קוקט עס אַרויס: הערט נאָך אַלץ ניט אויף דער רעגען?

אונבאשטימט קוקט זיך אינגעבאָרג אַרום זיך. טרעהרען באַווייזען זיך אין איהרע אויגען.

— ניין, — רעדט זי מיט אַמאָל אַרויס. — דאָס איז אונ־מעגליך! — פּאַמעליך נעהמט זי וויעגען איהר קאָפּ אַהין און צוריק, אַז עס דאַכט זיך ווי זי וואָלט איהם וועלען פאַרוויעגען.

— וועגען וואָס טראַכסטו?

— איך וויל ניט שטאַרבען. דאָס איז אונמעגליך. — איך צווינג זיך צו שמייכלען. דו מיין קראַנק, אָרעם קינד! איך נעהם איהר האַנד. אין גאַנצען אונמעכטיג זיינען איהרע לאַנגע אויסגעמאָגערטע פינגער.

— אינגעבאָרג, איך האָב דיך ליעב.

מיעד וויעגט אינגעבאָרג דעם קאָפּ און שמייכעלט.

— יאָ, — זאָגט זי — יאָ — און קוקט אַרום זיך.

איך רוף קאַרל'ען. קאַרל קומט אַריין.

— האַלאָ! — זאָגט ער הויך — נו, איצט וועט שוין אַלץ זיין גוט, פרוי אינגעבאָרג?

מיעד וויעגט אינגעבאָרג דעם קאָפּ און שמייכעלט.

— יאָ, — זאָגט זי, און קוקט אַרום זיך.

18.

דאָס האָט פּאַסירט אין איינעם פון יענע טעג, ווען אינגע־באָרג האָט נאָך ניט געהאַט געעפענט די אויגען.

אַ גאַנצע נאַכט איז זי געלעגען אין היץ, גערעדט און פאַנ־טאַזירט. איצט איז זי געלעגען אין גאַנצען אויסגעמאַטערט און זי האָט ניט געקענט אַרויסריידען קיין איינציג וואָרט.

איך בין געזעסען נעבען בעט און געקוקט אויף איהר. זי איז געווען דורכזיכטיג בלאַס מיט בלויע רייפען אונטער די אויגען. די ווייסע צייהן זיינען געווען האַלב אָפען און די לאַנגע וויהעס האָבען אַראָפּגעהאַנגען אויף די אויגען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי שמאָלע שפּאַלטען. איהר פּולס האָט אַ ציטער געטאָן.

מיט די פאַרהאַנגען האָט זיך געשפּיעלט די בלייכע זון,

עס נעהמט דעמערען און ווידער נעהמט זיך מיט די גארדינען שפּיעלען די בלייכע זון. דער זייגער געהט. טיק־טאַק, טיק־טאַק. טיילמאָל האָט זיך מיר געדאכט, אז איך טראָג זיך ער־געץ ווייט אַוועק, אז איך זיץ אין אַ שנעל־צוג. ווי נאָר עס האָט זיך באוויזען די זון איז איבער די גארדינען דורכגעלאָפען אַ שאָטען פון די בלעטער, און טיילמאָל האָבען זיי זיך צוגע־בויגען אזוי נאָהענט, אז מען האָט קלאָר געקענט זעהן זייערע פאָרמען. דאָס זיינען געווען בלעטער פון אַ לינדען־בוים. די דאָזיגע בלעטער האָבען געהאט לאַנגע ציינדלעך ביי די זייטען.

איך האָב געקוקט אויפ׳ן ציפערבלאַט און באמערקט, אז דער ווייזער ציטערט אויף, ווי אַ שוואַכער פּולס. אַלץ אין צימער האָט גענומען אויפציטערען, ווי אינגעבאָרג׳ס פּולס. מיט אַמאָל האָט דער זייגער זיך אָפּגעשטעלט און אַ שרעק האָט מיך ארומגענומען. אַ שטילקייט האָט באהערשט דאָס צימער און דער שאָטען אויף די גארדינען האָט זיך שוין מעהר ניט בא־וועגט.

אַ לאַנגע צייט איז פאָראיבער. אין אָט דער צייט זיינען פיעל זאַכען געשעהן, אַנדערבארע געשעהענישען פאָרגעקומען. דער קליינער דונקעלער שפּאַלט צווישען אינגעבאָרג׳ס וויהעס האָט זיך ניט פארענדערט, איהרע צייהן זיינען אזוי ווי פארשטיינערט גע־וואָרען.

אינגעבאָרג האָט זיך שוין מעהר ניט באוועגט. זי איז געלעגען רוהיג און עס האָט זיך אויסגעדאכט, אז זי איז לענגער געוואָרען. איך האָב אַלץ געקוקט אויף דעם קליינעם שפּאַלט צווישען אינגעבאָרג׳ס וויהעס; ער איז געווען האַלב־פארמאַכט און אונבאוועגליך. וואָס זאָל דאָס באדייטען? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

איך האָב זיך ניט געקענט אויפהויבען, פּונקט ווי איך וואָלט פּאַראַליזירט געוואָרען; איך האָב געוואָלט אַ געשריי טאָן, אָבער אַלץ, וואָס איך האָב געקענט טאָן, איז געווען צולעגען דעם צונג צו די צייהן און אין קיין פאַל האָב איך ניט געקענט פאנאַנדערענהמען די צייהן. אויסגעצויגען איז אינגעבאָרג גע־לעגען, גלייך און רוהיג.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ סקריפּ פון דער טיר;

שטיל איז אריין דער דאָקטאָר. קאַרל איז געשטאַנען אין דער טיר; איך האָב געזעהן, אַז ער שטעהט, כאָטש איך האָב ניט געקוקט אויף איהם. דער דאָקטאָר איז צוגעגאַנגען צום בעט און אויפגעהויבען אינגעבאָרג׳ס האַנד, לעבענסלאָז איז די האַנד צוריקגעפאַלען. דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר; איך האָב אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ. עס איז צוגעגאַנגען קאַרל און אַ גלעט געטאָן מיינע האָר און איך האָב ווידער אַ מאָל אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ. דער דאָקטאָר איז אַוועק, קאַרל איז אויך אַוועק.

איך האָב גאָרנישט פארשטאַנען. אינגעבאָרג געשטאָר־בען? ניין! דאָס איז אונמעגליך.

עס האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון צווייטען צימער; האַלב האָט מען געעפענט די טיר און עס האָבען זיך באַוויזען פיעל פּנים׳ער — דאָס זיינען געווען די דיענסטען. עמיץ האָט גענומען יאָמערען און עמיץ האָט קוים הערבאַר אַ זאָג גע־טאָן: ש־ש־ש...

— וויינט ניט, — האָב איך אַרויסגערעדט און אויפגע־הויבען זיך. — מען דאַרף ניט וויינען, איהר דאַרפט מיט ווירדע איבערטראָגען אייער אומגליק, פריינד מיינע.

אינגעבאָרג איז געשטאָרבען, אָבער איך האָב ניט געפיהלט קיין שום טרויער. עס האָט אויסגעזעהן, ווי מיין האַרץ וואָלט געשטאָרבען צוזאַמען מיט איהר. שטראָמען ליכט האָט די זון געגאָסען אויף די גאַרדינען און רוהיג האָט אינגעבאָרג געשמיי־כעלט, ווי אַ קינד, וואָס חלום׳ט פון גן־עדן.

אינגעבאָרג איז געשטאָרבען. אַ מאַן דאַרף מיט ווירדע איבערטראָגען זיין אומגליק.

— וויינט ניט, איהר דיענסטען און דיענער! איהר דאַרפט מיט ווירדע טראָגען אייער טרויער.

זאָל מען אינגעבאָרג׳ן באַגראָבען אין דער ערד, אָדער איהר קערפּער פאַרבאַלזאַמירען און איהם פאַרהיטען פון פוי־לען? אין דעם אונטערערדישען געוועלב פון די אור־עלטערען, דאָרט אונטער דער קירכע, זיינען געשלאָפען אין אייביגען שלאָף פיעלע פרויען.

— ניט וויינט, איהר דיענסטען און דיענער!

אַלטע דיענער זיינען געקומען אין יום־טוב'דיגע קליידער און געפרעגט, צי זיי קענען ניט מיט עפּעס באַהילפיג זיין דעם האַר.

— בלומען, בלומען!

— מען זעהט שוין מעהר ניט קיין שטולען, קיין ווענד און קיין טעפּיכער אין איננגעבאַרג'ס צימער.

— בלומען, בלומען!

איך האָב געטראַכט: „ניין, איך קען ניט דערלאָזען, אַז איננגעבאַרג זאָל שלאָפען איהר אייביגען שלאָף אין דער ערד. איך קען ניט דערלאָזען, אַז איהר קערפּער זאָל פאַרפוילט ווערען, ניין, ניין! הייסט עס, אַז מען דאַרף זי פאַרבאַלזאַמירען. אָבער דאָס טויג אויך ניט. איך האָב געזעהן אַ מומיע, וואָס האָט אויפגעוועקט אין מיר שרעק און פאַראַכטונג. ניין, ניין! דאָס טויג אויך ניט.

„דער ים? אַ טיעפער, גרינער, ווינענדיגער קבר, אַ טיע־פער, אייביג גרינער וואַלד מיט ליכטיגע פיש, אַרומגעצאַמט פון קאָראַלען. אָבער דאָ קענען זיך פאַרקלייבען פיש. איך האָב געזעהן ווי זיי דרעהען זיך אַרום איננגעבאַרג'ס קערפּער אַלץ נעהנטער און נעהנטער.

„ניין, ניין, דאָס טויג אויך ניט.

„בלייבט בלויז דאָס פייער. אַ קבר אין פלאַקער פון פייער, אין די יובלענדיגע פייערדיגע צונגען."

איך האָב באַפוילען אָנלעגען האָלץ אויף דער לאָנקע פאַר'ן הויז פאַר אַ גרויסען שייטער־הויפען, וואָס האָט געדאַרפט פלאַ־קערען העכער פון די בערג, אַז אַלע זאָלען עס זעהן.

מיט אויל און מיט בשמים האָב איך געהייסען באַגיסען דאָס האָלץ. אַ טעפּיך פון ווייסע רויזען האָט באַדעקט דעם וועג, אַזוי ווי אַ מילך־קוואַל איז ער געפלאָסען פון איננגעבאַרג'ס צימערען איבער די טרעפּען, איבער דער לאָנקע.

עס איז געקומען די שעה, ווען זיי האָבען אַרויסגעטראָגען איננגעבאַרג אויף דער לאָנקע צו דעם מיט בלומען אויסגעבעטען שייטער־הויפען. הארט ביים שייטער־הויפען האָב איך זיך גע־שטעלט און אַרום האָבען זיך אויסגעשטעלט די דיענער און די

דיענסטען; אין א זייט איז געשטאַנען קאַרל, זיינע אויגען זיינען געווען גרויס און גלאַנצענדיג.

דער הימעל האָט געהאַט א גרינליך־בלויען קאָליר, ווי זו־מער־צייט. א פרישער ווינטעל האָט געבלאָזען, די פייגעל האָבען געזונגען אינ׳ם וואַלד און אין די בוימער פאַר׳ן שלאָס.

איך האָב געקוקט אויף איינגעבאָרג; א דינע, א שלאַנקע איז זי געלעגען אויפ׳ן בלומען־בעט.

עס האָבען זיך באַוויזען די פייערדיגע צונגען. איך האָב שוין מעהר גאָרנישט געזעהן. פייער! פייער!

א שוואַרצער פלאַמיגער זייל האָט זיך אויפגעהויבען איי־בער׳ן שייטער־הויפען און צולאָזען זיך אין א דינעם רויך, וואָס איז ווי א שלייער געבליבען הענגען אין דער בלויקייט פון דעם פריהלינג־הימעל. דער שלייער האָט זיך צוריסען און זיינע שטיקלעך האָבען זיך איינס נאָך דאָס צווייטע אוועקגעלאָזען איבער׳ן טאָל און ווי א מחנה פליהענדע פויגעל זיך געטראַגען אין דער הויך.

די דינער און די דינסטען האָבען נאָכגעקוקט דעם רויך און שטיל געוויינט: ווייט האָט זיך פון זיי זייער הארין אוועקגעטראָגען און קיינמאָל וועלען זיי שוין איהר מעהר ניט זעהן.

זיי זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דעם זעלבען אָרט, ווי אין דער פריה, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען. פיעל האָ־בען געוויינט, אָבער איינער צווישען זיי איז געשטאַנען און געשמייכעלט: ער האָט געטראַכט וועגען איינגעבאָרג.

קאַרל איז געשטאַנען און אָנגעשטרענגט געקוקט אויף זיין האַריץ. א גאָלדען האָר האָט דער ווינד אַרויפגעבלאָזען אויף זיין האַריץ. ער האָט מורא געהאַט זיך א ריהר צו טאָן און אַלץ געקוקט אויף דעם גאָלדענעם האָר.

פאַר א הויפען אַש איז געלעגען פּאַצאַ און בעלעקט זיינע צוגעברענטע לאַפּעס. שטיל האָט ער געוואָיעט און אויפהויבענדיג דערביי זיין שאַרפע מאָרדע, האָט ער געקוקט אין הימעל אריין. ער האָט געמאַכט א פאַרזוך אריינצושפּרינגען אין פייער אריין.

דער רויך איז געוואָרען אַלץ דינער און אָנגעהויבען צו פאַרשווינדען.

— קלייבט צוזאַמען דאָס אַש אין זילבערנע שאָלען ! —
האָב איך געזאָגט און אויסגעשטרעקט די האַנד. עס איז גע־וועזן אַ האַנד פון אַ זקן, אַ פאַרדאַרטע הויט, פאַרעלטערטע אָדערן.

אויפ׳ן ווינד האָב איך צושאָטען דאָס אַש און דער ווינד האָט עס צוואָוועהט. אויף אַזאַ אַרט האָט אינגעבאָרג גע־דאַרפט אָפּגעגעבען ווערען דער וועלט.

זאָל דער ווינד צוטראָגען דעם אַש אין די בליהענדע בלומען־קעלכען, אויף רויטע ליפּען פון אַ מיידעל, אין כוס פון שכור און אין דעם אָפּענעם מיילכעל פון אַ שלאָפענדיג קינד. און ווי נאָר עס וועט אָנקומען די נאַכט זאָל ער אויפלויכטען, ווי ליכט אין אַ קירכע, אין וועלדער, אויף פעלדער, אין איינזאַמע צימערן, אין די פינסטערע הויכע וואָלקענס און אין די שוואַרצע תהום׳ען פון ים. אין אַלץ זאָל ער לויכטען ! יאַ ! דאָס איז געוועזען אינגעבאָרג.

איך האָב געוואַשען מיינע הענד און געפאַלען אויף די קני. איך האָב פאַרדעקט מיט פייכטע הענד דאָס פנים און זיך צויאָמערט.

נישט פאַר וועהטאָג האָב איך געוויינט, איך האָב געיאָמערט דערפאַר, וואָס איך האָב צושאָנקען אינגעבאָרג. איך האָב זי געקאָנט איינהיטען ; אָט אין דעם אונטערערדישען געוועלב פון דער קירכע שלאָפען אין זייער אייביגען שלאָף פיעל פרויען און איך האָב זי צושאָנקען.

אָט פאַר וואָס איך האָב געיאָמערט און געיאָמערט האָב איך אַזוי הויך, אַז טרערען האָבען זיך געגאָסען איבער מיינע באַקען.

אין דער צייט, וואָס איך האָב געוויינט, האָט זיך פּלוצים דערהערט אינגעבאָרג׳ס שטימע, וואָס האָט מיך געטרייסט. איהר שטימע האָט גערופען, — אַקסעל, אַקסעל !

איך האָב זיך צושמייכעלט, אַוועקגענומען די הענד פון פנים און געגומען זיך איינהערען אין אינגעבאָרג׳ס שטימע.

עפּעס האָט אָנגעריהרט מיין האַנד ; איך האָב זיך אויפגעהויבען און אומגעדרעהט מיין קאָפּ.

אינגעבאָרג איז געזעסען אויפ׳ן בעט און געקוקט אויף מיר. די האָר זיינען אַראָפּגעהאַנגען איבער די איינגעפאַלענע

באקען; איהרע אויגען זיינען געווען ברייט צעעפענט און ער־שטוינטע געקוקט אויף מיר. זי האָט אויסגעזעהן ווי א שלאַנק, פופצעהן יעהריג מיידעל.

— אַקסעל, — האָט זי אַרויסגערעדט, — פאַר וואָס האָסטו געוויינט? — זי האָט גערעדט מיט אַ קינדיש הויכער שטימע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אז דאָס איז געווען ניט מעהר ווי אַ חלום און דער דאָזיגער שרעקליכער חלום איז ווידער אויפגעשטאַנען פאַר מיר. איך בין געפאַלען אויף די קני און באַהאַלטען דאָס פנים אין אינגעבאָרג׳ס קני און צעוויינט זיך פאַר גליק.

— אינגעבאָרג, אינגעבאָרג!

— אינגעבאָרג האָט אַ קוש געטאָן מיינע האָר. זי האָט טיף געאָטעמט.

— ווי איך בין דאָס פאַרפראָרען געוואָרען — האָט זי געזאָגט.

— זאָג מיר, אַקסעל, פאַר וואָס האָסטו געוויינט? איך האָב געהערט, אז דו וויינסט, איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן, אַז דו זיצסט. דו ביזט געשלאָפען, אָבער טרערען זיינען געפלאָסען איבער דיינע באַקען. זאָג, פאַר וואָס האָסטו געוויינט?

— איצט ווייס איך דערפאַר, וואָס דו פּיהלסט זיך בעסער, אינגעבאָרג. ווי הערליך איז דאָס! — איך האָב געוויינט ווייל איך האָב געזעהן אַ חלום. אַ, דאָס איז געווען אַ וואונ־דערבאַרער חלום! — איך האָב געוואָלט אויסטראַכטען, אָבער ס׳איז מיר גאָרנישט געקומען אין זינען אַריין. דאָס בלוט האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין. — מיר האָט זיך עפּעס גע׳חלום׳ט פון מיין קינדהייט, — איך האָב עפּעס צובראָכען, דאַכט זיך, אַ וואַזע; וואַרט צו, וואָס איז דאָס געווען?

ווי פריהער האָבען זיך נאָך אַלץ געוויגט אויף די גאַרדינען אהין און צוריק די שאָטענס פון די בלעטער; מיין שלאָף, ווי ס׳זעהט אויס, איז געווען אַ קורצער.

— מיר וואָלט זיך געוואָלט זעהן פּאַצאַ׳ן — האָט געזאָגט אינגעבאָרג, — אַ, ווי ער וועט זיך דערפרעהען.

וואָלט ניט געווען גלייכער, אַז זי זאָל אַביסעל צואוואר־טען? — פאצא פיהלט זיך זעהר גוט.

אינגעבאָרג האָט איינגעוויליגט.

עס האָט נאָך אַלץ געדונערט.

וואָלקענס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין די בערג.

— ס'אַרא שאָד. — זי האָט אַזוי ליעב אַ שטורעם.

אינגעבאָרג האָט זיך צולאַכט. היסטעריש האָט געקלונ־גען איהר געלעכטער און דאָס האָט מיך געשראָקען. אַ גלאַנץ, ווי פון שטאָל האָט אַ לייכט געטאָן אין אינגעבאָרג'ס אויגען. אָבער בלויז אַ גאָר האָט געקאָנט האָפען, אַז זי זאָל געזונט ווערען אין איין שעה.

— לאָמיר האָפען, אַז עס וועלען נאָך זיין אַמאָל שטורעמס.

— יא, געוויס. כאַ, כאַ, כאַ!

איך האָב איהר געגעבען עפּעס אין מויל אריין, אַביסעל וויין, אַ האַלב איי און די אַנדערע העלפט האָב איך פאַר איהר אין די אויגען אַליין איינגעשלונגען, צו ווייזען איהר, ווי גיך עס קען פארשווינדען אין מויל אַ האַלב איי.

זי האָט זיך דערפון ניט געקענט גענוג אָנלאַכען.

דערנאָך האָט זי געפרעגט, צי קאַרל איז ניט אוועקגע־פאָהרען.

— ניין, פארשטעהט זיך, אַז ניט. ער איז נאָך דאָ.

בין איך ניט בייז אויף איהר, וואָס זי רופט בליטהאופּטען בלויז אויפ'ן ערשטען נאָמען?

— וואָס דיר קען איינפאַלען ,אינגעבאָרג!

זי וואָלט געווען צופרידען צו זעהן איצט קאַרל'ן ,כאַ־כאַ!

איך בין אַרויסגעגאַנגען פון צימער. אַרויסגעגאַנגען מיט אַ לייכט האַרץ, ווי מען וואָלט אַ שווערע משא אַראָפּגענומען פון מיינע פּלייצעס. אין מיר האָט אַלץ געזונגען פאַר פרייד.

— אַלץ געהט בעסער ווי געוואונשען, — האָב איך געזאָגט דעם דאָקטאָר און פייערליך צושמייכעלט זיך.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעשטרענגט אַ קוק געטאָן אויף מיר. דאָס איז געווען עפּעס אַ באַזונדערער קוק, וועלכער איז דורכגעדרונגען דורך אַלע מיינע גלידער.

איך האָב פאַרלאָזען דאָס צימער. דעם דאָקטאָר'ס בליק האָט ווידער אויפגעוועקט אין מיר די אַלטע שטימען — אַלע, אַלע . . .

19.

— דער פּולס קלאַפּט צו שנעל.

— זייט גרייט אויף דאָס ערגסטע.

איך בין אַנטלאָפען אין פּאַרק אַריין; איך האָב געמוזט אַנטלויפען אין פּאַרק אַריין כאָטש אויף אַן איינציגער רגע.

נאַכט איז אין פּאַרק, דער ווינד באַוועגט פון איין זייט אויף דער צווייטער די שפּיצען פון די ביימער. שטימען האָבען זיך געטראָגען אין דער לופט — אַלע יענע שטימען, וואָס וואָרענדיג און פּראָוואָצירענדיג אומגליק האָבען פון לאַנג שוין אָנגעפילט מיין ברוסט, זיי האָבען זיך געטראָגען אין דער לופט, געהערט זיך אין'ם רויש פון די ביימער, אין דעם פאַלען פון רעגען. פּלוצים, אונערוואַרטעטערהייט, האָט זיך אין דער פינסטערניש באַוויזען אינגעבאָרג. זי האָט געשמייכעלט, געפּאַקט מיט'ן קראַנץ און אונטערגעזונגען איהר טראַ־טאַ־טאַ־טאַ.

— זייט גרייט אויף דאָס ערגסטע! — איך בין זעהר דאַנקבאַר דעם דאָקטאָר.

קאַרל קוקט אויף מיר. איך שמייכעל. זעהט איהר דען ניט, אַז איך שמייכעל און איך פיהל גאָרנישט, גאָרנישט ניט? קאַרל פיהרט מיך אָפּ אין אַ זייט, דריקט מיך צו צו זיין האַרץ און קוקט אויף מיר. — פאַרליר ניט דעם מוט, אַקסעל! דו האָסט אַ ווירקונג אויף אינגעבאָרג! פאַרליר ניט די האָפנונג!
— אַזוי ווי עס וואָלט געווען עפּעס אַ קראַפט, וואָס איז שטאַרקער פון דער וויסענשאַפט און פון דער מעדיצין! ווערטער, ווערטער!

איך שמייכעל, איך דאַנק קאַרל'ן, דריק זיין האַנד. דער זייגער הויבט אָן צו רעדען, די ליכט וואַקסען אויס אין גרויסע פייערדיגע זיילען; אויף יעדער זאַך גלאַנצען אינגעבאָרג'ס אויגען, די קלענסטע זאַך איז פול מיט וואונדער.

איך בין געלאָפן הין און צוריק אין פּאַרק.

ווער וואָלט דערמיט געקענט שלום מאַכן ?

אינגעבאָרג מוז שטאַרבען ; ליעבע, הערליכע אינגעבאָרג!

אינגעבאָרג, וואָס האָט אַזוי ליעב געהאַט די זון און וואָס האָט הויפן־ווייז צוזאַמענגעקליבען איהרע שטראַלען ; אינגע־באָרג, וואָס פלעגט קושען די ביימער און רעדען מיט זיי ; וואָס האָט געקענט בעטען און דאַנקען מיט אַזוינע בליקען, פּונקט ווי זי וואָלט נאָכגעפאָלגט די פליהענדיגע שמעטערלינגען.

אינגעבאָרג, וואָס האָט אַריינגעטראָגען וואַרעמקייט און ליעבע אין איטליך האַרץ — די גוטע, צאַרטע אינגעבאָרג ! און זי — זי מוז שטאַרבען !

ווער וואָלט געקענט דערמיט שלום מאַכען ?

מיט אַמאָל וועט איהר אויסקומען צו ליגען אַזוי, אַז זי זאָל זיך ניט קענען באַוועגען ; מען וועט זי לייגען אין דער ערד, און זי וועט ניט קענען רעדען, זי וועט ליגען אין דער פינסטער און קיינער וועט זי ניט זעהן מעהר ! איז דאָס מעג־ליך, אַז אינגעבאָרגס גלאַנצענדיגע אויגען זאָלען פאַרלאָשען ווערען ?

ניין, ניין !

קיינער וואָלט דערמיט ניט געקענט שלום מאַכען.

שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און טאַפּענדיג מיט די הענד בין איך אַלץ ווייטער פאַרגאַנגען אין דער פינסטערניש. דער פּאַרק האָט געררוישט. פון ווייטען האָט געבולען א הונד, אויסגעהונ־גערט. עס האָט זיך געפיהלט, אַז ער וועט ניט אויפ־הערען בילען ביז ער וועט ניט איינשטילען דעם הונגער. איך בין צוגעגאַנגען צום קוואַל און דער קוואַל האָט מיך באַשפּריצט מיט וואַסער. דאָס איז געוועזן אינגעבאָרגס קוואַל דאָ פלעגט זי זיצען.

נעמען זיך אין די הענד, נעמען זיך אין די הענד ! א מאַנספּערשוין, יאַ, א מאַנספּערשוין האָט זיך גענומען אין די הענד — א מאַנספּערשוין !

דאָס אומגליק האָט מיך מיט אַמאָל א כאַפּ געטאָן פאַר די פּלייצעס און א וואָרף געטאָן אויף דער ערד. איך האָב זיך איינגעגעסען מיט די ציין אין זאַמד און צוואַמערט זיך.

— אינגעבאָרג, אינגעבאָרג!

איך האָב זיך געשטעלט אויף די קני און געיאָמערט צו־דריקענדיג די האַנד־פלאַך צו די אויגען.

— אינגעבאָרג ,אינגעבאָרג! — האָב איך געשריען, — אינגעבאָרג מוז שטאַרבען, הערט איהר עס? איהר אַלע בוימער און אַלע מענשען פון דער וועלט! אינגעבאָרג מוז שטאַרבען!

די שפּיצען פון די בוימער האָבען געראַוישט, די שטאַמען — געקרעכצט, אַ גוס־רעגען איז געפאַלען אויפ'ן פּארק. איך האָב געריסען פון זיך די האָר, געוואָרפען זיך אויף דער ערד, גע־שלאָגען זיך מיט די הענד און מיט די פיס. איך האָב ביטער געוויינט, — גאָט, גאָט, וואָס האָסטו צו מיר?

איך בין אביסעל געקומען צו זיך, רוהיג און שטיל איז מיט אמאָל געוואָרען מיין נשמה און איך האָב זיך צושמייכעלט.

— יא, זיכער, איך וועל דאָס ניט איבערלעבען. איך וועל גלייך נאָכפאָלגען אינגעבאָרג.

איך האָב זיך אויפגעהויבען. — איך וועל עס ניט איבער־לעבען, — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין.

דאָס איז געווען אַ טרייסט! אינגעבאָרג און איך — זיינען מיר דען ניט איינס?

זי האָט ניט געקענט אוועקגעהן פון מיר ניט מיטנעמענדיג מיך; ניין, דאָס איז געווען אונמעגליך.

רוהיג און פרעהליך איז געוואָרען מיין נשמה.

פּאַמעלעך האָב איך זיך אומגעקערט מיט דער אַלעע. איז דען דאָס געווען מעגליך? איך האָב ליעב דאָס לעבען, וואָס אינגעבאָרג האָט מיר געשאָנקען, עס קען ניט זיין אנדערש...

מיט אמאָל האָב איך קלאַרא'ס אויגען דערזעהן אין דער לופט.

— שטאַרק זיך און פאַרליר ניט די האָפנונג! — דו האָסט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף איהר! — איך האָב געזעהן די אויגען און זיי האָבען מיך אונטערגעיאָגט. זייער בליק האָט מיר גע־געבען קראַפט, זייער בליק האָט אויפגעפלאַמט מיין מארך. פון דער טיפער פינסטערניש האָט זיך עפּעס אַ ריס געטאָן צו מיר. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי אַ האַמער. די אויגען, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר מיר, האָבען

געלויכטען און מיט אמאָל האָט זיך די פינסטערניש אין מיר צוריסען.

איך האָב זיך דערשראָקען. וואָס האָבען געוואָלט זאָגען אָט די אויגען? וואָס האָבען זיי געוואָלט זאָגען?

— וואָס אזוינס?

א הערליכער, גליקזעליגער געדאנק! א פאר׳שיכור׳נדער איינפאל! איך ציה אוים מיינע הענד, קלארא׳ס אויגען האָבען ווי שטראַלען געלויכטען, אבער, פארט, ס׳ארא אויגען זיינען דאָס געווען?

— ניין, ניין!

א פארפיהרערישער, אונזיניגער איינפאל! א, ערלעזונג! באפרייאונג! ענטפלעקונג!

און ווי האָט עס געקענט אינגעבאָרג פארלאָזען מיך, ווען מירביידע זיינען איינס? און אויב איך וויל ניט? אויב איך וויל ניט? האָב איך דאָך א ווירקונג אויף איהר.

דאָס איז געווען א פארפיהרערישער, פאר׳שיכור׳נדער איינפאל! איך האָב געגלויבט אין מיין קראַפט, ניין! איך האָב עס ניט צוגעלאָזען!

אינגעבאָרג קען נישט אוועקגעהן פון מיר.

מענשען ווייסען גאָרנישט. נארישע און הויכמוטיגע באַשעפענישען זיינען די מענשען. זיי באהויפטען, אז עס געשעהן ניט קיין וואונדער. א נס קען געשעהן! זיי באהויפטען, אז עס איז ניטאָ קיין גאָט; אָבער גאָט עקזיסטירט.

א מענש איז פיעל מעהר, ווי בלויז א זאמלונג פון צעלען. עס זיינען דאָ שעה׳ן ווען דער מענש האָט אן אויג פון א וויי־זעהער און א צונג פון א נביא; עס זיינען דאָ שעה׳ן ווען ער גלויבט אין דעם, פון וואָס ער האָט אליין געלאכט און פון וואָס עס לאכען אלע קלוגע מענשען.

בין איך ניט משוגע געוואָרען? זעהר מעגליך. עס איז אויך מעגליך, אז אָט די גאנצע משוגעת איז געווען איבריג. מעגליך, אז אינגעבאָרג וואָלט אליין געזונט געוואָרען. איך ווייס ניט. נאָר אין דער צייט האָב איך געגלויבט, אז דאָס איז ניט געווען קיין משוגעת. איך בין געווען איבערצייגט, אז אינגעבאָרג וואָלט פון זיך אליין ניט געזונט געוואָרען.

אלץ האָט זיך צומישט אין מיר. אָבער מיר דאכט זיך, אַז עס גיט אַ שעה, אפשר בלויז אַ רגע איז אַ מענשליכען לעבע, ווען ער טוט אויף מעהר ווי אין זיין גאַנצען לעבען. אַ סך, אפשר די מעהרסטע פון די מענשען, לעבען קיינמאָל ניט איבער אַט די מינוט. נאָכדעם ווערט דער מענש ווידער ווי אַלע און לאכט אַליין אוים יענע געטליכע רגע.

אויב אינגעבאָרג וואָלט געשטאָרבען, וואָלט איך זי אויפ־געוועקט, איך וואָלט געמאכט, אַז איהר הארץ זאָל ווידער קלאַ־פען. מיט מיין געדאנק, מיט מיין גלויבען וואָלט איך זי דורכ־געעגבערט, ביז איהר הארץ וואָלט אָנגעהויבען צו קלאַפען. איך וואָלט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאר קיין זאך. אין דעם בין איך אפילו איצט זיכער.

אינגעבאָרג איז ניט געשטאָרבען, אָבער דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז די קראנקע וועט ניט אויפשטעהן. זי איז געלעגען אַן אויסגעצויגענע מיט צוגעמאכטע אויגען, אין גאַנצען אָפּ־געשוואכט. זי האָט לייכט געפיבערט. איך בין געזעסען לע־בען איהר און געהאַלטען איהר האנד אין מיינער און איין איינ־ציגער געדאנק בלויז האָט אָנגעפילט מיין הארץ: דו קענסט ניט אוועקגעהן פון מיר! דער געדאנק האָט מיך אָנגעפילט מיט אַ וואונדערבארער קראפט. דער קאָפּ איז מיר ווי פאר־שטיינערט געוואָרען, מיין בליק איז געוואָרען שארפער, מיין קערפּער איז געוואָרען, ווי ער וואָלט געווען פון אייזען. אינגע־באָרג'ס אויסזעהן האָט זיך געביטען, די היץ איז פאַראיבער און גענומען האָט זי צוציטערען פון קעלט. איך האָב זיך געלייגט אויף איהר בעט, נעבען איהר זיך געלייגט און מיט מיין קערפּער זי געוואַרעמט.

איך האָב געבעטען און איך שעם זיך ניט מודה צו זיין, ניט צום גאָט פון די אידען אָדער פון די קריסטען, איך האָב געבעטען צום איינציגען גאָט. שוויים האָט באַדעקט מיין שטערען, געקייקעלט זיך איבער מיין פּנים. אַ שרעק, אַ מורא...

געהיימע קרעפטען זענען פאראן אין דער נאטור; איך האָב זיי אַרויסגערופען צו זיך און דורך מיין ברוסט אריינגע־גאָסען זיי אין אינגעבאָרג'ס קערפּער, וואס איז שוין געווען אין די נעגעל פון טויט.

איך האָב געהאַלטען אין וועקען אינגעבאָרג׳ס נשמה, וואָס איז געווען גרייט אוועקצופליהען, איך האָב זיך ניט בארוהיגט, איך בין נישט אָבגעטראָטען. איך האָב געבעטען און אָנגע־שטרענגט אַלץ מעהר מיין געדאנק. מיין נשמה און אינגע־באָרג׳ס נשמה האָבען צוזאמענגעשטעלט איין דין, געהיימניס־פול געוועב; יאָ, עס האָט זיך געקענט צורייסען, אָבער ניט צוטיילען זיך.

אינגעבאָרג האָט גערעדט פון היץ, איהר נשמה איז געווען צוטרייסעלט ביז׳ן גרונד, זי האָט זיך געדרעהט פון פיין. איך האָב געקוקט גאָט אין פנים אריין, איך האָב איהם געבעטען, איך האָב איהם געדראָהט.

אינגעבאָרג האָט אויף גיך עפּעס געפלאפּעלט; מיר האָט זיך אויסגעדאכט, אַז זי רעדט אויף אַ פרעמדער שפּראַך, שטונ־דען זיינען פאַראיבער, ענדליך האָב איך דערהערט:

— מאַמאַ!

און איך האָב צוגעלייגט די ליפּען צו איהרע אויערען און געזאָגט: די מאַמאַ איז מיט דיר! דו — מיין קליינע, ליעבע אינגעבאָרג!

איך האָב ארומגענומען אינגעבאָרג, איך האָב געקושט איהרע באַקען, וואָס האָבען געפלאַמט ווי אַ צוברענטער שטיין, איך האָב זי געגלעט און געוויגט אויף מיינע הענד.

— אָט איז די מאַמאַ, — האָב איך געמורמעלט אין אויער אריין, איבערקלייבענדיג אַלע ליעבליכסטע ווערטער. צאַרט איז דאמאלס געווען מיין שטימע.

מיט פאַרשידענע ווערטער האָב איך זי בארוהיגט, פּונקט ווי אַ מאַמאַ וואָס בארוהיגט איהר קינד און הונדערט מאָל האָב איך ווידערהאָלט, אַז די מאַמאַ איז מיט איהר.

איך האָב געכאַפּט אינגעבאָרג׳ס נשמה און ניט אָבגעלאָזען זי מעהר. מיט פאַרצווייפלונג זיך צוגעהערט, כ׳האָב אָנגע־שטרענגט מיין געהער ביז דער דינסטער שאַרפקייט, ווייל עס איז געווען שווער פון אָט די נישט־פאַרבונדענע צווישען זיך ווערטער ארויסצונעמען, מיט וועלכען געדאנק עס איז געווען פאַרנומען אָט דער קאָפּ. ווי אַ פּייערל, וואָס בלאַנקעט ארום ביי נאכט, אזוי איז געווען אינגעבאָרג׳ס געדאנק, ער איז גע־

שפּרונגגען פון איין געגענשטאנד אויף׳ן צווייטען און עס איז געווען איבער יעדען מענשליכען כח איהם איינצוהאלטען באַטש אויף אַ מינוט. זי האָט גערעדט וועגען דער שול, וועגען גראף פלוגענ׳ס שלאָס, וועגען דעם וואלד, און טרויעריגע פּאסירונגען פון דער קינדהייט, אַקסעל׳ן, קאַרל׳ן, דעם פּארק, די סטאטוע און דער אַלעע, וועגען פּאַצאַ.

פּאמעלעך זענען געגאנגען די שעה׳ן. און ווי אַ מענש, וואָס לאָזט זיך נאָך אַ משוגענעם איבער גאסען, פעלדער, אין פייער און אין וואסער און וויל איהם אַלץ כאַפּען, אזוי איז מיין געדאנק געלאָפען נאָך אינגעבאָרג׳ס.

איך, פאַרשטעהט זיך, האָב געהערט, ווי דער רעגען האָט געקלאפּט אין די שויבען, ווי עס האָט גערוישט דער וואלד, ווי עס האָט אָפּגעהילכט דער דונער. אָבער דאָס אַלץ איז געווען ערגעץ אין דער ווייט.

אינגעבאָרג איז געוואָרען רוהיגער. איהר בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף מיינע אויגען. דורכדרינגענדיג האָבען געמוזט קוקען מיינע אויגען, אום צוצושמידען איהר בלאָנדזשענדיגען בליק. איך האָב גערעדט, געלאכט און געשריען און צוגעדריקט אינגעבאָרג צו זיך. מען האָט געקענט גלייך באמערקען, אז איך האָב געקענט איינהאלטען אינגעבאָרג. איצט האָט זי באַלאנגט צו מיר און איך האָב זי ניט אָפּגעלאָזען! מיין כח איז אויסגעוואקסען, די האָפנונג האָט איהם פאַרגרעסערט.

איך געדענק ניט, ווי יענע נאכט איז פאַראיבער. אָט איז איהר היים און אָט נעמט זי פריהרען. איך האָב זי דערוואַרעמט. געקושט זי. איך האָב גערעדט, געלאכט און געשריען... ניין, מען דאַרף זיך ניט באַמיהען צו דערמאָנען דאָס, וואס מען קען ניט פאַרגעסען. מיר איז פיינליך שווער. פון דעם אַלעם, וואָס איך האָב שפּעטער און פריהער איבערגעלעבט, איז ניטאָ עפּעס שרעקליכערעס, איז ניטאָ עפּעס, וואָס זאָל אזוי שניידען מיין נשמה, ווי די ערינערונגען וועגען דעם.

איז ניט געווען קיין משוגעת דאָס, וואָס איך האָב געטאָן? איך ווייס ניט.

ניין, דאָס איז קיין משוגעת ניט געווען, ניין...

איך האָב גערעדט וועגען זיך. איך האָב דערצעהלט איהר,

זאָס האָט ניט פארנומען מיינע רייד, וועגן אונזער זומער, וועגן אונזער ליעבע און אונזערע נעכט, גאנצע שעה'ן פלעג איך דערצעהלען. איננגעבאָרג איז געוואָרען אלץ רוהיגער. און מיט אמאָל איז געשעהן — דאָס איז געווען דאָס שווידערליכסטע.

איננגעבאָרג האָט געקוקט אויף מיר מיט גלאנצענדיגע אויגען.

— קארל, קארל! — האָט זי געמורמעלט.

דערנאָך האָט זי גענומען ריידען וועגן שרעק און וועגן ליעבע. איך האָב זי בארוהיגט.

— קארל האָט דאָך דיך ליעב. בין איך דען ניט מיט דיר? — איך, דיין קארל?

אָבער זי איז געווען פול מיט אומרוה. זי האָט גערעדט און געפיבערט. זי קען קיינמאָל נאָך מיר ניט נאָכפאָלגען און איך דארף עס גאָרניט פאָדערען פון איהר! ס'איז דאָך פאראן אקסעל און אקסעל'ן האָט זי אויך ליעב.

— אָ, געהט ניט אוועק, אָ, געהט ניט אוועק, קארל!

קארל וועט אויף שטענדיג פארבלייבען מיט דיר, איננ־געבאָרג.

איננגעבאָרג האָט געוויינט און געלאכט.

יאָ, יאָ, אָבער אקסעל וועט זי קיינמאָל ניט אָפּלאָזען. ער וועט זי איינשפּארען ביי זיך אין צימער.

— ניין, אקסעל האָט מיר געזאָגט, אז ער וועט זי אָפּלאָזען, וואוהין זי וויל אליין. ער וועט אין קיין פאל ניט פארשפּארען זי ביי זיך אין צימער.

— שעהן ביסטו, קארל! איך האָב דיך ליעב, איך האָב דיך ליעב. זאָג אָבער וועגן דעם גאָרנישט אקסעל'ן.

זי האָט מיך ארומגענומען און מיין הארץ איז אויסגעגאנ־גען אין אט די אומארמונגען.

א פיאָלעטער בליץ האָט באלויכטען דאָס צימער; אלע ווייլע א נייער בליץ. איננגעבאָרג האָט מיך געקושט אין דער צייט, ווען דער בליץ האָט זי באלויכטען. פיבערהאפט גיך האָט זי מיך געקושט און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז זי האָט מיך אפשר הונדערט מאָל געקושט. איהר פּנים איז געווען בלייך ווי קרייד און ווי ברילאנטען האָבען געברענט איהרע אויגען.

מיטאמאָל איז געוואָרען שטאָק־פינסטער, ס'איז געוואָרען נאַכט. עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער דונער. אין וואַלד איז אַ בוים צושפּאָלטען געוואָרען און אַ טיפע שטילקייט האָט אַלץ אַרום באַהערשט נאָכ'ן דונער. ווידער האָט זיך דערהערט אַ גערויש, ווי עמיץ וואָלט פון דאַך געגאָסען וואַסער מיט צעבערס.

— איך וועל אַקסעל'ען ניט זאָגען, טייערע אינגעבאָרג, איך וועל איהם גאָרנישט ניט זאָגען.

— אַ, אַ!

— דו וועסט שטענדיג זיין מיט מיר, אינגעבאָרג! הערסט! שטענדיג מיט מיר! ס'אַרא הערליך לעבען וואַרט אויף אונזביידען! ווייסט וואָס? — איך וועל קושען דיינע הענד און דיינע באַקען, איך וועל דיך טראָגען אויף די הענד...

און איך האָב גערעדט און גערעדט ווי גוט איהר וועט זיין מיט קאַרל'ן.

אינגעבאָרג האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט. זי האָט רוהיג געאָטעמט און איהרע אויגען האָבען מעהר ניט געלויכטען.

— שלאָף, שלאָף, טייערע מיינע, שלאָף. אַ גוטע נאַכט! טייערע אינגעבאָרג, שלאָף! — הערסט? — עס געהט אַ רעגען.

— שלאָף, שלאָף.

עס נעהמט ווערען ליכטיג. אַ רויטע ליכטיגקייט צושפּרייט די לאָמפּ. די פריהמאָרגען בלויקייט שטראַהלט אריין דורכ'ן פענסטער.

שטיל איז געלעגען אינגעבאָרג און רוהיג געאָטעמט
זי איז געשלאָפען.

אָך, פאַר וואָס געהט נאָך אַלץ היינט ניט אַרויס די זון?
אַ פּאָר שעה איז פאַראיבער און די זון איז אַרויס.

— זון, זון! — האָב איך שטיל אויסגערופען און אַ קוש געטהאָן דעם ערשטען שטראַהל. איך האָב געעפענט דאָס פענסטער. איינגעשטילט איז געוואָרען דער ווינד; ווי גוט איז געווען! וואונדערבאַר גוט איז געווען די לופט; די לופט האָט געקענט פאַלשטענדיג אויסהיילען אינגעבאָרג. פון צייט צו צייט זיינען טראָפּענס געפאַלען פון הימעל. זיי האָבען געלויכטען אויף דער זון. דער וועג איז געווען דורכגעווייקט און אין קליינע

שטראָמען איז דאָס וואַסער געפּלאָסען פון באַרג. די לאַנקע פאַר׳ן הויז איז געווען פאַרשאָטען מיט זאַמד און שליים.

צושפּאַלטען אויף שטיקלעך איז דאָס קליינע בירקען־בוימעל געלעגען אויפ׳ן גראָז און די באַנק, וואָס איך און אינגעבאָרג האָבען צוזאַמענגעשטעלט, איז אין גאַנצען פאַרשוואונדען, בלויז די זיילען פון די זייטען זיינען פאַרבליבען און אַ קליין שטיקעל ברעטעל האָט זיך אויף זיי געהאַלטען.

אַ ביסעל ווייטער אויפ׳ן וועג איז געלעגען, ווי אין אַ טייך, דער שפּיץ פון אַן עפּעל־בוים. אַ פּויעריש אינגעל איז גע־שטאַנען דערביי.

מיטאַמאָל האָט אינגעבאָרג אָנגעהויבען צו מורמלען און רעדען; איך האָב זי גענומען באַרוהיגען, פּונקט ווי איך האָב עס געטאָן ביינאַכט. די היץ איז שוין ניט געווען אַזוי שטאַרק, אָבער איך האָב אַלץ אָנגעשטרענגט אַלע מיינע קרעפטען.

אַזוי איז אַריבער דער טאָג און די צווייטע נאַכט, פול מיט אונמענשליכע קולות און געשרייען נאָך הילף, פּונקט ווי מען וואָלט דאָרט, אין וואַלד, גע׳הרג׳עט מענשען; עס האָט זיך גע־הערט אַ קרעכצען, ווי מען וואָלט מענשען געקרייציגט אויף די בוימער.

און דעם צווייטען פריהמאָרגען האָב איך דערפיהלט, אַז מען הויבט מיך אויף. איך האָב דערקענט קאַרל׳ן. זיי האָבען אויפגעבראָכען די טיר.

— אינגעבאָרג שלאָפט, — האָט ער געזאָגט. — איהר איז בעסער! — ער האָט מיך גענומען אונטער די אָרעמס און אַרויס־געפיהרט. איך האָב געהאַט דאָס געפיהל, ווי איך וואָלט גע־וואָרען אַ זקן, מיט האָר וויים ווי שניי, מיט ציטערדיגע קניע און אַן איינגעבויגענעם רוקען.

איך האָב גערופען צו עמיצען, איך האָב געזעהן עפּעס אַ שיין, איך האָב עמיצען געדראָהט און די דראָהענדע פויסט איז אַרויסגעוואַקסען פון מיין נשמה, איך האָב עס געזעהן — און געשמייכעלט.

איך האָב שוין מעהר ניט געפיהלט, וואָס עס קומט פאָר מיט מיר.

.20

עמיץ האָט מיך געטרייסעלט פאר דער האנד און מיר האָט זיך געדאכט, אז איך בין אַ בוים, וואָס עמיץ טרייסעלט.

איך האָב געעפענט מיינע אויגען; ווי גוט איז מיר געווארען, אָבער זיי האָבען זיך באלד ווידער פארמאכט.

עפּעס אַ טעמפּע שטימע האָט גערעדט; איך האָב געהערט מיין נאָמען און ווי מען רעדט עפּעס וועגען אינגעבאָרג. מיר איז געוועזען אַלץ איינס. אַלץ וואָס איך האָב געוואָלט איז געוועזען רוהע און ניט זיין געשטערט. אַ ביסעל שפּעטער האָט מען מיך ווידער גענומען טרייסלען פאר די הענד און דאָס מאָל האָב איך דערהערט קאַרל'ס שטימע. קאַרל האָט געזאָגט, אז אינגעבאָרג פיהלט זיך בעסער. עס איז שוין צייט אויפצושטעהן. איך האָב געעפענט מיינע אויגען און דערזעהן פאר זיך אַ רויט־האָריגען שמייכלענדען קאָפּ. דאָס איז געוועזען קאַרל. איך האָב שוין געהאַט פארגעסען, אז קאַרל האָט נאָר וואָס געהאַט גערעדט מיט מיר. איך בין ווידער איינגעשלאָפען. עס האָט זיך געגאָסען וואַסער און עפּעס קאַלטעס און נאַסעס איז גערונען איבער מיין פּנים. איך האָב זיך צוגעזעצט אויף דער ערד, אָבער די נאַסקייט האָט ווידער מיך פארפאָלגט; איך בין געשלאָפען און געטראַכט, אז אייגענטליך איז עס גאָר קיין נייעס ניט, וואָס אינגעבאָרג איז געוואָרען בעסער. דאָך בין איך געוועזען פול מיט שרעק, מיר האָט זיך געדאכט, אז עפּעס שרעקליכעס האָט פּאַסירט. אָט דער שרעק האָט דאָס מיטאַמאָל מיך אויפגעוועקט.

— וואָס מאַכט אינגעבאָרג? — האָב איך געפרעגט.

— זעהר גוט. זי שלאָפט רוהיג.

וואָס־זשע האָב איך זיך אַזוי דערשראָקען? איך האָב געהאַט דאָס געפיהל, אז עפּעס שרעקליכעס מוז פּאַסירען, אָבער ווען אינגעבאָרג פיהלט זיך בעסער, וואָסער שרעקליכע זאַך קען דאַמאָלט פּאַסירען?

— גאַנצע דריי טעג ביסטו געשלאָפען, אַקסעל! — האָט געזאָגט קאַרל און גוטמוטיג זיך צושמייכעלט. זאַכט און שעהן איז געוועזען זיין שמייכעל, מיט מילדקייט האָט פון איהם געוועהט.

שוועך איז מיר אָנגעקומען אויפצוהויבען זיך. איך בין

געווען זעהר פארמאטערט און דער קאָפּ איז געווען ווי אָנגעגאָסען מיט בליי. איך האָב גאָרנישט פארשטאַנען.

אָבער אינגעבאָרג איז געראַטעוועט!

איך בין געזעסען אויפ'ן בעט און געשמייכעלט. איך האָב ניט געקענט דערגרייכען מיין גליק.

קאַרל האָט מיר אָנגעטהאָן די זאָקען, דער פּאָעט קאַרל בליטהאופּט האָט מיר געהאָלפען אָנטהאָן די זאָקען.

זאָלען צוליעב דער גרויסער פרייד צולעגט ווערען פייערען אויף די בערג! אַמוזירונגען, טענץ און געזאַנגען!

גאָלד אין די געצעלטען פון די אָרעמע לייט!

צוויי טעג און צוויי נעכט האָט העל געפלאַקערט דער וואַלד אויפ'ן באַרג, — מיין וואַלד. פון אַלע דערפער אַרום זיינען אָנגעקומען פייער־לעשער; אַ שרעקליכער טומעל און גערויש. זאָל ברענען! זאָל ברענען! העל ברענט דער וואַלד ביי נאַכט. וויים זעהען זיך די פייערען.

21

אינגעבאָרג זיצט אויף דער וועראַנדע מיט אַ טוך אויף די פּלייצעס. זי איז בלייך און, עס דאַכט זיך, אַז מען קען זעהן, ווי עס פליסט דאָס בלוט אין איהרע אָדערען, אין די שלייפען און אין דער האַנד.

מיט פאַרוואונדערטע, ברייט־געעפענטע אויגען קוקט זי אויף די בוימער, אויף דער לאָנקע, וואָס וויגט זיך אין דרימעל, אויפ'ן טאָל. דאָרט שטעהען קליינע פערדלעך און וואַגענס, נעבען זיי באַוועגען זיך קליינע באַשעפענישען, וואָס לאָדען זיי אָן מיט היי. טיילמאָל גיט עפּעס אַ גלאַנץ: אַ מעטאַלענע קאָסע, אַ רייף; אָפּגעריסענע געשרייען ברענגט פון דאָרט דער ווינד.

נאָך לאַנגע טעג פון געוויטער זיינען אָנגעקומען וואָכען פון דער הערליכער זון, פון דער זון, וואָס גיסט גלייכמעסיג איהר רויטען שיין אויף דער ערד, ווען דער זומער האַלט אין ענ־דיגען זיך.

צוויטשערענדיג האָבען זיך די שוואַלבען געטראָגען אין

דער לופט, אָט האָבען זיי זיך צוזאַמענגעקליבען אויף איין פּלאַץ און אָט מיט דער גיכקייט פון אַ בליץ פאַנאַנדערגעפלויגען אי־בער דעם גאַנצען טאָל. זיי האָבען געשריען, ווי אַ פייל פון בויגען זיך אויפגעהויבען אין דער הויך און ווי שטיינער אַרונ־טערגעפאַלען צוריק אין טאָל און מיט אַמאָל האָבען זיי אויס־געשפּרייט די פליגעל און רוהיג געשוועבט.

אין איינגעבאָרגס אויגען באַווייזען זיך טרערען, ווי נאָר זי גיט אַ קוק אויף דער זון; טרערען באַווייזען זיך אין איהרע אויגען, ווען זי דערהערט נאָר דאָס צוויטשערען פון די שוואַלבען.

— איך בין שוואַך, ווי אַ קינד, — זאָגט זי און טרערען טריפען אויף איהר האַנד. — קיינמאָל איז נאָך מיין האַרץ ניט געוועזען אַזוי פול מיט דאַנקבאַרקייט און מיטגעפיהל.

איך זיץ מיט איהר, איך פלוידער, איך שווייג, טו אַלץ וואָס איינגעבאָרג וויל. בעסערע און מעהר שטילערע שעה'ן, ווי אין ־ער צייט פון איהר געזונט ווערען, האָב איך אין מיין לעבען ניט געהאַט. מיין האַרץ איז רוהיג און פול מיט גליק און די ברוסט איז פול מיט טרערען און ס'איז ניטאָ קיין כח זיי אויסצואוויינען.

איך און קאַרל האָבען זיך באַמיהט צו פאַרשאַפען איינגע־באָרג טויזענדע פאַרשיעדענע פאַרגעניגענס, אויסער, פאַרשטעהט זיך, אַזוינע, וואָס וואָלטען זי געקענט אויפרעגען. מיט רויזען זיינען שטענדיג באַפוצט איינגעבאָרגס צימערען, אויף טעפּיכער פון ווייסע רויזען געהט זי שטענדיג אַרום. קומענדיג פון שפּאַ־ציר, ברענגט קאַרל מיט זיך אַ גאַנצען וואַלד: קראַנצען פון רויטע און שוואַרצע בערען, אין וועלכע עס איז דאָ פאַרבאָרגען דער זאַפט און דער ריח פון זומער.

יאָ, קאַרל האָט אַפילו איינגעשטימט איבערצולעזען איינ־געבאָרג די שטעלען פון זיינע ביכער, וואָס געפעלען איהר באַ־זאָנדערס. זיין רוהיגע שטימע, זיין איידעלע נאַטור, האָבען גע־האַט אַ גוטע ווירקונג אויף איינגעבאָרג. מען האָט געקענט באַ־מערקען, אַז זי נעמט צו געזונדט, ווען קאַרל איז אַנוועזענד גע־ווען. און ווען קאַרל האָט געלאַכט, האָבען זיך איהרע ליפּען צוזאַמענגעלייגט ווי אויף אַ שמייכעל און איהרע באַקען האָבען זיך געראָיטעלט.

— הערסטו, אקסעל, היינט האָט מיך הערר קאַרל אָנגע־רופען ליעבע פרוי אינגעבאָרג — כאַ־כאַ־כאַ ! קיינמאָל האָט ער מיך נאָך אזוי ניט אָנגערופען !

איך האָב געבראַכט וואונדערבאַרע בילדער, וועלכע געהען ניט אַרויס פון זינען, לאַנג נאָך דעם ווי מען האָט זיי געזעהן, און אוועקגעלייגט זיי נעבען אינגעבאָרג ; איך זעץ זיך צו צו דער פיאַנאָ און שפּיל די מאָטיוועו, וואָס אינגעבאָרג האָט ליעב און דורך די אָפענע פענסטער שטראָמען די שטראַלען פון דער זון.

אינגעבאָרג ווערט מיד. זי פאַרמאַכט די אויגען, לייגט דעם קאָפּ אוועק אויפ'ן קישען און זאָגט : — דערצעהל מיר עפּעס, אקסעל !

דערצעהל מיר עפּעס אזוינס, ווי דו האָסט מיר אַמאָל דער־צעהלט וועגען דעם פאַרפראָרענעם וויינגאָרטען, אָדער וועגען די פאַרליעבטע אויפ'ן ים. דערצעהל, אקסעל, טראַכט עפּעס אויס.

איך קוק אויף אינגעבאָרג און הונדערטער מעשיות און לעגענדען קומען מיר אויפ'ן זינען. איך דערצעהל איהר פאַר־שידענע מעשיות. איך דערצעהל איהר די געשיכטע פון דעם גוטבאזיצער הערמאַן עקע, וועמען עווא האָט פאַרלאָזען. זיי האָבען געלעבט גליקליך, עווא און ער, נאָר עווא איז אוועק פון איהם צו א צווייטען. פאַרוואָס ? קיינער ווייס עס ניט. וועט זי שוין שטענדיג פאַרבלייבען ביים צווייטען ? ניין, זי וועט זיך געוויס אומקעהרען צו הערמאַן עקע.

און עס וואַרט הערמאַן עקע, אז זי זאָל זיך אומקעהרען. ער פאַרזייהט א גאָרטען פאַר איהר, ער בויט אויס א טעראַסע, יאָהרען פאַרגעהען. וואו איז עווא ? זי קעהרט זיך ניט אום, אבער ער וואַרט. און ווידער פאַרגעהען יאָהרען, פיעל יאָהרען איז ער געוועזען דערשלאָגען און טרויעריג, אָבער גיט אויף איהם א קוק איצט ! שטאָלץ און גלייך איז זיין גאַנג און די אויגען זיינע לויכטען. זיין פריינד פרעגט איהם : גלויבסטו, באמת, אז עווא וועט זיך אומקעהרען ? — כאַ־כאַ־כאַ ! —ענטפערט הערמאַן עקע און בלייבט שטיל. ווייס ווערען הערמאַן עקע'ס

האר. זיין פריינד פרעגט איהם: וואס וועסטו זאגען עווא'ן אויב זי וועט זיך אומקעהרען?

— קעניגין, וועל איך זאגען, — ענטפערט הערמאן עקע, — פארטיג איז דיין טראהן. מיר וועלען רעדען וועגען די קומענדע טעג.

טרויעריג שמייכעלט זיין פריינד: הערמאן עקע איז אראפ פון זינען.

אין עווא'ס צימער ברענט די לאמפ, בלומען זיינען אויס־געשטעלט. יעדען אווענד שטעהט הערמאן עקע אויפ'ן טורעם און קוקט ארויס אויפ'ן וועג, צי עס באווייזט זיך ניט קיין עקי־פאזש. ניין, מען זעהט קיין עקיפאזש ניט.

דער פריינד קוקט אויף הערמאן עקע און טראכט: — דו וועסט אין גיכען שטארבען. שוואך איז דיין הארץ, — אזוי טראכט ער.

יא, עווא האט א שוועסטער, וואס דארף קומען און דער־צעהלען איהם אלץ וועגען איהר און איהם אנזאגען, אז אין גיכען קומט עווא. די שוועסטער קומט און רעדט מיט דעם פריינד. — עווא איז געשטארבען; אין ארעמקייט, פון אלעמען פאר־לאזען איז זי געשטארבען. — דערצעהלט איהם דאס ניט — זאגט דער פריינד — זאגט איהם, אז זי לעבט אין רייכטום און גליק, און אז איהר לעבען איז איין גרויסער יום־טוב און אז אין גיכען וועט זי אומקעהרען זיך צו איהם.

— גוט!

אט קומט אריין הערמאן עקע. ער האט געווענדט זיין בליק אויף דער שוועסטער, — ער פארריכט די אויגען־גלעזער — אט אזוי. זיינע אויגען לויכטען מיט א ניט ערדישען גלאנץ. ער שפרייט אויס זיינע הענד — אט אזוי.

— עווא'ס שוועסטער! מורמעלט דער פריינד.

האט הערמאן עקע דאס געהערט? ניין.

ער זאגט: קעניגין, פארטיג איז דיין טראהן, — לאמיר זיך דורכרעדען וועגען דער צוקונפט.

דאס זיינען געווען הערמאן עקע'ס לעצטע רייד.

— וואס זאגסטו אויף דעם, אינגעבארג?

אינגעבאָרג שאָקעלט דעם קאָפּ, שמייכעלט, איהרע וויהעם ציטערען און טרערען באַווייזען זיך אין איהרע אויגען.

— דערצעהל, אקסעל, — טראַכט עפּעס אוים !

גאָלד, גאָלד, גאָלד ! די זון בענשט די וועלט. א שמייכעל ליגט אויף אַלעם אויסגעשפּרייט, אפילו אויף די שפּיצען פון די גראָזען. די וועלדער, די נאָהענטע און די ווייטע — פּונקט ווי כוואליעם צופלאָסען גאָלד. גאָלדיג איז דער הימעל און א גאָלדיג גלאַנציגער רעגען פאַלט אויף דער ערד. אויף דער מעריב זייט פון הימעל — קליינע וואָלקענדלעך ; זיי זעהען אוים ווי פלאַטערדיגע שייטער־הויפענס. אויף זיי ברענט די זון און זייער פלאַם צושפּרייט זיך איבער'ן הימעל. גאָלדענע בלעטער ציטערען אויף א גאָלדענעם הימעל, מען זעהט ניט די צווייגען, אויף וועלכע זיי הענגען. די בוימער פון דעם ווייטען וואלד זעהען אוים ווי גאָלדענע זיילען בעשאָטען מיט עדעל־שטיינער. דאָרט שלעפּען זיך ארום פערד און אן ארבייטער. ווי פון גאָלד זעהען אוים די פערד, ווי פון גאָלד זעהט אוים דער ארבייטער. עס וועהט א גאָלדענער ווינט, א גאָלדענער טוי טריפט פון די בוימער.

איך קוק אויף אינגעבאָרג, וועמעס הענד און פּנים זיינען באַגאָסען מיט דער זון. ווי אַלט גאָלד זעהען אוים איהרע האָר. זי האָט פאַרמאַכט איהרע אויגען־דעקלעך, אָבער זיי זיינען אזוי דין, אז עס דאַכט זיך, אז מען קען דורך זיי זעהן די אויגען. א מידער, גליקליכער שמייכעל שפּילט זיך אויף איהר אויסגע־מאָגערטען פּנים ; אזא שמייכעל זעהט מען בלויז אויף די פּנים'ער פון געזונדט געוואָרענע, פון געווינערינס און ערשט־פאַרהייראַטע.

פאַצאָ ליגט ביי איהרע פים און זי האָט אַרויפגעשטעלט א פוס אויף איהם. פון טיפען אָטעמען באַוועגט זיך זיין קער־פּער אַרויף און אַראָפּ.

איך קוק אויף אינגעבאָרג און מיט א שטילער שטימע הויב איך אָן :

— דאָס מאָל וועל איך דיר דערצעהלען פון א הערליכער קעניגין, ווייל איך טראַכט פּונקט איצט וועגען א קעניגין. דאָס איז די קעניגין, וואָס דאָס פאָלק האָט גערופען „גאָלדען האָריך".

סילוויא איז געווען איהר נאָמען. זי איז געווען דאָס ווייב פון ניקאָלאָ דאנדאָלדי, זי איז געווען פול מיט יוגענד, ניקאָלאָ איז געווען אלט. איהם האָט מען גערופען „איינאוויגיגער מיט'ן אונבאזיגבארען שווערד", אָבער צווישען פאָלק האָט מען איהם גערופען „שלאָפלאָזער" און אויך „פאַלשער". איך וועל דיר באלד דערצעהלען פארוואָס מען האָט איהם אזוי גערופען. ער איז געווען זעהר גרויזאם, ווי אלע מלכים פון לעגענדען; ווע־גען איהם האָט מען געזאָגט, אז ווען מען זאָל איהם ארונטער־לאָזען אין גיהנום אריין אויף אזוי פיעל איילען, וויפיעל מענ־שען ער האָט דער'הרג'עט, וואָלט איהם דאָרט דער גרויסער הי־מעל אויסגעזעהן ווי א שפיץ פון א נאָדעל.

דו קענסט אליין פארשטעהן, אז אויך אין דער לעגענדע באווייזט זיך א פאזש. דעם פאזש האָט מען גערופען „אויג", ווייל ער האָט געהאט וואונדערליך־שעהנע אויגען. דאָס האָ־בען צוגעגעבען אלע פרויען.

— שעהן זיינען דיינע אויגען, — האָט געזאָגט סילוויא, ווען זי האָט איהם צום ערשטען מאָל דערזעהן. ווי אין שלאָף האָט זי ארויסגערעדט די ווער'טער. „גאָלדען הארץ" האָט ליעב באקומען „אויג'ן", און „אויג" האָט ליעב באקומען „גאָלדען הארץ".

זיי פלעגען זיך טרעפען אין גאָרטען און גאנצע נעכט זיצען אין שאטען פון די בוימער. דאָרט זיינען זיי געזעסען און גע־פלוידערט און איך האָב אלץ געוואוסט, וואָס זיי האָבען גע־פלוידערט.

אינגעבאָרג האָט דאָס אויך געוואוסט און זי האָט זיך צו־שמייכעלט. אָ, וויפיעל נעכט האָבען זיי דאָ פארבראכט! ענדליך האָט מען זיי ענטדעקט; אין איינער פון די שענסטע נעכט האָט דאָס פאסירט. צום ערשטען מאָל האָבען זיי זיך באגעגענט, ווען די קאַרשען האָבען אָנגעהויבען צו קריגען א פארב; — און ווען די קאַרשען זיינען צייטיג געוואָרען, האָט זיך שוין דער שטורעם געקליבען איבער זייערע קעפּ.

זיי האָבען געמוזט שטארבען.

דער קעניג האָט צוזאמענגערופען דעם גאנצען אדעל, ווי צו א יום־טוב. אויסגעפוצט אין די טייערסטע צירונגען, וואָס

זיינען דורך דורות געקליבען געוואָרען, זיינען זיי געזעסען אויף די גאַלערעען. פון דער ווייטען האָט מען זיי געקענט אָננעמען פאַר בלומען־קרענץ, וואָס אַ גערטנער האָט אַרויסגעשטעלט צום פאַרקויף.

מען האָט געבראַכט סילוויא'ן און דעם פּאַזש, — און מיט אַמאָל זיינען אַלע בלייך געוואָרען, אויך זייערע פּנים'ער זיינען בלייך געוואָרען. און ווען זיי האָבען אַנידערגעקניהט און הינ־טער זיי האָבען זיך באַוויזען די הענקער — איז געוואָרען אַזוי שטיל, אַז יעדער האָט געקענט הערען דאָס קלאַפּען פון זיין אייגען האַרץ.

געל ווי וואַקס איז געווען דער קעניג. סילוויא איז געווען אַזוי באַצויבערנד שעהן, אַז אַ קאַמף האָט אויפגעפלאַמט אין קייזער'ס האַרץ ; אַ קאַמף צווישען ליעבע און דעם פאַרלאַנג נאָך נקמה

און ער האָט אויסגעשריען : —די קעניגין קען בעטען באַגנאַדיגונג ! נאָר דאָס לעבען פון דעם פאַמיליען־צושטערער בלייבט אין מיינע הענד . . .

און אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט די צאַרטע, יונגע שטימע פון דער קעניגין : — איך בעט, אַז מען זאָל דעם שקלאַף, וואָס זינגט אַזוי טרויעריג אין די נעכט לאָזען זיך אומקעהרען אין זיין היימאַט.

ביידז האָט דער קעניג אַ שמייכעל געטאָן.

— די קעניגין קען בעטען באַגנאַדיגונג ! — האָט ער אויס־געשריען צום צווייטען מאָל און פאַרהוסט זיך.

מיט אַמאָל האָט „גאָלדען־האַרץ" גענומען בעטען, אַז מען זאָל זי פריהער טויטען פון איהר געליעבטען. זי וויל ניט הע־רען, ווי עם וועט פאַלען זיין קאָפּ.

אָבער דער פאַרליעבטער איז אויף דעם ניט איינגעגאַנגען. זאָל זי לענגער קענען זעהן דעם הימעל, ווי ער — האָט געזאָגט דער פאַרליעבטער. אַ לאַנגע צייט האָבען זיי ניט געקענט איינ־שטימען. יעדער האָט געוואָלט דער ערשטער גע'הרג'עט ווע־רען. די דאַמען אויף די גאַלערעען האָבען געוויינט. און ווי־דער האָט זיך סילוויא גענומען גרייטען צום טויט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דער קעניג אויפגעהויבען,

אריבערגעבויגען זיך איבער דער גאַלערעע און מיט אַ פאַרשטיקטען אָטעם אויסגעשריען: — די קעניגין קען בעטען באַגנאַדיגונג! און שטאַר האָט ער אַריינגעקוקט אין סילוויאַ'ס אויגען.

אָבער סילוויאַ האָט קיין באַגנאַדיגונג ניט געבעטען, ווי איהם האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט טאָן.

— איך בין זיך מודה, אַז איך בין שולדיג, — האָט זי געזאָגט.

דער קעניג איז געפאַלען אין זיין שטול אַריין און אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

עס איז געווען אַ שרעקליך מודה זיין זיך. דו ווערסט עס באַלד דערהערען, איינגעבאָרג.

סילוויאַ האָט אָנגעהויבען צו רעדען, אַז זי איז יונג און זי האָט געבעטען גאָט'ס מוטער, אַז זי זאָל איהר מוחל זיין דערפאַר, וואָס איהר איז נאָר וואָס געוואָרען זיבעצעהן יאָהר.

— גיכער וואָלט איך געוואָלט ווערען אַ זיבציג יעהריגע זקנה, ווי צו ווערען אַ קעניגין. זאָל גאָט'ס מוטער מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב זיך דערפרעהט מיט מיין יוגענד, ווען איך האָב דערזעהן מיין געליעבטען. איך שווער, אַז ווען איך וואָלט געווען אַ זקנה, וואָלט איך פון בענקשאַפט געשטאָרבען אין יענער נאַכט.

און זי האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען, ווי זי האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן איהר געליעבטען.

— ער איז געשטאַנען אין דעם זאָל מיט די געהאָפטענע ווענד, וואו הערן און דאַמען זיצען שטילע ביים טיש און שמייכלען; דאָרט, וואו ס'דאַכט זיך דיר, אַז דו ביזט אין אַ וועלט פון חלומות און דיר ווערט שרעקליך. דאָרט האָב איך איהם דערזעהן, ער האָט מיך באַגריסט און איך האָב זיך דערשראָקען, איך ווייס ניט פאַר וואָס.

— שעהנע אויגען האָסטו! — האָב איך איהם געזאָגט. איך שווער ביי גאָט, אַז איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך טו. ערשט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב געזאָגט.

פאַסט דען פאַר אַ קעניגין צו זאָגען אַזוינע ווערטער? פאַרשטעהט זיך, אַז ניט. אָבער איך האָב עס געטאָן.

איך האָב זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט, איך האָב אַ

ציטער געטאָן און צולאכט זיך. פּאסט דען פאַר א קעניגין צו לאַכען, ווי א קינד ? איך האָב עס געטאָן.

א צווייטען מאָל האָב איך איהם באגעגענט אויף די זיל־בערנע טרעפּ. שרעקליך בלייך איז ער געוועזען.

— פאַרוואָס ביזטו אזוי בלייך ? — האָב איך איהם גע־פרעגט.

און ער האָט געענטפערט : — איך בין בלייך דערפאַר, וואס איך האָב ליעב א מיידעל און איך טאָר איהר דערפון ניט זאָגען.

איך האָב זיך ניט דערשראָקען, ווייל איך האָב זעהר גוט געוואוסט, ווער דאָס מיידעל איז.

— און דו וואָלסט א קוש געטאָן דאָס מיידעל ווען מען זאָל עס דיר ערלויבען ?

— איך שווער ביי גאָט, אז יא.

— טאָ קוש־זשע מיך !

און ער האָט מיר א קוש געגעבען. פריינד מיינע, דאָס איז געוועזען אין מיטען טאָג, פאַר די אויגען פון גאנצען הויף. די מעווען האָבען עס געזעהן, די פיש אין ים און נאָך טויזענדער אויגען, בלויז אייך אליין האָט גאָט פאַרשטעלט די אויגען.

און איך האָב דערצעהלט, ווי „גאָלדען־הארץ" האָט ווייטער גערעדט וועגען איהר געליעבטען און וועגען איהר ליעבע און זי האָט ניט אויפגעהערט צו לויבען די שעהנהייט פון איהר געליעבטען, זיינע אויגען, ליפּען, הענד, שטימע און זי האָט באזונגען דאָס גליק פון איהר ליעבע. יא, אזוי האָט זי גערעדט, אז די מאַנאכען האָבען אומגעקעהרט די קעפּ.

— אָ, פרויען, איהר, וואָס זיצט אויבען אין דער הויך !

— האָט זי אויסגעשירען. — קוקט אויף מיר, די געפאלענע ! ווייסט, אז פאַר קיין שום פרייז וואָלט איך זיך ניט געביטען מיט אייך ! מיט פרייד וואָלט איך געשטאָרבען פאַר אן איינ־ציגע האָר זיינע. אָ, ווי גליקליך וואָלט געווען יעדע איינע פון אייך, ווען זי וואָלט געקענט רעדען אזוינע ווערטער ! כאַ־כאַ ! איהר וואָלט קיינמאָל ניט חרטה געהאט, ווען ער וואָלט כאָטש איינמאָל נאָר ארומגענומען אייער האלז, איהר וואָלט גיכער

אײנגעװיליגט אױף אַלע יסורים פֿון גיהנום, װי דורכצולאָזען זײַנע אַן אײן־אײנציגען קוש. איך װײס עס, יאָ, יאָ, יאָ!

אַזױ האָט גערעדט סילװיא און זי האָט ניט געקענט אױפֿהערען צו רעדען װעגען איהר געליעבטען און װעגען דעם גליק פֿון איהר ליעבע.

זי האָט ניט גערעדט, נײן, — זי האָט געיובעלט, געלאַכט און געװײנט, רעדענדיג אַט די װערטער האָבען איהרע באַקען געפֿלאַמט פֿאַר פֿרײד.

און געװײנט האָט „אױג" פֿאַר פֿרײד און גליק, און אַזױ ביטער האָט ער געװײנט, אַז די שטײנער אונטער זײַנע פֿיס זײַנען פֿינסטער געװאָרען, נישט קוקענדיג אױף דעם, װאָס די זון האָט געברענט.

די געסט האָבען געציטערט. דער קעניג האָט זיך געװאָרפֿען פֿון סילװיא'ס װערטער און געגומען װי פֿאַרגליװערט װערען.

טיפֿע, פֿינסטערע קנײטשען האָבען זיך באַװיזען אױף זײַנע שלײפֿען און באַקען.

און װידער האָט זיך סילװיא גענומען גרײטען צום טױט. זי איז געװען אַזױ שעהן און איהר פּנים איז געװען אַזױ פֿרײדיג, עס האָט אַזױ געלױכטען װי זי װאָלט איצט מיט איהר געליעבטען געגאַנגען צו דער חופּה און ניט צום טױט.

די הענקער האָבען געװאַרט אױף אַ צײכען, נאָר פּלוצים האָט דער קעניג װידער אַמאָל אױפֿגעהױבען זײַן האַנד.

— װאַרט, װאַרט! — האָט ער אױסגעשריען שטיקענדיג זיך, און ער האָט זיך פֿאַרטראַכט. ער האָט זיך געװענדעט צו די געסט: — קוקט, קוקט! קוקט, װי צאַרט זי איז! װי שעהן זי איז! װער האָט שױן אַמאָל געזעהן אַזאַ שעהנע פֿרױ?

ער האָט זיך אַריבערגעבױגען פֿון זײַן אָרט און אַרױסגעמורמעלט: — דו קענסט נאָך בעטען באַגנאַדיגונג, באַצױבערענדע סילװיא. איך שװער בײַ מײַן עהרע, אַז יעדע ביטע, װאָס דו זאָלסט ניט בעטען...

די געסט האָבען געיובעלט.

זאָג, װעגען װאָס מײנסטו האָט געבעטען סילװיא? יאָ, װעגען װאָס נאָך האָט זי געבעטען?

נאָר קױם האָט זי געעפֿענט די ליפּען אַרױסצוזאָגען איהר

באַגעהר, האָט ווידער דער פריהערדיגער וואוט באַהערשט דעם קעניג.

— טויטען זי, טויטען זי ! — האָט ער געגומען ברומען און געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האנד, ווי ער וואָלט געוואָלט וואַרפען אַ שטיין אין איהר.

סילוויאַ'ס קאָפּ איז געפאַלען אונטער'ן מעסער.

און ווען זיי האָבען געוואָלט „אויג'ס" קאָפּ אַראָפּהאַקען, האָבען זיי דערזעהן, אַז ער איז שוין טויט.

— הערשער ! ער איז שוין טויט, — האָבען געשריען די הענקער, — די שרעק האָט איהם געטויט.

וואָס וועסטו אויף דעם זאָגען, אינגעבאָרג ?

אינגעבאָרג האָט געשוויגען. אינגעבאָרג האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— דו וואָלסט זי אָפּגעלאָזט, אַקסעל ?

— יאַ !

און איך האָב די זעלבע מעשה אָנגעהויבען צו דערצעהלען אויף אַן אַנדער אַרט, אָנהויבענדיג פון דער פראַזע : „די געסט האָבען געיובעלט".

און סילוויאַ האָט געזאָגט : — אויב דו ביזט אַזוי גרויס־מוטיג, הערשער, זאָל דיר גאָט דערפאַר בעצאָהלען. שענק אונז ביידען דאָס לעבען און די פרייהייט. — דער קעניג האָט זיך צושמייכעלט און אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

די טראָמפּייטען האָבען אָנגעהויבען צו בלאָזען, די געסט האָבען אָנגעהויבען צו יובלען אַזוי, אַז די באַלדאַכינען פון די גאַלאַרעען האָבען זיך אָנגעהויבען צו שאָקלען און אַלע זיינען אַוועק אויף דער חתונה.

אינגעבאָרג האָט זיך צושמייכעלט.

דאָס איז געווען אַ שעה, ווען דער גאַנצער וואַלד, די טאָ־לען, דער שלאָס, אינגעבאָרג, איך און פּאַצאַ, וואָס איז געלעגען ביי אינגעבאָרג'ס פיס — זיינען געווען ווי פון גאָלד, און ווי־טער איז דער גאָלדענער רעגען געפאַלען פון הימעל. איך האָב געפיהלט, אַז מיין האַרץ איז געוואָרען גאָלד און עס האָט גענו־מען קלינגען, ווי אַ גלעקעל.

אינגעבאָרג האָט געשמייכעלט. זי האָט אָבער אַלץ נאָך ניט געשמייכעלט אַזוי ווי פריהער.

— פון אַלע דיינע לעגענדען איז די בעסטע די לעגענדע וועגען אַקסעל און אינגעבאָרג. אינגעבאָרג האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, נאָר אַקסעל האָט זי אָפּגעהיט מיט אַזאַ צערט־ליכקייט, אַז זי איז געזונד געוואָרען און ניט געקענט שטאַרבען. קען דען עפּעס זיין שענער פון אָט דער מעשה'לע? ניין, ניין. די בעסטע פון אַלע דיינע לעגענדען איז די לעגענדע וועגען אַקסעל און אינגעבאָרג.

אָ, אינגעבאָרג! . . .

טעג זיינען פאַרגאַנגען און מיט יעדען טאָג איז אינגע־באָרג געוואָרען שטאַרקער און געזינדער. דאָך האָט זי נאָך אַלץ ניט געקענט אַזוי רעדען ווי פריהער און אַזוי לאַכען.

אינגעבאָרג איז נאָך אַלץ געווען פאַרמאַטערט. אינגע־באָרג האָט פאַרטראַכטערהייט ארומגעשלעפּט זיך. גאַנצע שעה'ן איז זי געווען אין וואַלד און געטראַכט. איהר פּנים איז פאַר־ברוינט געוואָרען, ווי זומער צייט, ווען עס ברענט די זון.

וועגען וואָס האָט אינגעבאָרג געטראַכט?

פיעל שלאָפלאָזע נעכט האָב איך פאַרבראַכט; אינגע־באָרג איז נאָך אַלץ ניט געווען די פריהערדיגע אינגעבאָרג.

די פויגעל האָבען שוין ניט געזונגען מעהר, ווי אין די פריהערדיגע טעג. פיעל שלאָפלאָזע נעכט האָב איך פאַר־בראַכט, אָבער בייטאָג בין איך פיעל מאָל פאַרמאַטערט געוואָ־רען און איינגעשלאָפען. אָפטמאָל בין איך אויפגעשפּרונגען פון שלאָף; חלומות האָבען מיך געשראָקען. מיר האָט זיך שטענדיג גע'חלומ'ט יענע נאכט, ווען איך האָב געקעמפט פאַר אינגעבאָרג'ס לעבען. מיין נשמה פלעגט אויפשוידערען. עמיצענס פויסטען פלעגען זיך אויפהויבען און שלאָגען מיך.

איך האָב געהערט שטימען, דראָהענדע שטימען; איך האָב געהערט אַ גערויש, — און דער דאָזיגער גערויש האָט גע־גערעדט: — דו האָסט געזיעגט!

האָב איך דען עפּעס שלעכטעס געטאָן? איך האָב שלעכט אויסגעזעהן, איך בין געווען עהנליך אויף אַ קראַנקען. צייטענ־ווייז האָב איך געהאַט פיבער.

וואָס האָט זיך דאמאלס געטאָן מיט מיין נשמה ? זי איז געווען ווי א טאָל : זון און שאטענס פון די וואָלקענס, לויפענ־דיגע שאטענס ; איך האָב זיך געפרעהט מיט דער זון, איך האָב זי געוואָלט צושמידען צו מיר, איך בין געווען גליקליך און ניט געטראכט פון די שאטענס. ניין, איך האָב ניט געוואָלט טראכטען פון זיי.

אינגעבאָרג האָט מיך ליעב געהאט. טויזענדער מאָל האָט זי מיך געקושט. אָבער גאָר אנדערש האָבען איצט געקושט איהרע ליפען, דאָס זיינען געווען נייע קושען.

דאָס איז געווען א פרעהליכע נאכט, א נאכט פון געלעכ־טער, א נאכט פון געזאנג, בליקען און לופטיגע קושען.

דונקעל בלוי איז דער הימעל, פול איז ער מיט שטערען, א הייליגע רוהיגקייט איז אויף אלץ. הונדערט ליכט ברענען אין מיין צימער : מיר פייערען איהר געזונד ווערען.

געלעכטער, געזאנג, פרעהליכע ווערטער און וויין.

וואָס־זשע האָט פאסירט אין יענער נאכט ? איצט געדענק איך שוין ניט. מיר זיינען געווען פרעהליך און אין א גוטער שטימונג ; הונדערט ליכט האָבען געברענט אין מיין צימער.

אלץ האָט געשיינט און געלויכטען. קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך ניט געזעהן מעהר אזוי פיעל גלאנץ, אזעלכע אויגען, אזעלכע ליפען, הענד.

מיר האָבען געטרונקען : איך ,אינגעבאָרג און קארל. קארל האָט געלאכט, ער האָט געטרונקען פאר אינגעבאָרג'ס גע־זונד, פאר מיר, פאר אלע הייליגע, וואָס ווערען דערמאָנט אין קאלענדאר.

ער האָט פאָרגעלעזען א קליינע ערצעהלונג. א טאלענט־פול אָנגעשריבענע זאך מיט'ן נאמען „דער פארשווונדער".

איך האָב ליעב פארשווונדער ; פארשווונדער וואָס דאָס גאנצע לעבען זייערם פארשווונדען זיי געלד, געדאנקען, גע־פיהלען, — אלץ.

יא, קארל איז געווען אזא ! איך האָב פיינט פיליסטער.

מיר האָבען געטרונקען פאר דער גליקזעליגקייט פון די פארשווונדער, מיר האָבען געטרונקען פאר'ן אונטערגאנג פון די פיליסטער.

אינגעבאָרג האָט געזונגען, קיינמאָל האָט זי נאָך אַזוי שעהן ניט געזונגען, ווי אין אָט דער נאַכט ; צום ערשטען מאָל האָט פּאַסירט, אַז איך האָב אין גאַנצען פאַרגעסען, אַז דאָס זינגט אינגעבאָרג ; דאָס איז געווען אַ שטימע פון אַ זינגערין. לייכט איז געווען אויף דער נשמה און פרעהליך בין איך געווען. אַלץ איז פאַרגעסען געוואָרען, אַלע שאַטענס. האָב איך דען גאָר ניט געטראַכט פון זיי ?

אינגעבאָרגס בליק האָט געזוכט מיינעם. אינגעבאָרג האָט אַ קוש געטאָן מיין אויער, ווען איך בין געזעסען ביי דער פּיאַנאָ און קאַרל האָט עס ניט געקענט באַמערקען.

איך האָב ווידער דערהערט אינגעבאָרגס אַמאָליגע שטימע, איך האָב ווידער דערזעהן אינגעבאָרגס אַמאָליגע אויגען.

די נאַכט האָט געהאַלטען אין פאַרשווינדען.

דער האָהן האָט זיך צוקרעהט. מיר האָבען זיך צוקייכט פאַר געלעכטער, אָבער קיינער פון אונז האָט ניט געקענט ער־קלערען, פאַר וואָס מיר האָבען זיך צולאַכט. דער האָהן האָט געקרעהט ווי אַלע געוועהנליכע העהנער.

איך האָב זיך אויפגעשמעלט :

— פריינד — האָב איך זיך אָנגערופען — הערט מיך אוים ! איך וויל זיך ווענדען צו אייך מיט אַ פאָרשלאַג. איהר זייט דאָך פריינד, דו, אינגעבאָרג און דו, קאַרל, און איך וויל, אַז איהר זאָלט זיין ברודער און שוועסטער. אויב איהר זייט איינשטימיג, זאָגט זיך „דו".

אינגעבאָרג האָט זיך פאַרלאָרען. איהר בליק האָט גע־פלאַמט.

קאַרל האָט מיר געדאַנקט און געזאָגט, אַז זיי ווילען עס פּרואווען צו טאָן.

און אינגעבאָרג האָט געענטפערט „יא" און אַ שמייכעל געטאָן.

— גרויסאַרטיג ! — האָב איך אויסגעשריען — טאָ צו־קושט זיך !

איך האָב זיך צולאַכט. שטיל איז געוואָרען אין צימער.

אינגעבאָרג האָט אַ קוק געטאָן אויף קאַרל'ן. איך האָב דערקענט דעם בליק. ערגעץ האָב איך איהם אַמאָל געזעהן ;

— יא, דאָס איז געווען אויפ׳ן באַרג אין יענער צייט, ווען עס האָט געבלאָזען דער ווינד.

— נו, צוקושט זיך שוין!

צאַרט האָט קאַרל גענומען אינגעבאָרגס קאָפּ אין זיינע הענד און געקוקט אויף איהר. ער איז געווען בלייך און זיינע אויגען האָבען געלויכטען. ער איז געווען שעהן אין זיין פאַרלאָרענ־הייט און אין דערזועלבער צייט פּייערליך. דאָס איז גע־ווען קאַרל׳ס אמת געזיכט. ער האָט אַ קוש געטאָן אינגעבאָרג אין די ליפּען. אינגעבאָרג איז רויט געוואָרען. זי האָט פאַר־מאַכט די אויגען.

דערנאָך האָבען זיי ביידע זיך געפיהלט פאַרלאָרען און אנשוויגען געוואָרען.

אָ, ס׳אַרא קינדער זיינען זיי געווען!

— מען דאַרף אריינשטעלען נייע ליכט, — האָט אויפגע־רעגטערהייט געזאָגט אינגעבאָרג, און קאַרל האָט זיך אָנגעגאָ־סען אַ פול גלאָז און אין אויפרעגונג עס אויסגעטרונקען פאַר מיין געזונד.

אביסעל שפּעטער האָב איך געהייסען איינשפּאַנען דעם עקיפּאַזש און מיר זיינען אוועקגעפאָהרען אין וואלד אריין. עס האָט גענומען טאָגען.

אינגעבאָרג האָט געשוויגען. איהר האָט געצויגען צום שלאָף און זי האָט פארמאכט איהרע אויגען.

— ביזט פאַרמאַטערט, אינגעבאָרג? — האָב איך גע־פרעגט.

— ניין, — האָט געענטפערט אינגעבאָרג, — איך בין ניט מיעד.

זי האָט אַ שמייכעל געטאָן, אַראָפּלאָזענדיג די אויגען־דעקלעך.

אינגעבאָרג וואַנדעלט אַרום אין וואלד מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און מיט פאַרשלאָפענע אויגען. ווען איך רוף זי, ציטערט זי אויף און שמייכעלט צו מיר.

— וועגען וואָס טראַכסטו, אינגעבאָרג?

— אינגעבאָרג שמייכעלט און געהט אוועק.

— כ׳וועל עס דיר ניט זאָגן, אקסעל — ענטפערט זי און שמייכעלט.

.22

אינגעבאָרג האָט געזונגען און געפּלוידערט. ווידער א מאָל האָט זיך געהערט אינגעבאָרג׳ס אמאָליגע שטימע. איך האָב געהערט גיכע טריט אין קאָרידאָר, — דאָס זיינען געווען אינגעבאָרג׳ס אמאָליגע טריט. אינגעבאָרג איז געגאנגען דורך דער לאָנקע, איך האָב אויסגעשריען איהר נאָמען, זי האָט זיך אומגעקוקט, — דאָס איז געווען אינגעבאָרג׳ס אמאָליגער בליק.

איך בין געווען גליקליך, פּונקט ווי איך בין עס געווען זומער. אָבער דאָך איז טיילמאָל מיך באפאלען, אָהן וועלכען עס איז גרונד, א טיפער טרויער. איך האָב אלץ געמיינט, אז דאָס איז פארבליבען פון יענער נאכט, אָבער איך בין שוין ניט געווען אזוי געזונד, ווי דאמאָלט. שפּעטער האָט נאָך עפּעס פּאסירט. דאָס איז געווען ארום מיטאָג־צייט.

איך בין געגאנגען איבער׳ן פּארק און געזוכט קארל׳ן און אינגעבאָרג. זיי האָבען געוואָלט אביסעל זיך שיפען אויפ׳ן טייך.

קארל האָט געענדיגט זיין ארבייט; ער איז קיינמאָל ניט מיער געוואָרען צו אמוזירען זיך, און אויך ניט צו ארבייטען. שטענדיג איז ער געווען אין באוועגונג, פאר עפּעס זיך גע־דאגה׳ט; זיין געלעכטער האָט געקלונגען הארציג און הויך. דאָס קינד, וואָס לעבט אין דער נשמה פון דעם פּאָעט, האָט בא־הערשט איהם אין אזוינע טעג.

איך בין געגאנגען איבער׳ן פּארק. איך וויים ניט פאר־וואָס איך בין עס געווען אין א שלעכטער שטימונג. איך האָב מיט א מאָל ענטדעקט, אז דער הערבסט איז שוין אָנגעקומען. עס האָבען זיך שוין געזעהן פארוועלקטע בלעטער. די שפּיצען פון די ביימער זיינען געווען אזוי געדיכט, אז מען האָט דורך זיי בלויז געקענט זעהן די קליינע פינקעלדיגע שטערענדלעך אין

הימעל; די בוימער האָבען זיך צעוואַקסען אין זייער פולער קראַפט.

אַ שווערער, דומפּפער ריח האָט זיך געטראָגען פון די בוימער; עס האָט געשמעקט מיט'ן ריח פון מתים.

אונאויפהערליך האָט גערוישט דער פּאַרק. דאָס איז שוין געווען דער גערויש פון הערבסט, אַ שטילער, מידער, איינ־טאָניגער.

דער פויגעל האָט געזונגען אין זיין נעסט, דער קוואל האָט גערוישט. דאָס זיינען געווען שטילע, טרויעריגע קלאַנגען; עס האָט אַזוי געקלונגען, ווי דער פויגעל וואָלט געווען איינזאַם, וואָלט געווען אליין און פאַרלאָזען אין דעם פּאַרק. דער הערבסט איז אריינגעדרונגען אין דעם בלוט פון דעם פויגעל און דער פויגעל האָט ניט געוואוסט וועגען וואָס צו זינגען.

איך בין צוגעגאַנגען צום טייך. אינגעבאָרג און קאַרל זיי־נען נאָך ניט געהאַט געווען אָנגעקומען; דאָס שיפעל, אַ טרו־קענעס נאָך, איז געלעגען אויפ'ן ברעג. איך האָב זיך פאַרדרעהט אין אַ שמאָל שטעגעל, וואָס איז געווען באַוואַקסען מיט מאָך, טראַכטענדיג, וואו קענען זיי זיין. מיטאמאָל האָב איך דער־זעהן אינגעבאָרג'ס קלייד פון אונטער אַ קוסט. איך האָב זיך דערפרעהט. „זיי זיצען אין דער הייל", האָב איך געזאָגט צו זיך און מיט גיכע טריט זיך געלאָזען אַהין.

אין פּאַרק איז געווען אַ הייל. נעבען דער הייל איז גע־ווען אַ קליין טייכעל, אין וועלכען עס פאַלען פון צייט צו צייט טראָפּענס. אַ שטילער קלאַנג פלעגט זיך הערען אין טייכעל און אין דער הייל פון די טראָפּענס. דאָס איז געווען אַ הער־ליכע מוזיק, פול מיט צויבער, וואָס האָט אויפגעוועקט אין יעדען אַ טיפען געפיהל פון טרויער, ווען מען האָט זי געהערט; הערענדיג זי, האָט מען זיך שטענדיג געמוזט פאַרטראַכטען איבער די געהיימניסען פון וועלט און לעבען.

איך בין געווען אַזוי צופרידען, וואָס איך האָב זיי ביידע באַגעגענט, זיי ביידען, וועמען איך האָב אַזוי ליעב געהאַט. פאַרוואָס־זשע האָט מיטאמאָל אָנגעהויבען אַזוי צו קלאַפּען מיין האַרץ?

איך האָב געהערט אינגעבאָרג'ס שטימע. זי האָט עפּעס

געזאָגט אַ פּאָר ווערטער. אָ, ווי אַנגענעהם עס איז געווען צו הערען די שטימע פון דער געליעבטער אין דער שטילקייט פון פּארק!

שטיל האָב איך זיך דערנעהנטערט: אפשר וועט זי ווידער אַ מאָל אָנהויבען רעדען?

זי האָט ווידער אַ מאָל אָנגעהויבען רעדען. מיר האָט זיך געדראכט, אַז זי האָט וועגען עפּעס געבעטען.

איך האָב דערהערט מיין נאָמען. שטארק האָט מיין הארץ אָנגעהויבען קלאַפּען. איך האָב אַ שמייכעל געטאָן. איך בין געשטאַנען ניט ווייט פון זיי און זיי האָבען ניט געוואוסט, אַז איך שטעה דאָ. ווי אַנגענעהם איז געווען צו הערען איהרע ווערטער, באזונדערס די, וואָס זי האָט גערעדט וועגען מיר. איך האָב געוואָלט ארויסטרעטען פון אונטער די קוסטעס, ווי דער מכשף אין אַ מעשה׳לע, און זאָגען: — פונקט דאָס זעלבע מיין איך אויך, — אָדער עפּעס עהנליכעס. און איך האָב זיך געפרעהט, פאַרשטעלענדיג זיך זייערע פארוואונדערטע פנים׳ער און איהר געלעכטער.

איך האָב געהערט דעם קלאַנג פון די טראָפּענס, וואָס זיינען געפאַלען. דערנאָך האָט אינגעבאָרג אָנגעהויבען צו רעדען און מיטאמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז זי רעדט דאָס ערגעץ ווייט. און איך בין דאָך געשטאַנען בלויז איינינגע טריט פון איהר. איך האָב געזעהן אינגעבאָרג׳ס נאַקען, דעם שנור קאָראַלען, איך האָב געזעהן קארל׳ס הוט און דערביי אַ ביינינגע, דארע האנד, וואָס האָט צוגעדריקט דאָס גראָז; קארל׳ס האנד.

— וואָס־זשע טראַכסטו? — האָט גערעדט אינגעבאָרג — האָסטו דען מיך ניט ליעב?

א טראָפּען איז געפאַלען.

און מיט אַן ערנסטער שטימע האָט קארל געענטפערט:

— איך טראַכט פון אַקסעל׳ס נאָבעלען הארץ און וועגען דער שווערער אויפגאַבע פון מיין לעבען.

מיינע אויגען־דעקלעך האָבען זיך פארמאַכט און ווי פון האָלץ זיינען געוואָרען מיינע הענד.

אַ לאַנגע צייט איז פאַריבער און ווידער האָט אינגעבאָרג אָנגעהויבען נאָך שטילער ווי פריהער צו רעדען: וואָס בלייבט

מיר צו טאָן? קאַרל, קאַרל, גיב אַן עצה! איך קען שוין מעהר ניט ליידען. אָהן צווייפעל, איך האָב ליעב אַקסעל'ן, אָבער...

מיר איז געלונגען מיט מיינע אָפּגעשוואַכטע הענד צו פאַר־שטעקען מיר די אויערען. מיט אַ טעמפּען געריוש זיינען געווען פול מיינע אויערען, ווי איך וואָלט געשטאַנען נאָהענט פון אַ דאַמף־קעסעל. שטיל און פאָרזיכטיג האָב איך צוריקגעטראָטען אויף די שפּיץ פינגער, כמעט טאַנצענדיג אויף דעם ווייכען־גלאַטען מאָך. מיינע ציין האָבען געקלאַפּט; ווי אַ מעסער האָט דער טרויער דורכגעשטאָכען מיין האַרץ.

— וואָס בלייבט מיר פאָרט צו טאָן? קאַרל, קאַרל, גיב אַן עצה.

איך האָב גענומען גיכער לויפען; איך האָב דערגרייכט די גרויסע אַלעע. אין די בוימער האָט דער ווינד געוועהט.

אָ, ווי קאַלט איז דער ווינד געווען!

— וואָס בלייבט מיר פאָרט צו טאָן? קאַרל, קאַרל!

איך האָב געוואָלט זיך באַגעגענען מיט'ן טויט. איך בין געלאָפען, וואַקלענדיג זיך, ווי אַ שכור און איך האָב געזיפצט; איך האָב נאָך אַלץ געהאַלטען פאַרשטעקט מיינע אויערען.

און אָט ליעגט אַ מענש ביי נאַכט און קען ניט איינשלאָפען. ער וואַרט, צי עס באַוועגט זיך ניט די טיר. פריהער האָב איך וועגען דעם בלויז געאַהנט. איצט ווייס איך עס שוין.

עס איז פאַרביי אַ לאַנגע צייט און זיי האָבען זיך אומגע־קעהרט: אינגעבאָרג און קאַרל.

— מיר האָבען געהאַט אַ הערליכען שפּאַציר, — האָט גיך געזאָגט אינגעבאָרג. — ניט אמת, קאַרל?

קאַרל האָט גאָרנישט געענטפערט.

מיט ליגען און פאַלשקייט האָט געקלונגען אינגעבאָרג'ס שטימע, אַ געהיימניס איז געווען פאַרבאָרגען אין קאַרל'ס שווייגען.

איך האָב זיך באַהערשט און אַ שמייכעל געטאָן.

— איהר מוזט שוין זיין געווים הונגעריג. קומט! — האָב איך געזאָגט.

איך בין געגאַנגען פאָראויס און זיי האָבען מיר נאָכגע־פאָלגט: אינגעבאָרג און קאַרל...

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז קאַרל אַוועקגעפאָהרען; עס האָט ניט געהאָלפען מיין בעטען. — איך מוז, אקסעל! — איך האָב איהם ניט אָפּגעהאַלטען מעהר. איך האָב איהם ליעב געהאַט. אינגעבאָרג איז געווען בלייך און שווייגענדיג האָט זי איהם באַגלייט.

אראָפּגענומען איז שוין די תבואה פון די פעלדער; עס ווערען שוין שווארץ די לאָנקעס. די זון בלענדט נאָך, אבער א לייכטער ווינט וועהט אונאויפהערליך פון טאָל און צושפּרייט די זון־שטראַלען.

„די זון לעשט זיך, עס קומט דער הערבסט, באלד וועלען קראַקען די ראָבען“, טראַכט איך ביי זיך. און אין די גערטנער־קען שטעל איך מיר פאָר, ווי עס פאַלט א שניי.

שווער איז אין הויז, עס ווילט זיך א ביסעל דורכגעהן אויף דער לופט. עס פריהרען די הענט און די פיס, א קעלט לויפט דורך דורך דער פלייצע.

א טיעפע שטילקייט האָט זיך איינגענעסט ביי אונז, בלויז דאָס טיקען פון דעם זייגער הערט מען ווען מען געהט אריין צו אונז.

אינגעבאָרג זיצט ביים פענסטער און קוקט אויפ׳ן וועג, וואס פיהרט אין דאָרף אריין.

אויף דער לאָנקע, וואס איז פאַר׳ן הויז, שטעהט א בירקען־בוים, א נייע באנק; אבער דאָס איז אַן אנדער בוים, אַן אנדער באנק.

שמייכלענדיג זאָג איך צו אינגעבאָרג:

— ווי שטיל איז ביי אונז, ליעבע אינגעבאָרג!

— יא, זעהר שטיל, — ענטפערט אינגעבאָרג און שמייכ־לענדיג וואַרפט זי א בליק אויף מיר.

איך געה אוועק. מיר טוט וועה דער שמייכעל.

אזוי געהט פאַראיבער א טאָג.

אינגעבאָרג זיצט ביים פענסטער און קוקט אויפ׳ן וועג, וואס פיהרט אין דאָרף אריין.

איך זעץ זיך צו צו איהר און זאָג:

— ווי עס פעהלט אונז קארל! ס'אַרא ליעבער מענש! ווי שעהן איז ער געווען, ווען ער האָט געפיהרט די פערד! ווי א גריכישער קוטשער איז ער געשטאַנען אויף דער בריטשקע און מיט דער בייטש געקנאַלט איבער די פערד און געשריען. די פערד האָבען זיך געשראָקען און זיינע לאַנגע, שעהנע האָר האָט ז'ער ווינט צוואָוועהט ארום זיין שמייכלענדען, באַצויבערנדען פנים.

אינגעבאָרג שמייכעלט און קוקט ארונטער אויף דעם שוואַרצען בוקאַווען וואַלד, וואס באַוועגט זיך לייכט און שטיל.

— זאַנדערבאַר איז ער געווען און זאַנדערבאַר איז געווען אַלץ, וואס ער האָט געטון. געדענקסטו, ווי ער האָט אין דעם ערשטען אווענט געזאָגט, אז לויט זיין מיינונג, זיינען פרויען אויסערגעוועהנליך גוטע וועזענס? און ער האָט גערעדט וועגען אַן ארעם מיידעל, וואס האָט איהם געשאָנקען א האַלז־טוך. וואס זאָל דאָס באַדייטען? און אין דער זעלבער צייט האָט ער אָנגעשריבען צוועלף געזאַנגען אין פערזען, — אַן אמת'ן דיפיראַמב צו דער פרוי, כאַ־כאַ!

— יאַ, דו ביסט גערעכט, ער איז געווען זאָנדערבאַר. וואס איז ער אין אמת'ן געווען? איך האָב קיינמאָל ניט געהערט, אז ער זאָל זיך אויף עפּעס באַקלאָגען; אויף זיין פּנים איז קיינמאָל ניט געווען קיין סימן פון אומצופריעדענהייט. דאָך האָט ער טיעף געליטען. שטענדיג איז ער פרעהליך און פרייגעביג געווען.

אויף דעם ענטפערט אינגעבאָרג, אויפהויבענדיג פּיעל באַדייטענד די ברעמען:

— ער איז א חכם און אין דער זעלבער צייט א קינד. אָ, ער איז א פאָלקאָמענער מענש! אין זיינס א בוך האָב איך געפונען פאָלגענדע שטעלע: „דו דאַרפסט ליידען ביז פאַרצווייפלונג און לאַכען ביז משוגעת, ניט ווערענדיג פאַרצווייפעלט און משוגע.” די שטעלע זאָגט פיעלעס וועגען איהם.

און אינגעבאָרג שמייכעלט און קוקט אויפ'ן וועג. א קליינער קנייטש באַווייזט זיך צווישען איהרע ברעמען. איהרע אויגען־דעקלעך זיינען האַלב פאַרמאַכט.

איך געה אוועק. דער קליינער, אָנגעשטרענגטער קנייטש צווישען די ברעמען צורייסט מיר דאָס הארץ.

אזוי געהט פאראיבער א טאָג.

בלייבער ווערט אינגעבאָרג און א זאָנדערבארער גלאנץ באווייזט זיך אין איהרע אויגען. ווען־זשע האָב איך עס געזעהן אָט דעם גלאנץ און אָט דעם פארגליווערטען אויסדרוק פון גע־זיכט?

איך עראינער זיך: דאמאלסט, אויפ'ן בארג, אין יענעם אווענט, פאר אונזער ערשטען קוש.

עפּעס אזוי זאָנדערבאר שמייכעלט אינגעבאָרג און זאָגט:

— ווייסטו פון וואנען האָט די רויטע ליליע א פייער קאָ־ליר און פאר וואס זינגט דער שווארצער דראָסעל?

— ניין, איך ווייס עס ניט ווי אזוי זאָל איך וויסען פון וואנען עס קומט צו דער רויטער ליליע איהר פייער קאָליר און פאר וואס עס זינגט דער דראסעל? איך האָב זיך דערמיט קיינמאָל ניט באשעפטיגט.

— אבער קארל ווייס!

— קארל ווייס! בין איך דען א פּאָעט? ניין! אבער קארל איז יא א פּאָעט און דערפאר, פארשטעהט זיך, דארף ער עס וויסען.

אינגעבאָרג ווארפט איהר בליק פארביי מיר צום וועג, וואס פיהרט צום דארף און זאָגט:

קארל האָט באשאפען א נייע לעהרע וועגען אונשטערבליכ־קייט. און אין וואס פאר א גרויס ליכט זעהט ער דעם מענש! מיר האָט ער וועגען דעם געזאָגט, און קיינעם מעהר.

— און ווייסטו, מיט וואס ערקלערט זיך דאָס געפיהל פון סימפּאטיע און אנטיפּאטיע? ער האָט גערעדט וועגען גע־שלעכטליכע טיפען, וועגען דעם, אז...

— וואס ווייס איך וועגען דעם אלעם?

דער טאג האלט אין פארגעהן, פון מאָל ווערט א ווינט. מיט העל געלע פלעקען זיינען באדעקט די וועלדער. אן איין־איינציגער בוים פון א רויט פייערדיגע קאָליר שטעהט אין דער ווייטען, צווישען דעם גרינעם וואלד.

פארטראכטערהייט שלעפ איך זיך ארום. איך געה אריין

אין שטאל און קוק אויף די ארבייטער. איך פארציה מיט זיי א געשפרעך.

אינגעבארג! אינגעבארג! מיט יעדען טאג געהסטו אלץ ווייטער אוועק פון מיר. אין גיכען וועל איך דיך שוין אין גאנצען ניט זעהן. מיט יעדען טאג קלינגט דיין שטימע אלץ ווייטער; עס וועט קומען א טאג, ווען איך וועל שוין דיך אין גאנצען ניט הערען. אויף א פרעמדער שפראך וועסטו רעדען!

א גרויסער טרויער וויל פארדונקעלען מיין הארץ. א, אינגעבארג, אינגעבארג!

איך שלעפ זיך אלץ ארום. איך נעהם ארום א בוים און זאג צו איהם:

— א, אינגעבארג!

איך שלעפ זיך ארום דא און דארט. איך קען זיך אפילו אויף א ווײלע ניט צוזעצען. איך בייס זיך די ליפען. א שרעק באפאלט מיך אמאל אזוי שטארק, אז דאס הארץ אין מיר שטארבט אפ. מיין פנים איז אזוי ווי פארשטיינערט געווארען. איך האב אזא געפיהל, ווי ביי מיר וואלטען זיך אונטערגעגראבען די קני. — אט וואס איך פיהל צייטענווייז.

אונאויפהערליך פלאגט און קוועלט מיך עפעס, איך פיהל עס, איך הער עס, — ארום מיר און אין מיר.

איך קען ניט שלאפען. שטענדיג ליעג איך מיט אפענע אויגען. אין מיין קאפ טראגען זיך ארום געדאנקען. ערשט אין דער פריה דרימעל איך איין. מיר חלומ'ט זיך, אז איך וויין. איך הער מיין יאמערען און איך ערוואך; מיינע אויגען זיינען טרוקען, נאר עפעס וויינט אין מיר. איך בין פארוואונדערט און דערשראקען. — עפעס יאמערט אונאויפהערליך אין מיר.

איך זעה שלעכט אויס. איך זעה אויס פארעלטערט. איך פיהל, ווי אינגעבארג'ס בליק שטעלט זיך אפ אויף מיין פנים. איך פיהל, אז זי באדויערט די ווערטער, וואס זי האט אמאל געזאגט וועגען מיין פנים. איך פיהל עס.

איך רעד מיט אינגעבארג. איך מיה זיך צו זיין אזוי מילד, ווי מעגליך.

— און געדענקסטו, ווי מיר זיינען געזעסען אונטער'ן אפעל־בוים, — ער האט דאמאלט געבליהט?

אינגעבאָרג שווייגט.

— איז ניט שעהן דאמאלט געווען דער זומער, אינגע־באָרג?

— יא, שעהן ענטפערט אינגעבאָרג מיט א מידער, פאר־מאטערטער שטימע, און וועלכער עס פיהלט זיך אן אויפגע־רייצטקייט.

ביטער האָט דאָס מיר א שטאָך געטאָן.

איך געה אוועק. איך שלעפּ זיך ארום.

דאָ און דאָרט שלעפּ איך זיך ארום, אומעטום שטעל איך זיך אפּ; ווארף זיך דורך מיט א פּאר ווערטער מיט דער די־נערשאפט.

— גוט זיך אויסגעווארעמט היינט אויף דער זון? — זאג איך דער אלטער מארי, וואס זיצט ביים פענסטער און שטריקט א זאָק. איך רעד מילד, מיט א ציטערדיגער שטים, ווי איך וואָלט געדעדט מיט מיין מוטער. דאָס איז זעהר זאָנדערבאר.

— יא, היינט איז ווארעם. איידער מען וועט זיך אבער נאָך ארומקוקען וועט אָנקומען דער ווינטער. — איהר ווייזט זיך אויס, אז היינטיגען יאהר וועט דער ווינטער אָנקומען פריי־הער ווי געוועהנליך.

— איך מיין אויך אזוי, — ענטפער איך. — איך מיין, אז היינטיגען יאהר וועט זיין זעהר א שווערער ווינטער.

— וואס איז דאָרט פאר א פויגעל? — ער זעהט אויס אזוי טרויעריג. קען ער ניט זינגען?

— ניין, ער קען ניט זינגען.

זי האָט געהאט א קאנאריק, איז ער געשטארבען. ער איז אודאי געשטארבען פון שרעק פאר דער קאַץ. ווען זי וואלט עס וויסען, וואלט זי די קאַץ אין דער שטוב ניט אריינגעלאָזען. איהר איז אבער שווער צו זעהן א ליידיג שטייגעל. ביז זי וועט ניט קריגען קיין נייען קאנאריק, וועט זי האלטען אָט דעם פויגעל.

— הער זיך איין, — זאג איך — שענק מיר אָט דעם פויגעל. איך וועל דיר קריגען א קאנאריק. די פויגעל זיינען שוין פון לאנג צוגעוועהנט צו שטייגלעך און צו זינגען.

— גוט. — איך נעם דאָס שטייגעל און געה צו אינגעבאָרג.

אינגעבאָרג זיצט ביים פענסטער און קוקט אויפ׳ן זון־פארגאנג.

פלאַמענדיג דערברענט צאַרט אין מעריב דער טאָג. די וואָלקען ציטערען אויפ׳ן הויכען הימעל, פונקט ווי אין א פריהלינגס־טאג. א ווארימקייט פיהלט זיך אין דער לופט, עס טראגען זיך קלינגענדיגע קלאנגען, ציטערנדיגערהייט טראגען זיי זיך פון טאָל.

— זעה נאָר, — זאג איך.

— אָ! — שרייט אוים אינגעבאָרג.

— אָט דער פויגעל איז באשטימט פאר׳ן וואלד און נישט פאר א שטייגעל, אינגעבאָרג — ניט אמת?

מיט ליעבע און מיט א שמייכעל, וואס דריקט אוים מיט־געפיהל קוקט אינגעבאָרג אויף דעם פויגעל, פונקט ווי זי וואלט געקוקט אין די אויגען פון א וויינענדיגען קינד. ביים פויגעל איז דאָ א רויטע ברוסט צו וועלכער ער האָט צוגעלעהנט זיין קלוג קעפעל. זיינע אויגען זיינען שווארץ ווי יאגעדעס און קוקען דערשראקען.

איך וויל עפעס זאגען, נאָר איך קען ניט.

אויף דער לאַנקע ניט ווייט פון דעם קליינעם בירקען־בוים שטעהט אַן אלטער ארבייטער, ער שרייט עפעס צו א פויער, וואס שטעהט אויפ׳ן וועג. ער דערצעהלט איהם עפעס וועגען א יום טוב. ער לאכט און מאכט מיט די הענט אזוי, ווי ער וואָלט געוואלט מיט עמיצען אַנהויבען א געשלעג.

— אָט דאָס ארעם פויגעלע וואלט זעהר גערן אוועקגעפלויגען, — זאג איך.

אינגעבאָרג טראכט, וואס וויל ער אזוינס זאָגען? זי קוקט אויף מיר און איהרע אויגען־דעקלעך ציטערען.

— גיב א קוק, אינגעבאָרג, ווי איך בעגעה זיך מיט אזוינע פארשפארטע פייגעלעך.

איך עפען דאָס שטייגעל. דאָס פויגעלע שטעהט אויף דער שוועל פון דעם טירעל און עפעס זוכט עס, דרעהענדיג מיט׳ן ארויסגעשטעקטען קעפעל, אויף רעכטס און אויף לינקס. עס גלויבט ניט, ג׳ז מען קען אונגעשטערט אוועקפליהען.

עס קוקט אויף דער ברייטער וועלט און מיט אמאָל גיט עס א מאך מיט די פליגעל.

איך שמייכעל.

— עס וויל נימ אוועקפליהען אין גאנצען. אָבער די טי־רען זיינען דאָך געעפענט. איך בין ניט אויף אזוי פיעל גרוי־זאם, אז איך זאל זיי פארהאקען.

— פליה, קליין פויגעלע, פליה!

עס שפּרינגט אראפּ פון דער שוועל פון דעם שטייגעל און צושפּרייט די פליגעל.

דער פויגעל פליהט צו דעם קליינעם בירקען־בוים, לאָזט זיך אויף איהם ארונטער און נעהמט צוויטשערען. דערנאָך הויבט עס זיך ווידער אויף אין דער הויך, לאָזט זיך ארונטער אין טאָל און איז פאר׳שכור׳ט פאר פרייד. אויפ׳ן וועג בעגע־גענט עס א פּאר שוואלבען; דער פויגעל האָט, הפּנים, עפּעס א געשריי געטאָן צו זיי, ווייל די שוואלבען האָבען מיט אמאָל איבערגעביטען זייער ריכטונג און א געוויסע צייט באגלייט דעם פויגעל.

איך האָב ניט גענוג קרעפטען צו וואגען א קוק טאָן אינ־געבאָרג׳ן אין די אויגען, נאָר איך קוק נאָך דעם קליינעם פוי־געל, וואס האָט זיך נאָר וואס באפרייט פון דער שטייג. אָט זעהט שוין דער פויגעל אויס, ווי א שמעטערלינג, וואס טראגט זיך אויפ׳ן צופלאמטען הימעל.

שפּעטער איז עס ניט מעהר ווי א פּינטעלע וואס ציטערט אויפ׳ן טאָל, טאַנצענדיג ארויף און ארונטער.

— זעהסט דאָך, איך בין ניט אויף אזוי פיעל גרויזאם, אז איך זאָל עס ניט פריילאָזען. איך פרעה זיך מיט זיין פרייד.

אין דעם מאָמענט האָט זיך מיין בליק באגעגענט מיט אינ־געבאָרג׳ם בליק. זי האָט פארשטאנען.

זי קוקט אויף מיר און איך זעה, אז זי וואלט מיט עפּעס געוואלט אויסדריקען איהר דאנקבארקייט. אָבער זי וואגט ניט.

זי קוקט בלויז אויף מיר.

מיר גיבען זיך איינער דעם צווייטען די הענט.

פאר׳ן הויז רעדט נאָך אלץ דער ארבייטער מיט׳ן פויער וועגען דעם יום טוב.

איך הער זיינע רייד, פארשטעה אלץ, כאָטש מיין הארץ ווערט צוריסען אויף שטיקער.

24

און די נאכט בין איך געלעגן אן אויסגעצויגענער אין מיין צימער און ניט באוועגט זיך. איך בין געלעגן, געקוקט אויפ'ן באלקען און ניט באוועגט זיך.

פלוצים האָט זיך עפּעס אונטערגע'גנב'עט, א רויש געטאָן. שטיל האָט זיך איינגעבאָרג ארונטערגעלאָזען פאר מיר אויף די קני.

זי האָט מיך ארומגענומען און געקושט; זי האָט געקושט מיין פּנים, האלז, די הענט מיינע. זי האָט געוויינט, איך האָב איהר געוויין ניט געהערט, איך האָב געפיהלט איהרע טרערען. זיי האָבען פייכט געמאכט מיין פּנים, האלז, די הענט מיינע.

מיר איז געווען אזוי גוט, אזוי גוט. איך בין איהר דאנקבאר געווען. איך בין געווען פרעהליך, — גליקליך בין איך געווען. „נאָך, נאָך", האָב איך געטראכט.

מיט אמאָל האָט זי ארויסגעמורמעלט: — איך, פארשטעהסט זיך, נעדענק וועגען דעם, ווי מיר זיינען געזעסען אונטער דעם בליהענדען עפּעל בוים. אלץ, אלץ געדענק איך, אקסעל. איך וועל גאָר נישט פארגעסען, גאר נישט!

און זי האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען אונזער פריהלינג, וועגען אונזער זומער, — אלץ, ביז צו דער קלענסטער איינצעלהייט.

און אזוי גוט און אזוי לייכט איז געווען אויפ'ן הארצען.

25

א נייער מאָרגען איז אויפגעשטאנען, — ער האָט געמוזט קומען, די זון האָט געמוזט זיך באווייזען.

די זון געהט אויף און די פענסטער פון שלאָס לויכטען, אזוי ווי זיי וואלטען געווען באלויכטען פאר א יום טוב.

עס פיהלט זיך א פרישקייט, דער נעבעל לייגט זיך אויס אין טאָל. מיט פייכטקייט שמעקט פון וואלד; עפּעס גלאנצט און ווי מיט פערל באדעקט דער טוי דאָס גראז. שפּינוועבפעדים הענגען אויף די קוסטעס און צווישען די שטענגעלעך און אויף יעדען שפּינוועב ציטערען רונדע טראפּענס טוי, ווי אין א דין־אויסגעהעפּטעטען וויגעל.

עס דערהערט זיך א געקלאפעריי, עס פאָהרט צו א בריטש־קע. איך געה ארויס פון הויז. פּאצאַ געהט מיר נאָך. איך רעד מיט׳ן קוטשער. די דיענער שלעפּען דעם באגאזש.

אַט קומט פון די טרעפּען ארונטער אינגעבאָרג; זי ציהט ארויף איהרע האנד־שוה. זי טראָגט א ברייטען הוט און דאס ווארפט זיך אין די אויגען דערפאר, וואס זי האָט דעם גאנצען זומער ניט אָנגעטאָן קיין הוט. אין דעם הוט און אין דעם רייזע־אנצוג זעהט זי אויס אין גאנצען אנדערש. זי זעהט אויס ווי א פרעמדע.

— א גלענצענד וועטער, אינגעבאָרג, גוט אין אזא טאָג צו רייזען — זאג איך. איך שמייכעל: מיר ווילט זיך איהר גרינגער מאכען די לעצטע מינוט.

אין אינגעבאָרג׳ס אויגען שטעהען טרערען.

— זיי מוחל, זיי מוחל — מורמעלט זי, בעטענדיג מיך מיט די אויגען.

— בארוהיג זיך, אינגעבאָרג!

— איך קען ניט אנדערש. אזוי איז שוין מיין מזל.

— איך פארשטעה עס אויסגעצייכענט.

— די פערד קלאפּען אונגעדולדיג מיט די פיס. פּאצאַ בילט און לויפט ארום דער בריטשקע. דער קוטשער האָט זיך אויסגעצויגען און איז גרייט צו לאָזען די פערד.

— זיי געזונד, אינגעבאָרג!

— אַ, אקסעל!

— גריס קארל׳ן!

— א דאנק, אקסעל!

— אויב דיר וועט זיך פארוועלען אמאָל מיך באזוכען, וויים, אז איך בין שטענדיג גערן דיך צו זעהן, דו ווייסט עס דאָך, אינגעבאָרג.

— געוויס, געוויס, איך וועל קומען צו דיר. אין גיכען קומען.

— אויב דו וועסט זיך ווען אפרוהען וועסטו אין ער־גענץ ניט געפינען קיין רוהיגערען ארט, ווי דאָ, — דו ווייסט עס דאָך.

— געוויס. לאָז פון זיך הערען, וואס גיכער, אקסעל.

— כ'וועל שרייבען.

גיך קנעפּעלט אָפּ אינגעבאָרג די האַנט־שוה און נעהמט זיי אַרונטער.

— זיי געזונד, אַקסעל!

— אינגעבאָרג, זיי געזונד!

מיר קושען זיך. איך שטעל זיך אויפ'ן טרעטער פון דער בריטשקע און אינגעבאָרג נעהמט מיך אַרום. אין די טויערען פון הויף שטעהען אַרבייטער און דיענסטען. זיי פאַרשטעהען גאָר נישט.

די פערד ריהרען זיך פון אָרט. די בריטשקע קלאַפּט איבער'ן וועג.

טרויעריג ברומט פּאַצאַ און ער בילט; ער קוקט אויף מיר.

— זיי געזונד, זיי געזונד!

אינגעבאָרג שטעהט אין דער בריטשקע און זי פאָכט מיט'ן טיכעל.

קלאָר זעה איך נאָך איהרע אויגען און דעם בעטענדען אויסדרוק פון איהר פּנים, וואָס זעהט זיך אַרויס פון אונטער איהר גרויסען הוט. גאָלדיג גלאַנצען איהרע לאָקען. נאָר אָט זעה איך שוין ניט מעהר איהרע אויגען, עפּעס ווייסעס וועהט פון אונטער איהר הוט. עס וועהט דאָס ווייסע טיכעל.

די בריטשקע פאַרדרעהט זיך אַן אַ זייט, ווערט אין גאַנצען קליין.

אַ ווייסע טויב פלאַטערט אויף אין וואַלד. אַ רייף האָט אַ גלאַנץ געטאָן, און מעהר זעהט מען גאָר נישט. בלויז וואַלד, וואַלד, וואַלד. —

פּאַצאַ קוויטשעט און בילט, שפּרינגט אויף מיר.

— פּאַצאַ!

גיך שפּרינגענדיג לויפט פּאַצאַ אַוועק אונטערן באַרג. איז דאָס ניט דער לעצטער גרוס?

— זיי געזונד, אינגעבאָרג!

איך פיהל עפּעס אַ בייגעשמאַק אויף די ליפּען.

אינגעבאָרג איז שוין מעהר ניטאָ.

אָט איז א מענש, ער הויבט זיך אויף אויף די טרעפּען אין הויז אריין. איין טרעפּ, א צווייטע — וויפיעל־זשע איז דאָ אין גאנצען טרעפּען? ער קוקט זיך ניט אום. ער בלייבט שטעהן ביי דער טיר, ער עפענט זי; שווער איז די טיר! ער קוקט זיך ניט אום. ער פארשווינדט אין הויז. ער געהט ווייטער אויף די טרעפּען, ער געהט דורך דעם לאנגען, ווייסען קאָרידאָר. ער שטעלט זיך אָפּ; זיינע אויגען מאכען זיך צו.

דער דאָזיגער מענש האָט פארלארען אלץ, וואס ער האָט געהאט. ער ווערט בלייך. צוויי ווערטער זיינען אויסגעקריצט אויף דער ווייסער טיר. ער קוקט אויף זיין צימער. דאס איז זיין צימער. אָט שטעהט ער שוין אויף דער שוועל און קוקט אויף זיין צימער און וואגט ניט אריינצוגעהן. ער וואגט ניט, ניין! דאָס צימער איז פּוסט.

יאמער, געלעכטער, פארצווייפלונג? יא? ניין! ניין! ניין! עס ציטערען די הענט, עס טרייסלען זיך די קני, — בלויז דאָס. די פארצווייפלונג איז אין מיר, טיעף אין מיר.

פארנעבעלטע בילדער טראָגען זיך איינע נאָך דער צווייטער אין מיין קאָפּ. איינע ווערט פארשוואונדען און ס'קומען אנדערע, אום צו פארשווינדען. זיי פארשווינדען.

איך זעץ זיך אויף א שטוהל. איך שמייכעל.

עפּעס א ביי־געשמאק פּיהל איך אויף די ליפּען. אדיע, אדיע! איך געזעגען זיך. טראָפּען טוי, בעטענדיגע אויגען, אַן ענטבלויזטע האנט... א שטימע.

די שטימע שוועבט איבער מיר, פּונקט ווי א געדאנק. איך שמייכעל. איך לאָז זיך ארונטער אויף די קני און נעהם ארום אינגעבאָרג.

אָ, וויפיעל פארצווייפלונג איז דאָ אין דעם שמייכעל, וואס שוועבט אויף איהר פּנים! און אין איהרע אויגען, וואס פלעגען שטענדיג בענקען! זיי געבענשט אויף אייביג, אינגעבאָרג! איך האָב דיך ליעב!

מיין הארץ איז שווער און פארנעבעלט איז מיין קאָפּ. אָ,

זי איז שוין מעהר ניטאָ. אַלץ וואס איך האָב פאַרמאָגט האָב איך פאַרלאָרען. איך שטעל זיך אויף, ווער שיער ניט משוגע. פאַר די אויגען — אַ פינסטערער תהום. אפשר פאַלען אויף דער ערד? אָ, ווען איך זאָל דאָס קענען! כאָטש אויף אַ ווײַלע וואַרפען זיך אויף דער ערד און צוימאַמערען זיך! ניין, איך טו עס ניט, איך שטעה גלייך. איך נעהם ארומשלעפען זיך, ארומוואַגלען. מיין וואַגלען האָט זיך אָנגעהויבען.

עס האָט אָנגעהאַלטען וואָכען, חדשים און אין דעם מאָמענט האָט עס זיך אָנגעהויבען.

געהן אין וואַלד? ניין, דאָרט איז זי. אפשר אין די ווייסע צימערען? וואו דען? אפשר גאַר אין קעלער? ניין, אויך דאָרט איז זי.

וואָס איז פון מיר געוואָרען, וואס איז מיט מיר געוועזן, וואס האָט געקענט פון מיר ווערען, ווען זון, גליק, שעהנהייט און רייכטום האָב איך געהאַט פאַרלאָרען? אדיע, גליק מיינס!

ניין, איך האָב זיך ניט געוואָרפען אויף דער ערד, איך האָב ניט געיאָמערט, ניט צוריסען זיך דאָס פנים מיט די נעגעל. ניין, אזוינס האָט ניט פאַסירט. איך האָב צוריסען מיין נאָזטיכעל אויף שטיקלעך, דאָס האָב איך יאָ געטאָן.

איך האָב ארומגעוואַגלט; אָ, ווען איך וואָלט כאָטש געקענט ארומגעהן!

אויפ'ן וועג האָבען זיך געזעהן צייכענס פון רעדער און פון פערדישע טריט. צייכענס פון פיס. איך האָב געפונען אן אפדרוק פון מיין פוס און פון איהר פוס. אויפמערקזאַם האָב איך זיי גענומען באטראכטען. איך בין אוועקגעגאַנגען. מאָרגען וועט מען שוין ניט זעהן מעהר אינ'ם זאַמד די דאָזיגע טריט. זיי האָבען זיך איינגעגעסען אין מיין זכרון די דאָזיגע טריט; אפטמאָל האָב איך זיי געזעהן אין חלום. איך בין אוועק אין וואַלד און לאַנג דאָרט שווייגענדיגערהייט געשטאַנען. זיי געזונד, זיי געזונד — איך האָב זיך נאָך אַלץ געהאַלטען אין איין געזעגענען.

איך האָב זיך אומגעקעהרט אהיים, ווידער אַמאָל ארויסגעגאַנגען, ווידער געבליבען שטעהן ביי דעם קליינעם צייכען אין זאַמד.

די בריטשקע האָט זיך צוריקגעקעהרט, דער קוטשער איז ארויסגעשפרונגען; עס איז געקומען אן ארבייטער און אויס־געשפאנט די פערד.

איך האָב געפרעגט דעם קוטשער:

— וואו איז פּאַצאַ?

דער קוטשער האָט איהם מעהר ניט געזעהן. צום לעצטען מאָל האָט ער איהם געזעהן אויפ'ן באהנ־הויף. ווייס דער גוּ־טער יאהר, וואו דער הונט איז אהינגעקומען.

די דאזיגע בריטשקע האָט געשראָקען מיט איהר פוסט־קייט. אן עלענד אויסזעהן האָט געהאט אָט די בריטשקע. לייי־דיג זיינען געווען די קישענס, אין גאנצען ליידיג.

אן ארבייטער איז געקומען און געוואלט זיך נעהמען ריי־ניגען די בריטשקע.

— ניט נויטיג, שטעל זי אוועק און דעק זי צו. ס'איז אן אלטע בריטשקע, — איך האָב באשטעלט א נייע.

איך בין אריין אין הויז.

— וואָלסטו מיר, באַבעניו, ניט געקענט צוגרייטען עפּעס א לייכטען צוביים? — האָב איך זיך געווענדט צו דער אלטער מארי — איך האָב זיך שרעקליך אויסגעהונגערט, כ'בין זעהר, זעהר פריה היינט אויפגעשטאַנען.

ביי דער אלטער איז עפּעס געווען אויפ'ן הארצען, דאס האָט מען לייכט געקענט דערקענען נאָך דעם, ווי זי פלעגט זיך ארומקוקען.

— נו, וועסטו עס צוגרייטען?

— אויף לאנג איז די הערדין אוועקגעפאהרען?

— דאָס קען מען אויף באשטימט ניט וויסען. מעגליך, אז אויף א מאָנאט, מעגליך, אז אויף א יאָהר. זי איז אוועקגעפאָה־רען קיין פאריז.

— קיין פאריז?

— יא, זי געהט זיך לערנען זינגען.

— אבער זי קען דאָך שוין זינגען?

— כא־כא! ווי דו רעדסט עס, באָבעניו! ווי קענסטו עס ריידען וועגען אזוינע זאכען?

— פארשטעהט זיך, אז זי קען זינגען, און גוט אויך, אפילו

זעהר גוט. נאָר אין אונזערע צייטען איז איינגעפיהרט, אז אַלץ דארף מען זיך לערנען אין אַ שול. ווען דו, באַבעניו, למשל, זאָלסט זיין אי קלוג און געלערענט, וועט עס דיר קיין שום מענש ניט גלויבען און דו וועסט דערמיט גאר נישט ניט קענען טאָן, אויב דו האָסט ניט באַזוכט קיין פארשידענע שולען.

דאָס זעלבע איז אויך, וואס אנבאלאנגט זינגען.

פאמעליך האָט זיך געצווינגען דער טאָג. איך האָב ניט גע־האט וואס צו טאָן. פאמעליך האָט געמאכט דער שאָטען זיין קרייז פון דעם קליינעם בירקען־בוים. פאצאַ האָט זיך נאָך ניט באוויזען.

— הייסט דאָס, אז אויפ'ן באהן־הויף האָסטו איהם גע־זעהן צום לעצטען מאָל?

— יא, הערר.

— און שפּעטער האָסטו איהם מעהר ניט געזעהן?

— ניין, הערר.

אונבאמערקט פון אלעמען האָב איך זיך פאר'גנב'ט, וואו עס איז געשטאנען די בריטשקע. איך האָב די בריטשקע אויפ־געדעקט. זי איז געוועזן פול מיט שטויב. איך האָב אַ שאָר גע־טאָן די האנט איבער די קישענס: פול מיט שטויב זיינען געוועזן די קנעפּ און מעהר גאָר נישט. איך האָב גאָר נישט ניט גע־פונען.

איך האָב גענומען דעם הוט, דעם שטעקען און אַ פייף גע־טאָן. אין' האָב זיך אבער דערמאָנט, אז פאצאַ איז נישטאַ. איך האָב אַ שמייכעל געטאָן. איך האָב זיך גענומען ארונטערלאזען מיט'ן וועג, מיט דעם זעלבען וועג. איך האָב קלאָר געזעהן די צייכענס פון די רעדער און פון פאצאַ. פונקט ווי מען וואלט זיך נאָך איהם געיאָגט. אויף גרויסע פראגע־צייכענס זיינען געוועזן עהנליך די צייכענס פון זיינע טריט. איך בין צוגעגאנ־גען ביז צו דעם אָרט, וואו ער האָט דעריאגט די בריטשקע. די בריטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט. פאצאַ איז ארייננעשפּרונגען אין דער בריטשקע. דאָס אלץ האָב איך געקענט זעהן לויט די צייכענס פון זיינע טריט. אין דארף האָבען זיך פארלארען די צייכענס פון דער בריטשקע, אבער הינטער'ן דארף האָב איך זיי ווידער דערזעהן. זיי האָבען מיך דערפיהרט דורכ'ן טאָל צום

בארג, צום באהן־הויף. א באהן־בעאמטער איז ארויסגעגאנגען און מיך באגריסט.

— איך זוך מיין הונט, — האָב איך געזאָגט.

— אָך, יא, אייער הונט. ער האָט דאָ אָנגעמאכט אזא טומעל. ער האָט ניט געוואלט אליין בלייבען. ער האָט אלץ געוואָיעט און געבולען. די פירסטין האָט זיך אזש געפיהלט ווי לארען.

— יא, יא...

איך האָב זיך געלאָזען געהן מיט די רעלסען. דאָ איז געלעגען זאמד, און איך האָב ניט געקענט געפינען מעהר פאצאָ'ס טריט. אָ, די רעלסען! זיי האָבען געגלאנצט. איך האָב זיי אָנגעריהרט מיט מיין פינגער, באקוקט זיי. זיי האָבען מיר אויסגעזעהן עפּעס אזוי זאָנדערבאר. זיי האָבען מיך געפיהרט נאָך זיך, געפיהרט מיך. איך האָב זיך געטראָגען דורך זיי, געלאָפען, געפלויגען. איך האָב דערזעהן אויפ'ן וועג א העל־געלען גיגאנטישען דעמב. געוויס האָט ער זיך אויך איהר געווארפען אין די אויגען.

איך בין פארוואנדעלט געווארען אין א באהן־צוג; איך האָב זיך געטראָגען איבער וועלדער און לאָנקעס. פעלדער און לאָנקעס, פעלדער און לאָנקעס — האָבען זיך געטראָגען מיר אנטקעגען.

ווידער האָב איך זיך געפונען אויפ'ן באהן־הויף און דערזעהן א קעפּעל פון אונטער א פענסטער. א רונד, ליעב קעפּעל, גלאטע גאָלדענע האָר, לאָקען, וואס פאלען איבער די אקסעל...

דערנאָך האָב איך זיך געלאָזט אהיים געהן מיט'ן וואלד. איך בין נאָך אלץ געשטאנען אויף דער טרעפּ פון דער בריטשקע. דאָס אלץ האָט דורכגעשוועבט דורך מיין קאָפּ. מיינע הענט האָבען געציטערט.

. . . .

איך האָב אלץ געהאָפט צו באגעגענען פאצאָ. ער האָט זיך נאָך אלץ ניט געהאט אומגעקעהרט. עס מאכט ניט, איך וועל צואווארטען!

איך האָב נישט געטראכט דערפון, אז די זון וועט אונטערגעהן, אז אָנקומען וועט היינט די נאכט. אבער אלץ איז

זיך געגאַנגען מיט זיין וועג, ווי גאָר נישט וואָלט פּאַסירט. מיט אַמאָל איז אַלץ געוואָרען רויט, ווי עס וואָלט זיך דורכגעזאַפּט מיט'ן בלוט פון דער זון. רוהע און שעהנהייט איז געווען אין אַלעם, נאָר אין מיין ברוסט האָט געברויזט דער שטורעם. אָבער מיט שרעק האָב איך שפּעטער גענומען באַמערקען, ווי עס רוקט זיך אָן אַ חושך, אַ שווערער און אַ געדיכטער. אַש האָט זיך צושאָטען איבער דער ערד. טרויעריגע נעבעל האָבען זיך אויפ־געהויבען פון די וועלדער, ארומגעבלאָנקעט זיך. עס איז גע־וואָרען שטיל, אַזוי שטיל ווי קיינמאָל ניט. אַלעם שווייגט, שווייגט... ניט דאָס שוויינען, וואס מען קען נאָך אַמאָל הערען, — ניין, אַ שטיל, ניט דערגרייכבאַר שווייגען, אַ שרעקליך שוויי־גען, וואס האָט געשמידט מיר אַלע גלידער. פּוסט, אַלץ איז פּוסט!

נאָר אַט איז אָנגעקומען די נאַכט. פּאַצאַ האָט זיך נאָך אַלץ ניט געהאַט צוריקגעקעהרט. איך האָב געשפּאַנט פון ווינ־קעל צו ווינקעל. איך האָב געוואַרט; יאַ, אָבער אויף וואס האָב איך געוואַרט? איך האָב געהאָפּט, אַז דאָס הויז וועט צוזאַ־מענפאַלען אויף מיר. ניט פיהלענדיג, וואס איך טו, בין איך צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ און גענומען קלאַפּען אויף די קלאַ־ווישען. עס האָט זיך דערהערט אַ קלינגענדיגער טאָן, דאָס איז געווען אינגעבאָרג'ס טאָן. יעדער מענש האָט זיין טאָן. צו וואס האָבען מיינע פינגער געמוזט דאָס ארויסברענגען אינגע־באָרג'ס טאָן?

איך האָב אָנגעצונדען אַ ליכט, אָבער דער פלאַם האָט אָנגע־הויבען מורמלען, רעדען, פון דעם פלאַם איז ארויסגעשוואומען עמיצענס אַ פּנים. איך האָב דאָס ליכט פאַרלאָשען; פּיעל, זעהר פּיעל האָט געוואוסט דאָס דאָזיגע פייער.

איך האָב זיך געשלעפּט פון איין ווינקעל צום צווייטען. פינסטער. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער. ארום — פינ־סטערניש. די לופט אַליין איז שוואַרץ. די שטערען זיינען גע־פאַלען פון הימעל און אויף פּיצלעך צושמעטערט געוואָרען.

קאַלט איז מיר געוואָרען.

מיט אַמאָל האָב איך דערזעהן פאַר זיך אַ צימער; אַ לאָמפּ האָט אין איהם געברענט; צוויי מענשען — ארום דעם לאָמפּ;

דער שטראַל פֿון ליכט איז געפֿאַלען אויף איין פּנים. קלאָר האָב איך דאָס געזעהן. איך האָב פֿאַרמאַכט די אויגען.

יאָ, קאַרל האָט געמעגט נעהמען איינגעבאָרג'ן, אויב איינגע־באָרג האָט עס פֿאַרלאַנגט. ער איז אַזוי איינזאַם. ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט פֿון קיין גליק, בלויז הונגער און זאָרג און נעכט מיט אַרבייט; ער דאַרף האָבען איינגעבאָרג. אָט וואָס עס איז געווען קאַרל! ער איז געווען אַ פּאָעט. איך בין אין גאַנ־צען עפּעס אַנדערש; וואָס בין איך דען, ווען מען פֿאַרגלייכט מיך מיט קאַרל'ן?

איך האָב געקענט לעבען אַפּילו אַליין, — יאָ, אַליין, אַזוי האָב איך געטראַכט ביי זיך, געהענדיג פֿון ווינקעל צו ווינקעל מיט אַ קאָפּ. וואָס איז געוועזען ווי פֿון האַלץ. אַ קעלט האָט מיך דורכגענומען. אַלץ איז געווען פּוסט, אַלץ.

איך האָב געטראַכט וועגען די צייכענס אין זאַמד, וועגען די רעלסען אין זונען־גלאַנץ... איך האָב געזעהן ווי עמיץ נעהמט אַרונטער די האַנט־שוה. איך האָב געזעהן אַ געזיכט, וואָס איז פֿאַרשוואונדען אין דער ווייט, צוויי אויגען, וואָס זיינען געוואָ־רען אַלץ קלענער און קלענער. אַ טיכעל האָט געוועהט אין וואַלד.

איך האָב פֿאַרשטעלט מיינע אויגען מיט די הענט און צו־געדריקט די שלייפֿען מיט די גראָבע פֿינגער. איך בין געזעסען און געטראַכט, געטראַכט, אַלץ געטראַכט...

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטיל קרעכצען, ווי אַ קינד וואָלט געקרעכצט.

איך האָב זיך דערשראָקען.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעהוסט, און ווידער גע־נומען שפּאַנען פֿון ווינקעל צו ווינקעל. אין די געדאַנקען האָב איך געזעהן מיין גליק, מיין זומער, איינגעבאָרג, יעדען טראָט, יע־דער שמייכעל און דאָס אַנדערע; מיט אַזעלכע געדאַנקען האָב איך געשפּאַנט פֿון ווינקעל צו ווינקעל. האָב איך דאָך נאָך מיט טעג צוריק געוואוסט, אַז דאָס אַנדערע וועט קומען, אַז עס וועט קומען די נאַכט, ווען אַלץ וועט זיין פּוסט; איך האָב עס גע־וואוסט און מיין נשמה האָט זיך צוגעגרייט דערצו...

אָבער...

איך בין געשטאַנען אין מיין צימער, האַלטענדיג פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים און ווידערהאָלענדיג דאָס איין און זעל־בע וואָרט:

— ניין, ניין, ניין...

די נאַכט איז פאַריבער. עס האָט גענומען טאָגען.

ווי איז די נאַכט פאַראיבער? דאָס ווייס נאָר גאָט און איך. איך וויל וועגען דעם ניט דערמאָנען. איך האָב זיך ניט געוואָר־פען אויף דער ערד, איך האָב די האָר פון זיך ניט געריסען, ניט צוריסען מיין האַרץ, ניין — ווער עס וואָלט דאָס געזאָגט, וואָלט געזאָגט א ליגען. בלויז א ביסעל בלוט איז געבליבען ביי מיר אויפ'ן קין, — דאָס אַלץ.

די אַלטע מארי האָט עס באמערקט: איך האָב פאַרגעסען אפּצואווישען דאָס בלוט. איך האָב א שמייכעל געטאָן, אויף וויפיעל מעגליך אונגעצוואונגען; דאָס מאָל איז עס אבער מיר ניט געלונגען, ניין, — אבער אַלענפאַלס האָב איך דעם גע־שפּרעך אָפּגעהאַקט.

— האָט זיך פּאַצאַ צוריקגעקעהרט?

— ניין.

איך האָב א שמייכעל געטאָן. איך האָב געזעהן אין דער מינוט דעם אויסדרוק פון מיין פּנים, איך האָב געזעהן מיין שמיי־כעל. מיין שטימע האָט זיך אין גאַנצען געביטען.

די אַלטע מארי האָט אַנגעשמרעננט א קוק געטאָן אויף מיר און איז צוריקגעגאַנגען צו דער טיר.

עס פאַרשטעהט זיך דאָך, אז איך האָב ניט געקענט אויס־זעהן ווי א חתן...

ערשט אין א פּאָר טעג ארום האָב איך באמערקט, אז פיעל האָר אין מיין קאָפּ זיינען גרוי געוואָרען. איך בין דערפון זעהר טרויעריג געוואָרען.

27

עס זיינען געקומען טעג פון אונאויפהערליכען טרויער.

אַלמעכטיגער גייסט, דו וואס הערשט איבער די שטערען, דו פאָטער פון אַלע באשעפענישען, דערבאַרעם זיך אויף מיר! שיק מיר א ניי האַרץ, נייע געהירן!

איך בעט דיך, שענק מיר א נייע הארץ, נייע געהירען! האָב רחמנות אויף מיר!

דאָס געבעט איז געווען אין מיר, מיינע ליפּען האָבען זיך ניט באוועגט; ארויסגעבערענגט האָט עס מיין נשמה. איינ־מאָל אין א נאכט, ליגענדיג אין וואלד, האָב איך מיט אמאָל דערהערט ווי מיין נשמה האָט עס ארויסגעבראכט; כ'האָב זיך איינגעהערט צו דעם און עס פארשטאַנען. דאָס זיינען געווען די זעלבע ווערטער.

מיר האָט זיך געדאכט, אז עס איז אונמעגליך צו זיין מעהר אומגליקליך ווי איך בין עס געווען אין אָט דער ערשטער נאכט. מיר האָט זיך געדאכט, אז איך האָב דערגרייכט דעם טיעפסטען תהום פון טרויער.

ניין, דער טרויער האָט נאָך געדארפט געהן טיעפער און צוזאמען מיט מיר; די ערשטע נאכט, איז בלויז געווען דאס ערשטע טרעפּעל ־ערצו, דערנאָך האָב איך גענומען אראפּגעלאָזען זיך טרעפּ נאָך טרעפּ, אלץ טיעפער און טיעפער.

איך האָב געבראכען די הענט, געלעגען גאנצע נעכט אין וואלד מיט צוזאמענגעשטשירימטע ציין; ארומגעשלעפט זיך ווי א משוגענער אונטער רעגען און נעבעל. די בוימער האָבען אָנ־גענומען איינגעבאָרג'ס געשטאלט; וואלד, נעבעל, — אלץ אויף וואס איך האָב א קוק געטאָן האָט געהאט איינגעבאָרג'ס גע־שטאלט, פון אומעטום האָט עס געשמייכעלט, פון אומעטום האָט עס געלויכטען. איך האָב איהר פּנים געזעהן אין דעם פאר־שטערענטען הימעל. און ווען איך האָב פארמאכט די אויגען, איז עס געווען אין מיר; דעמאָלט האָט מיט'ן גלאנץ פון בריליאנ־טען געלויכטען אין מיר איינגעבאָרג'ס פּנים. פון אומעטום האָ־בען זיך געטראגען צורופען, א מורמלען, געלעכטער, ווערטער און געזאנגען.

אָ, ווען איך וואָלט קראנק געוואָרען! אויף לאנגע וואָכען קראנק ווערען און דערנאָך אויפשטעהן א געזונטער, א באַ־ נייטער! אָ, ווען איך זאל קענען איבערלעבען פיזישע ליידען, וואס וואלטען מיר געהאָלפען פארגעסען דאס, וואס האָט מיך אזוי געקוועלט.

אמאָל איז געפאַלען א האַגעל; איך געדענק, אז איך האָב ארונטערגענומען דעם הוט. דער האַגעל האָט געקלאַפּט מיר אין קאָפּ, פּנים, ליפּען און אויגען, ווי עס וואָלט געווען א שטראָף, געשיקט אויף מיר פון הימעל. פון דעם איז מיר לייכטער געוואָרען. פיעלעס וואס איך האָב פריהער ניט פארשטאַנען איז מיר קלאָר געווארען. איך האָב פארשטאַנען די דלויסטערס, וואו עס ווערט ניט ארויסגערעדט קיין ווארט, נאָר מען שטעהט אויף די קני און מען שארט זיך אויף די פארוואונדעטע קני. איך האָב פארשטאַנען די, וואס פייניגען זיך, די נזירים אין די מדבריות. דאָס איז געווען גליקזעליגקייט, — אָ, געוויס, דאס איז געווען גליקזעליגקייט אין פארגלייך מיט אַלעם איבריגען: אין פאר־גלייך מיט דעם, וואס איז געווען אין מיר.

איך האָב פארשטאַנען שכורים, פארברעכער, ערנידעריגטע און פארשטויסענע.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן הארי איזעדאָם, ווי ער איז גע־שטאַנען פאר אונז און געקלאַפּט מיט די פינגער אויף זיין הארץ. איך האָב זיך דערמאָנט אָן קלארא דאַווידזאָן, ווי זי איז אמאָל געשטאַנען פאר מיר און ארויסגערעדט: זייט געזונד! דאָ־מאָלס האָב איך ניט פארשטאַנען ניט זי און ניט איהר בליק. איך האָב געזינדיגט געגען איהר, שווער געזינדיגט.

אָ, ווען עמיץ האָט דיך ליעב, זיי גנעדיג צו איהם, וואנדער און זוך איהם ביז דו וועסט איהם געפינען, פאַל פאר איהם אויף די קני און דאנק איהם!

איך האָב זיך ארומגעשלעפּט טאָג און נאַכט. דורך גאנצע טעג האָב איך זיך ניט אומגעקעהרט אהיים. דורך גאנצע טעג ניט אריינגעשמעקט אין א מענשליכען הויז. אין די טיעפסטע ערטער פון וואלד בין איך געגאַנגען. איך האָב געפיהרט גע־שפּרעכען מיט זיך אליין, מיט די בוימער.

א ניי הארץ, נייע געהירען! עפּעס האָט תפילה געטאָן אין מיר, געבעטען...

אָפּטמאָל האָב איך געזאָגט איינגעבאָרג, אז איך האָב זי ליעב. ניין, איך האָב זי ניט ליעב געהאט. איך האָב אין דעם געגלויבט, איך האָב ניט געלייגט, אבער ליעב געקראַגען האָב איך

זי ערשט אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט מיך פארלאָזען. איך האָב נים געוואוסט, וואס עס איז אַזוינס ליעבע, ניין. איצט האָב איך זיך דערוואוסט, וואס עס איז אַזוינס ליעבע. איך האָב נישט געפונען קיין ווערטער ווי אויסצודריקען די ליעבע, די אמת׳ע ליעבע. א פלאם, א ווירבעל־ווינד — אָט וואס זי איז געווען. זי האָט צוריסען מיין הארץ. עס האָט זיך געדאכט, אז זי צושניידט מיט מעסערס אויף פיצלעך מיין הארץ. אָט וואס די ליעבע איז געווען. איך בין געגאנגען אין וואלד. נאכט. דער וואלד האָט גערוישט, געפאלען זיינען בלעטער...

איך בין געגאנגען, געגאנגען צוזאמען מיט אינגעבאָרג. גערעדט מיט איהר — איך האָב דיך ליעב — האָב איך איהר געזאָגט, — איצט, אינגעבאָרג, האָב איך דיך ליעב! איצט ביזטו אין מיר. — טרערען זיינען געפלאָסען פון מיינע אויגען. איך האָב זיך געוואָרפען אויף די קני, געפאלען מיט׳ן פנים צו דער ערד.

איצט האָב איך דיך ליעב, אינגעבאָרג! איצט!!! — עפּעס האָט געשטאכען מיין פנים. איך האָב שטארק צוזאמענגעדריקט מיין קאָפּ; עס האָט וועה געטאָן. איך האָב אויפגעהויבען מיין פנים; עס איז געווען צושטאָכען פון די נאָדלען.

איצט האָב איך דיך ליעב, אינגעבאָרג! איצט!!!

און ווען גאָט וואלט פון זיין רייט־וואָגען ארונטערגעלאָזען זיך צו מיר אין וואלד אריין, וואו איך האָב געליטען און אויסגעגאנגען פון פארצווייפלונג, ווען ער וואלט עס געטאָן און געזאָגט: — איך וויל דיר געבען א נייע הארץ, נייע געהירען! זעה, אָט וויל איך אלץ פארלעשען, אלץ...

— ניין, ניין, גאָט, טו עס ניט!

אָט וואס איך וואלט אויסגעשריען.

טעג זיינען פאראיבער, רוהיגער בין איך געווארען.

יא, אמת, מיין הארץ האָט נאָך געציטערט; עס האָט זיך געדאכט, אז עס האָט זיך איבערגעדרעהט אין מיין ברוסט; עס האָט זיך געדאכט, אז עפּעס שווערעס האָט זיך אריינגעריסען אין מיין הארץ מיט שארפע ציין; אמת, אפטמאָל אין די נעכט האָב

איך זיך אויפגעכאפּט אין טרערען, — געשלאָפען בין איך נאָך זעהר שוואך, אבער פאָרט האָב איך זיך שוין געפיהלט רוהיגער.

. . . .

איך האָב באגעגענט הארי איזעדאָם אין וואלד.

מיר האָבען א קוק געטאָן איינער אויפ'ן צווייטען, באַ־גריסט זיך און ווייטער געגאנגען.

28

דער טרויער האָט אָנגעפילט מיין הארץ. א טיעפער, שווע־רער טרויער. ער האָט אָנגעפילט מיין הארץ, צוזאמענגעדריקט מיין האלז, צוגעקומען צו מיינע אויגען; עס האָט זיך אויסגע־דאכט, אז טרערען וועלען פון זיי נעמען פליסען, ווען מען זאָל נאָר איינבויגען דעם קאָפּ. דערפאר טאקע האָב איך מיין קאָפּ ניט איינגעבויגען און באמיהט זיך געהן גלייך.

הערבסט. רויט זיינען די בלעטער געוואָרען. עס האָט אויס־געזעהן, אז די ערד האָט אריינגעלאָזען איהר בלוט אין די שטאַ־מען פון די בוימער. א ווינט האָט געבלאָזען, געפאלען זיינען בלעטער. אין אָנפאנג בלויז פון די אויבערשטע צווייגען, שפּע־טער — פון גאנצען בוים. אָהן בלעטער זיינען געשטאנען די בוימער, נאקעט; זיי האָבען געטרויערט, געווען פארצווייפעלט און אונטערטעניג גערוהיגט זיך. זיי האָבען געשמייכעלט, ווען אויף זיי זיינען געפאלען די שוואכע שטראלען פון דער זון, אזוי שמייכלען מענשען אין דער גסיסה. דאָ און דאָרט זיינען גע־האנגען איינצעלנע בלעטער, וואס האָבען פארצווייפעלט גע־קעמפט און ניט געוואָלט פאלען. אבער דער ווינט האָט געריי־סען, געריסען און ענדליך זיי אראפּגעריסען. מיט א ווילדען טריאומף האָט ער זיי געוואָרפען אין דער לופט. מיר האָט זיך געדאכט אז איך הער, ווי עס שרייען די צושפּרייטע בלעטער. עס האָבען זיך צוזאמענגעקליבען פייגעל, זיי האָבען געשריען, גע־רוישט און אין איין שעהנעם טאָג האָבען זיי זיך אויפגעהויבען אין דער הויך און געלאָזט זיך אין וועג אריין.

עס איז געוואָרען אלץ שטילער און שטילער. אפילו די

גרילען האָבען אויפגעהערט צו קלאפּען ביי נאכט. א יאָמער האָט זיך געהערט אין וואלד, — א פארשטיקטער יאמער האָט זיך געטראגען דורכ'ן וואלד.

פון די בוימער, וואס זיינען געשטאַנען פאר'ן הויז, זיינען געפאלען בלעטער, עס האָט זיך געהערט א קראך, — דאָס האָט זיך אויבסט צושלאָגען אָן די טרעפּען. בלויז נאָך געצעהלטע בלעטער זיינען געהאנגען אויף די בוימער, זיי האָבען אויסגעזעהן ווי איינגעדארטע, אויסגעטריקענטע הענט.

דאָס הויז איז געשטאַנען ניט פארדעקט, נאקעט, ווי אפגעשאָרען; עס האָט אויסגעזעהן גרעסער: גרעסער און לעהרער.

דער גאנצער טאָל האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א צימער פון וועלכען מען האָט אראפּגענומען די פאָרהאנגען, טעפּיכער און בילדער.

שמוציג־גרויע וואָלקען האָבען זיך געשלעפּט איבער'ן טאָל.

און איך האָב זיך דערמאָנט אָן די שוימיגע, ווייסע זומער וואָלקען, וואס האָבען געשוועבט אין דעם בלויען הימעל; זיי האָבען אויסגעזעהן ווי טייערע באפּוצונגען. איך האָב זיך דערמאָנט אָן דעם פארגאנגענעם הערבסט, וואס האָט צופלאמט מיין הארץ מיט זיין היץ, מיט זיין שטאָלץ, מיט זיין טריאומפירענדען טויט.

איך בין געוואָרען טרויעריג. איך האָב שוין מעהר גארנישט ניט געפיהלט, — ניט די ווארעמקייט, ניט קיין קאָלירען; אלץ איז געוועזן שמוציג, דערשלאָגען; דאס איז געוועזן א הערבסט, וואס האָט געהאלטען אין שטארבען מיט א פאראכטעטען, פייגלינג טויט.

איך בין געגאנגען אין פארק; א טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין איהם. דאָס איז געוועזן א בית־עולם אויף וועלכען עס האָט איינגעדרימעלט א ריזיגער מת. איך בין פארביי געגאנגען די סטאטוע, דעם קוואל. אויף א ווײַלע האָב איך זיך אפּגעשטעלט ביי דער הייל. א טראָפּען איז געפאלען. דורכ'ן טירעל בין איך ארויסגעגאנגען אין וואלד אריין. — אהין האָט געפיהרט א שטעגעל. איך האָב א שמייכעל געטאָן און געזאָגט:

— אין יענע נעכט ביסטו דאָ ארומגעגאנגען, ליעבע אינגעבאָרג.

מיט א צארטער שטימע האָב איך די ווערטער געזאָגט, און

מיר איז געווען אנגענעהם, וואס איך האָב אזוי צאַרט די ווערטער ארויסגערעדט, פונקט ווי אינגעבאָרג וואלט זיי געקענט הערען.

איך האָב מיט דער האנט געגלעט די ערד. אפשר האָט זיך דאָ דורכגעשאַרט אינגעבאָרג'ס פוס? ווער ווייס? איך האָב אויפ'ן שטעגעל געפונען א קיזעלשטיין. אפשר האָט אינגעבאָרג'ס פוס איהם אָנגעריהרט? זאָל איך איהם אויפהויבען? ניין, ניט נייטיג.

אָבער איך בין צוריקגעגאנגען און איהם אויפגעהויבען.

אפשר? ווער ווייס?

הייליגע ערד, הייליג לאַנד, הייליגער וואלד! איך האָב זיך אראפגעלאָזען אויף די קני און א קוש געטאָן די ערד פון דעם וואלד. הייליגע ערד: דאָ האָט געטראָטען איהר פוס. הייליגע בוימער, פארביי אייך איז זי געגאנגען; און די בוימער, וואס דער הערבסט האָט אזוי פארהעסליכט, האָבען זיך טרויעריג געוויגט און שטיל געקרעכצט. צוזאמען מיט מיר האָבען זיי געטרויערט. דער גאנצער וואלד האָט אינגעבאָרג'ס נאָמען געמורמעלט. איך בין ארומגעגאנגען אין וואלד און זיך צוגעהערט. עס איז געווען אנגענעהם, וואס אלץ האָט געטיילט מיט מיר מיין טרויער.

איך האָב זיך געשראקען, ווען איך האָב דערזעהן א שטיין אויף וועלכען מיר זיינען געזעסען; איך האָב גענומען ציטערען, ווען איך האָב דערזעהן א בוים, ואס מיר ביידע האָבען גוט געקענט. איך האָב זיך געפרעהט און געליטען. אָ, הערט זיך איין: איך האָב אויפגעזוכט א הויכען, טרויעריגען טאַנענבוים אונטער וועלכען מיר זיינען אמאָל געזעסען אין צייט פון א רעגען. אינגעבאָרג האָט ארויסגעקוקט פון אונטער דער באַהעלטעניש און געכאפט אין מויל אריין די קליינע רעגען טראָפענס. — איך האָב ליעב די קליינע רעגען־טראָפענס, — האָט זי געזאָגט. און דערנאָך האָט זי גענומען אויסרעכענען אלץ, וואס זי האָט ליעב, און דער רעגען האָט אלץ געגאָסען.

— איך האָב ליעב די קליינע רעגען־טראָפענס, אקסעל. איך האָב ליעב אויך דעם ווינט און דעם שטורעם, דעם האָגעל און די וואָלקענס; דעם שניי, די זון האָב איך ליעבער

מעהר פון אַלץ; איך האָב ליעב די בוימער און דעם געוויש פון די בוימער און נאָך מעהר די פייגעל, איך האָב ליעב דעם בליץ, ווען ער שמייכעלט צו מיר און דיך, דיך, אַקסעל, האָב איך ליעבער מעהר ווי אַלץ אויף דער וועלט, מעהר ווי טויזענד זונען, מעהר ווי אַלע באַשטערענטע נעכט און אפילו מעהר פון דעם שרעקליכסטען שטורעם!

איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם בוים און געשמייכעלט, אָבער ניט ווילענדיג האָב איך אויפגעהויבען אין דער הויך דעם קאָפּ.

דאָס געזאַנג פון די פייגעל האָט זיך שוין מעהר ניט גע־הערט אין וואַלד. איך בין צוגעגאַנגען צום שלאָס פון גראַף פלוגען, כ'האָב אַ קוק געטאָן אויף די טויערען, וואו עס זיינען געשטאַנען באַדעקטע מיט מאָך לייבען. איך האָב דורכשפּאַ־צירט דורך דעם בירקען־וועלדעל, כ'האָב זיך אַוועקגעלאָזען צו אונזער עפּעל־בוים. נאַקעט איז דער עפּעל־בוים געשטאַ־נען. אויפ'ן שטאַם זיינען געלעגען בלעטער, דונקעלע, ווי לע־דער. אין דעם פאַרוועלקטען גראָז האָבען זיך ארומגעוואַלגערט פאַרפוילטע פרוכטען.

אַמאָל אין אַ ליכטיגען פריהלינג האָב איך דעם עפּעל בוים אַ מדייסעל געטאָן און אויף אַ גאָלדען קעפּעל האָבען זיך בלו־מען צושאָטען!

כ'בין אַרויף אויפ'ן באַרג, וואו די באַנק איז געשטאַנען. ווי דורך אַ געל גלאָז, האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר מיר דער טאָל. אַ טרויעריגע, אַ בלייכע, אַ לייכטענדער, ווי דאָס פּנים פון אַ שטאַרבענדען. שוואַרץ האָבען אויסגעזעהן די לאָנקעס. די גראָבענס זיינען געווען פאַרשאָטען מיט פאַרוועלקטע בלע־טער; זיי זיינען געווען קברים, אין זיי איז געווען באַגראָבען דער זומער, די האָפנונג און די פרייד פון דעם זומער און זיין אַראָמאַט. איך האָב זיך דערמאָנט אָן אַ פריהלינג, ווען די זוימען האָבען אַרויסגעשפּראָצט — יונגע, גרינע; זיי האָבען מיט פרייד אָנגעפילט מיין האַרץ און שפּעטער, ווען אַלץ האָט גענומען בליהען, האָבען זיי אַרויסגעלאָזען בלעטלעך און גע־נומען זיך וויגען פאַר פרייד. דערנאָך איז אָנגעקומען אַ טאָג און דער גאַנצער טאָל האָט גענומען רוישען, ווי ער וואָלט גע־לעגען אויף אַ פּאַן, און אַלץ האָט גענומען זינגען. אַלץ האָט

באגריסט און געגוייגט זיך צו אונז ווען מיר זיינען פארבייגע־גאנגען.

דערנאָך זיינען אָנגעקומען טרויעריגע טעג. עס האָט א גלאנץ און א רויש געטאָן דער סערפּ און עס זיינען געפאלען אפּגעהאקטע זאנגען, ווי זעלנער, אין א מלחמה. ביז וועהטאָג האָט עס אונז ביידען וועה געטאָן.

דער ווינד האָט געבלאָזען, די פעדער אויף מיין הוט האָט געפלאטערט. ארום — דער טרויעריגער הערבסט.

איך בין אוועק ווייטער. איבעראל זיך ארומגעשלעפּט; ביי אלע בענק געווען. ביי אלע שטיינער, דורכגענג, אומע־טום, וואו עס זיינען פארבליבען עראינערונגען. פיעל הייליגע ערטער זיינען געווען אין וואלד, וועלכע איך האָב ניט איבער־געטראטען: איך האָב אויף זיי געקוקט בלויז פון דער וויי־טען. טרויעריגע סודות זיינען געווען פארבארגען אין מיין הארץ.

דאָס איז געווען מיין געוועהנליכער גאנג. דערנאָך איז פינסטער געווארען; די זון איז פאַרשוואונדען, שיקענדיג א קורצען גרוס פון אונטער די בערג.

עס איז געווען הערבסט, הערבסט. א קאלטער ווינט האָט געוועהט. אָהן צוייפעל, באלד וועט אלץ אין דער וועלט זיין פארטרויערט און קאלט אויף לאנגע, לאנגע וואכען. אלץ, וואס האָט פאראויסגעפיהלט דעם ווינטער און די טרויעריגע נעכט, איז שוין פארפראָרען געווארען.

א לאנגע צייט איז נאָך פארבליבען ביז צום פריהלינג.

איך האָב געקוקט אויפ'ן וואלד. טיעף אין וואלד האָט אויסגעזעהן ברוינליך־שווארץ. אך, טרויעריג האָט אויסגעזעהן טיעף אין וואלד!

איך בין אהיימגעגאנגען. א שטילקייט האָט באהערשט דאָס גאנצע הויז; עס האָט זיך אויסגעדאכט, אז עמיץ שטעהט און וויל עפּעס זאָגען.

איך האָב א פּייף געטאָן.

די טיר האָט זיך געעפענט און דער אלטער מארי'ס קאָפּ מיט'ן פליך, וואס איז געווען אזוי רונד ווי א באל, האָט זיך באוויזען אין דער עפנונג פון דער טיר.

— דאָס בין איך — האָב איך הויך אויסגעשריען. — האָט איהר באזאָרגט אן אנאָנסע אין די צייטונגען וועגען פאצאָ?

— יא, הערר.

— גרויסאַרטיג. איצט וועט זיך פאצאָ אין ניכען אומקעהרען. א גוטע נאכט, באָבעניו!

— א גוטע נאכט, הערר!

און אָט איז אָנגעקומען די נאכט, א לאַנגע נאכט.

איך בין זעהר שלעכט געשלאָפען אין די ערשטע פּאָר וואָכען. איך בין געזעסען אין דער ביבליאָטעק און געלעזען. געשפּיעלט אויף דער פּיאנא. און מיט אמאָל איז אינגעבאָרג מיט אלע איהרע באוועגונגען ערשיענען פון די אקאָרדען; הערליך איז דאָס געווען, אבער איך האָב ניט ווילענדיגערהייט אויפגעהערט שפּיעלען.

איך האָב זיך געזעצט אויפ'ן פענסטער־ברעט פון דעם ווייסען צימער, איך האָב אָבגעוואַרט דעם מאָרגין. אינגעבאָרג איז געווען מיט מיר.

דער ריח פון שמעקענדיגען פעך האָט זיך געטראָגען אין צימער אריין, איך האָב אָט דעם ריח קיינמאָל פריהער אזוי שטארק ניט געפיהלט. אין דער פריה האָט זיך אין צימער באזעצט די זון. מיליאָרדען גלאַנצענדיגע פונקען האָבען זיך געיאגט איינער נאָך דעם אנדערען אין די ווייסע צימערען; זיי זיינען אריינגעלאָפען אין מיינע אויגען און איך, א פּאר־בלענדעטער פון זיי, האָב געמוזט ארונטערלאָזען די אויגען־דעקלעך.

דורך די נעכט האָט א געשפּענסטהאפטער, בלייבער שיין געציטערט אויף אלץ, וואס איז געווען אין די צימערען. א ריח האָט זיך געטראָגען פון די פאַרוועלקטע בוקעטען. דאָס איז געווען, א ריח פון דער פאַרגאנגענהייט; עס איז געווען קלאָר, אז עמיץ האָט דאָ געוואוינט. די בלעטלעך פון די רויזען זיינען געלעגען אויפ'ן דיל, אויפ'ן טיש. דאָס טויטע מע־בעל האָט ארויסגעגעבען פון זיך דעם צארטען ריח פון אינגע־באָרג'ס קליידער, פון איהר האלז, פון איהרע האָר. איך בין געזעסען אויפ'ן פענסטער־ברעט און געפלוידערט מיט איהר אין

דעם בלויען לבנה־שיין. פונקט אזוי, ווי אין די פארגאנגענע טעג. מיר האָבען געפיהרט א געשפרעך און איך האָב נאָכגע־אהמט אינגעבאָרג'ס שטימע, אויף וויפיעל עס איז מיר געלונגען. מיר האָבען געפיהרט א וויציגען געשפרעך און איך האָב זיך געמאכט פאר א פראָסטען און אונפעהיגען.

מיר האָבען געלאכט, געפלוידערט.

די לבנה איז אויפגעגאנגען; איך האָב געזאָגט:

— די לבנה, דאָס איז א זילבערנער בריעף, וואס די זון שרייבט צו די קינדער פון דער ערד, ווייל זי געהט אוועק, אינ־געבאָרג.

אלטע רייד.

— ווילסטו, וועל איך דיר שענקען די לבנה, אינגעבאָרג?

אינגעבאָרג לאכט.

אלטע רייד.

טיילמאָל ציטער איך אויף. אזוי שטיל איז אין די וויי־סע צימערען און איך רעד מיט א שאָטען.

אין דער שטיל האָב איך זיך גע'גנב'עט דורך די דאזיגע צימערען, נעגאנגען אויף די שפיץ פינגער, מורמלענדיג גע־רעדט.

איך האָב באטאפט דאָס מעבעל. — איך האָב געפונען א קישען אויף וועלכער איהר קאָפּ האָט גערוהט דאָס לעצטע מאָל.

די דאָזיגע צימערען האָבען מיך שטענדיג, אונאויפהער־ליך געשלעפט צו זיך. דאָ האָט זיך געהערט איהר שטימע, איהרע געזאנגען! אפטמאָל האָבען די צימערען גאנץ קלאָר אָנגעהויבען צו זינגען. די טיר, וואס האָט געפיהרט צום שלאָף־צימער איז געוועזן האלב־פארמאכט; עס האָט זיך גע־דאכט, אז זי האָט זיך באוועגט און שטיל נאָך געסקריפעט. איך האָב געפונען צייכענס פון איהרע טריט אויף די טעפי־כער, איך האָב געפונען קלעק־פ[illegible] אויף וועלכען עס איז געוועזן אויסגעקריצט א טאנען־בוים, א קוה, א מאָנאָגראַם, צו־זאמענגעפלאָכטען פון די בוכשטאבען „א" און „א". אויפ'ן טיש זיינען געלעגען קארל'ס ביכער; פיעלע ערטער זיינען גע־וועזן אונטערגעשטריכען. איך האָב אויך געפונען א גאלדענע

האָר צווישען צוויי בלעטער. ווי האָב איך זיך דערשראָקען, ווען איך האָב גאַנץ אונערוואַרטעט געפונען אָט די גאָלדענע האָר!

איך האָב געפונען אַ פּלאַץ פון קאַרל׳ס אַ בוך, וואָס אײַנגע־באָרג האָט אונטערגעשטראָכען.

אָט איז עס: „מיר האָבען דערזעהן איינער דעם צווייטען, דיין נשמה האָט זיך צוזאַמענגעפלאָכטען אין איינעם מיט מיינער; זיי האָבען זיך מעהר ניט געוואָלט פאַנאַנדערשיידען, אָבער מיר זיינען געשטאַנען ווייט איינער פון׳ם צווייטען. און דו ביסט אַוועק. אויך איך בין אַוועק. וואָרהאַפטיג, ווי צוויי פיש אין ים, זיינען מיר פאַרביי־געשוואומען איינער נעבען דעם צווייטען. אַזוי איז די מענשליכע נאַטור.”

איך האָב דערהערט איינגעבאָרג׳ס אַ קרעכץ און איך בין אַנטלאָפען.

עמיץ האָט אין מיטען נאַכט געזונגען. הערליך געזונגען. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און גענומען זיך איינהערען: די שטימע האָט זיך גענומען דערווייטערען. איך האָב אַ שמייכעל געטאָן און צוגעדריקט די הענט צום האַרצען.

איינמאָל ביי נאַכט האָט פאַר׳ן הויז זיך אַ הונט צובולען. איך בין אַרונטערגעשפּרונגען פון געלעגער. איז עס ניט פאַצאַ? עס איז געוועזן שווער צו זאָגען באַשטימט. איצט האָט זיך דאָס בילען שוין געטראָגען פון מיט׳ן וואַלד. איך האָב זיך אָנגע־טאָן און געלאָפען אין וואַלד אַריין. איך האָב גענומען פייפען.

שטיל איז געווען אַרום, עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס רוישען פון די פאַלענדיגע בלעטער.

29

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג זיינען אין מיין הויז אַריינגע־פאַלען צוויי מענשען; זיי האָבען געקייכט פאַר געלעכטער און זיינען געווען אין אַ גוטער שטימונג.

האַרי איזעדאָם, מיט זיין הויכן ווייבערשען קאָפּ און אַ רויטלאַקיגע מיט פּאָרטרויליכע אויגען און אַ קליין נעזעל; איהר נאָמען איז געווען איזאַבעלאַ. זי איז געווען מיינ׳ס אַ קוזינע, איזעדאָם׳ס אַ געוועזענע שילערין און איצטיגע פרוי.

— פון פאַרצווייפלונג האָט ער מיט מיר חתונה געהאַט!

— האָט זי מיר מיטגעטיילט. זי האָט געקייכט פאַר געלעכ־טער און אויף קיין איין רגע ניט געקענט רוהיג איינזיצען און האָט געהאַלטען אין איין פאַררוכטען דעם הוט אויפ׳ן קאָפּ.

אָהן אַן אויפהער האָט האַרי איזעדאָם גערעדט. זיי האָבען מיט מיר גערעדט, זיי האָבען געבעטען קאַפע, וויין און קאָניאַק און אויפגעפיהרט זיך אַזוי, ווי זיי וואָלטען געטראַכט זיך דאָ באַזעצען. איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען דאָ אַהערגעקומען אום מיך צו צערשטרייען.

מיר וועלען שפּילען פאַר דיר דעם גאַנצען מאָצאַרט, אַקסעל!

איך האָב זיך באַמיהט צו זיין מיט זיי פרעהליך, פּלוידערען, אָבער עס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבען. בלויז פון צייט־צו־צייט האָב איך אַ שמייכעל געטאָן.

איזאַבעלאַ האָט מיט דער האַנד פאַרמאַכט האַרי איזע־דאָם׳ס מויל, ווען ער איז געוועזען פרעך.

דערנאָך האָבען זיי גענומען אַוועקגעהן.

— אַלע טאָג וועלען מיר צו דיר קומען, אַקסעל! קיין שום אייסרייד וועט דאָ ניט העלפען.

זיי זיינען אַוועק. איזאַבעלאַ האָט זיך נאָך אַמאָל צוריק־געקעהרט.

זי האָט מיך אַרומגענומען און צוגעדריקט זיך צו מיר. — הער זיך איין, — האָט זי געזאָגט, — וואָס איז דאָס אַזוינס מיט דיר? זעה, ס׳אַרא אויסזעהן דו האָסט! דו ביזט עהנליך אויף אַ מת! דו ביזט דאָך גרין געוואָרען אין גאַנצען, אַקסעל!

איך האָב אַ שמייכעל געטאָן.

— אַ, אַקסעל, הייל זיך אויס! ס׳אַרא פרעהליכער יונג ביזטו עס געוועזען פריהער! איך פּלעג אַלעמען זאָגען: ווען איהר זאָלט נאָר אַ קוק טאָן אויף אַקסעל׳ן! נו, צום ווידער־זעהן, גיב אַכטונג אויף זיך, אַקסעל.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגעל. יאָ, איך בין געווען עהנליך אויף אַ מת. פון וואַנען זאָל דאָס זיין ? איז דאָס ניט דערפאר, וואָס איך האָב די גאנצע צייט געלעבט מיט אַ שאָטען ?

איזעדאָם און איזאבעלאַ זיינען נאָך איינינע מאָל געווען ביי מיר ; איך בין אין דער היים ניט געווען. זיי האָבען מיך איינגעלאדען צו זיך אהיים. זיי האָבען געשיקט נאָך מיר אַ בריטשקע.

איך בין נישט געפאָהרען.

האָבען זיי דען ניט באַמערקט, אַז מיר איז שווער צו טרעפען זיך מיט מענשען ?

30

דער שלאָס איז געשטאַנען אויף'ן בלעטערלאָזען בערגיגען וואלד, אונטער'ן רעגען, אויפ'ן ווינד, צוגעדריקט פון די וואָל־קען, וואָס זיינען איבער איהם געהאַנגען, ער האָט אויסגעזעהן, ווי אַ פארוואָרפענער. עס איז געווען אין איהם שטיל, ווי אין אַ הויז, וואו עס ליגט אַ מת.

לאַנג האָבען זיך געצויגען די טעג און נאָך לענגער — די נעכט. עס האָט גערעגענט און אַ ווינד האָט געוועהט. די נשמה פון דער וועלט האָט געטרויערט.

אָפּטמאָל, ווען אויפ'ן הארצען איז געווען גוט, האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אַז פּאַצאַ איז צוריקגעקומען און איך קען שוין מיט איהם רעדען ; ווען אויפ'ן הארצען איז געווען גוט, האָט זיך מיר גע'חלום'ט אינגעבאָרג. אַ גערויש האָט זיך דורכ־געטראָגען איבער די גרויסע זאַלען, די בלומען אויף די טאַפּעטען האָבען ווידער גענומען בליהען, די פּאָרטרעטען אויף די ווענד האָבען גענומען שמייכלען. פיעל ליכט האָבען זיך אָנגעצונדען אין מיין צימער און מיט אַ פאר'שיכור'ט הארץ בין איך ארומ־געגאַנגען פון ווינקעל צו ווינקעל. עס האָט זיך גענעהנטערט דער זומער.

לאַכענדיגערהייט פרעגט מיך אינגעבאָרג : — וויפיעל מאָל וועסטו מיך נאָך היינט קושען ? — מיט אַ פול האַרץ שטעה איך נעבען איהר. — טויזענד מאָל, — זאָג איך. און איניעבאָרג פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענד, ציטערט און לאַכט.

דער זומער איז געקומען ; אין פּאַרק זינגען די פויגעל.

די זון שיינט. הורא ! דער רעגענבויגען איז דער טויער פון מיין הויז . . .

די ליכט לעשען זיך איינס נאָך'ן צווייטען, נאָך טרויעריגער ווערט אַרום מיר, נאָך טרויעריגער ווערט אין מיין האַרצען...

איך זיץ ביי דעם לעצטען ליכט און קוק, ווי עס ווערט אַלץ קלענער. אַזוי אַרום פּטור איך די צייט.

איך בין אַליין ; די געסט זיינען אַוועק.

און איך טראַכט : שווער איז דאָס לעבען, שווערע אויפּגאַבען שטעלט עס דעם מענשען. זוך דיר גליק, מענש לעב דיר גליקליך, מענש ! לאָף ווידער, נאָך דעם ווי דו האָסט געיאָמערט ! אָ, מענש !

אַזוי זאָגט דאָס לעבען, ניט געבענדיג אַ פּינטעל מיט די אויגען.

אַמאָל ביינאַכט, ווען אין די שויבען האָט געקלאַפּט דער רעגען, איז מיר איינגעפאַלען צו שרייבען אַ בריעף צו אינגעבאָרג. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געשריבען און מיר איז געוואָרען לייכטער. איך האָב געשריבען : אינגעבאָרג, אינגעבאָרג, פאַר וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזען ? פאַרוואָס ? האָב איך דען דיך ניט ליעב, איז דען אונז ניט געווען אַזוי גוט אין דעם פריהלינג און אין דעם זומער ? איך פרעג דיך בלויז, דאָס איז ניט קיין פאָרוואורף, ניין, דו האָסט דערזעהן קאַרל'ן, זיין אמת פּנים, זיין ריכטיג פּנים. איז וואָס ? איך שרייב דיר, –ו וועסט קיינמאָל ניט קריגען דעם בריעף, אָבער עס איז אַזוי פאַרפיהרעריש־זיס צו שרייבען צו דיר.

אָ, ווען דו וואָלסט וויסען, ווי איינזאַם דאָ איז ! קיין זאַך באַוועגט זיך ניט אין מיינע צימערן. איך קלאַפּ מיט די טירען, איך פייף, אָבער נאָך שרעקליכער נעמט מיך דורך די שטילקייט. אָ, ווען דו זאָלסט וויסען, וואָס עס קומט מיר אַלץ

אוים איבערצולעבען ! מעגליך, אז דו וואָלסט דאַמאָלט צו מיר געקומען באַטש אויף איין שעה ; מעגליך, אז דו וואָלסט געשריבען א פּאָר ווערטער. אַ, דו ביזט דאָך אַזוי גוט, דו וואָלסט עס זיכער געטאָן. אַ, ווען דו זאָלסט עס נאָר וויסען !

זיי געבענשט, אינגעבאָרג ! שטענדיג טראַכט איך וועגען דיר. מאַך מיר ניט קיין פאָרוואורף דערפאַר. עס איז דאָך ערשט די ערשטע פּאָר וואָכען. זאָל נאָר אריבערגעהן אביסעל צייט — און איך וועל זיך אויפהערען צו געזעגענען מיט דיר, און אַלץ וועט אוועק צום בעסטען.

איך זעה דיך, אינגעבאָרג, דו שמייכעלסט און פון דיינע אויגען שפּריצען פונקען, ליכטיגע, פונקט ווי די, וואָס שפּריצען ארויס פון א פייער.

אינגעבאָרג, דו ביזט דער מילדער פריהלינגס-ווינד וואָס פאַרטרייבט דעם שניי. דו ביזט א ווייסע בלום פול מיט טוי !

זעה, וויפיעל איך שרייב עס דיר, אינגעבאָרג ! אָבער איצט איז ערשט צעהן א זייגער און די נאַכט אַזוי לאַנג. איך וועל דיר נאָך אביסעל צושרייבען.

אינגעבאָרג, איך פיהל ווען דו טראַכסט וועגען מיר. איך זעה, און מיט אמאָל ווער איך אונגעדולדיג. דו שטעהסט הינ־טער מיר און גלעטסט מיין נאַקען, דו ריהרסט אָן די ארויסשטאַ־רענדע הערלעך ; איך פיהל עס.

אינגעבאָרג, קען דאָס פּאַסירען, אז דיין געשטאַלט זאָל זיך וויגען אין דער לופט, אָדער בלויז דער גלאַנץ פון דיינע באַקען, דער שמייכעל פון דיין מויל ? הער זיך איין, אינגע־באָרג, אָפּטמאָל באַווייזטו זיך צו מיר אין די נעכט און צוויי טרערען פאַלען פון דיינע אויגען אויף מיינע ברעמען. איך כאַפּ זיך אויף, ווייל די טרערען בריהען מיך און איך געפין זיי אויף מיינע באַקען.

אינגעבאָרג, טיילמאָל רעדסטו מיט מיר אַזוי, ווי מען רעדט, ווען מען וויל פּאַרלאָזען. — אַקסעל, — מורמעלסט דו, — פאַר וואָס געה איך אוועק פון דיר ? ווי שעהן איז געווען אונזער ליעבע !

דער שיקזאַל באַפעהלט.

איך האָב דיר ניט געוואָלט וועה טאָן, אַקסעל.

ניין, קיינמאָל ניט, טייערע, ווי אַזוי האָסטו עס גאָר געקענט וועלען? גייע און זיי גליקליך. אַלץ וועט אַוועקגעהן גוט, זאָלען נאָר פאָראיבער איינינע טעג.

אינגעבאָרג! אינגעבאָרג! אָ, ווען איך זאָל קענען אויסטראַכטען צעהן טויזענד שעהנע נעמען פאַר דיר!

— — — — — — — — — — —

איך פיהל עפּעס אַ ביי־געשמאַק אויף מיינע ליפּען.

טיילמאָל געהט ער אַוועק, אָבער שטענדיג קומט ער צוריק.

איך פיהל איהם אין די פריהמאָרגענס, ווען איך שטעה אויף און אין דעם באַשטעהט מיין גליק פאַר דעם גאַנצען טאָג. מעגליך, אַז דער ביי־געשמאַק אויף די ליפּען וועט פאַרשווינ־דען, אָבער ער חלום'ט זיך מיר אין די נעכט און איך כאַפּ זיך אויף: ער איז אויף מיינע ליפּען.

נאָכדעם וואָג איך שוין ניט מעהר איינצושלאָפען.

וואָס זאָל איך טאָן? לעזען? אָבער איך האָב אויפ־געהערט צו פאַרשטעהן. שפּילען אויף דער פּיאַנאָ אָדער אויפ'ן פידעל? אָבער אינגעבאָרג איז אין יעדער טאָן! אָדער זאָל איך זיך גאָר פאַרנעמען מיט האַנדעל?

אפשר אַוועקפאָהרען? וויים, דאָרט, וואו עס ענדיגט זיך די באַהן און דערנאָך — וואַנדערען און וואַנדערען?

ניט ווילענדיג האָב איך אָפּט אין יענער צייט זיך דער־מאָנט די געשיכטע מיט הערמאַן עקע, דעם גוט־באַזיצער, וואָס זיין ווייב האָט איהם פאַרלאָזען.

איך האָב זיך אָפּטמאָל דערמאָנט אָן די געשיכטע פון הערמאַן עקע, וואָס האָט געגלויבט, אַז זיין ווייב מוז צוריק־קומען.

ער האָט אַ גאָרטען מיט רויזען פאַרזעהט, ער האָט אויס־געבויט אַ ווערענדע פאַר איהר. אין די וואָזעס שטעהען שטענ־דיג פרישע בלומען, אַ גאַנצע נאַכט ברענט אַ לאָמפּ אין איהר צימער.

מענשען, גיבער, געשווינדער!

היינט קען נאָך קומען עווא!

זאָגט אַ פריינד צו הערמאַן עקע: — הייסט דו, אַז

זי קומט ? — כאַ־כאַ־כאַ — ענטפערט הערמאַן עקע. דאָס איז אַלץ, וואָס ער ענטפערט.

פאַרשטעהט זיך, אַז עווא וועט קומען.

קעניגין, פאַרטיג איז דיין טראָן !... אַ, נאַר ! יאַ, הערמאַן עקע איז אַ נאַר, אָבער אַ גליקליכער נאַר.

איינמאָל ביי נאַכט האָט זיך אַ הירש צושריען אין וואַלד. איך בין געשטאַנען ביים פענסטער און זיך גענומען איינהערען צו זיין געשריי.

מיט אַמאָל איז אין קאָפּ געבאָרען געוואָרען אַ געדאַנק, אַ קלאָרער און אַ שטאַרקער. איך האָב געקעמפט מיט דעם געדאַנק. וואָכען און חדשים האָב איך געקעמפט מיט דעם געדאַנק.

איך בין געווען אומעטיג, טרויעריג. איך האָב אָנגעטאָן אַ זאַק און מיט אַש באַשאָטען דעם קאָפּ. איך האָב שוין מעהר ניט געלאַכט און זעלטען געשמייכעלט. איך האָב ליעב געהאַט צו טאַנצען און צו יובלען פאַר פרייד, איך האָב ליעב געהאַט צו גלייבען אין קאָפּ שעהנע געדאַנקען, איך האָב ליעב געהאַט צו הערען, ווי עס קלאַפּט מיין האַרץ. יאַ, אין יענעם זומער האָבען אין מיר געקלונגען סימפאָניען, סימפאָניען — אָהן אַ סוף, אָהן אַ סוף.

איצט בין איך געווען פאַרטריבען פון מיין קעניגרייך. אַן אָרימאַן, וואָס שלעפּט זיך איבער די הייזער, וואָס שטאַרבט פון הונגער.

אַמאָל בין איך געגאַנגען. איצט קריך איך.

אַ, וואָלט כאָטש די זון בלינד געוואָרען, וואָלט כאָטש די וועלט צושמעטערט געוואָרען אויף פּיצלעך !

די האַנד פון שיקזאַל האָט צוקרימט מיין פּנים ; איצט זעהט מיר מיין פּנים אויס פרעמד, מיינע אויגען האָבען זיך פאַרמאַכט, געוואָרען שמאָל, אַ טיפער קנייטש האָט זיך געלייגט צווישען די ברעמען, די ליפּען האָבען זיך צוזאַמענגעלעגט אין אַ טרויעריגען שמייכעל.

איך בין אומגליקליך.

אַ קורץ וואָרט איז עס. אָבער וועה איז צו דיר, אויב עס בלייבט נאָר ביי דיר דאָס איינציגע וואָרט.

איינמאָל ביי נאכט האָב איך געהאט אַ וואונדערבאַרען חלום. מיר האָט זיך גע'חלום'ט, אַז אינגעבאָרג שטעהט ביי מיין בעט. איך האָב געזעהן, אַז זי שטעהט. עס איז געווען אַזוי ווי אין זומער־צייט: די לבנה האָט אריינגעלויכטען דורך די צווייגען פון די בוימער און דער דיל פון צימער האָט אויסגעזעהן ווי אַ שפּיגעל, וואָס איז צובראָכען געוואָרען אויף טויזענדער שטיקלעך. אויך אינגעבאָרג האָט געלויכטען. איך האָב זיך אויפגעכאפּט: ארום מיר איז געווען לעער און קאַלט. איך האָב זיך אָנגעטאָן און געלאָזען זיך בארג־אראָפּ. איך האָב זיך אָנגעשלאָגען אָן די רעלסען. פארפראָרענע ראָסע איז געלעגען אויף זיי.

עס זיינען געקומען צוויי גליקליכע טעג פאר מיר. צוויי טעג, ווי מאַי, רויטבאַקיגע, שנעלפיסיגע, ווי די שטראַלען פון דער זון.

אין ערשטען טאָג איז צוריקגעקומען פּאַצאָ. אין צווייטען — איז אָנגעקומען אַ בריעף פון אינגעבאָרג.

איך בין געשטאַנען ביים פענסטער און געקוקט אויפ'ן וועג. אַ יעגער איז געגאַנגען אויפ'ן וועג מיט אַ הונד. ניין, דאָס איז ניט קיין יעגער; ער האָט ניט קיין ביקס, און ער געהט ניט אַזוי, ווי עס געהען יעגער; דאָס איז אַ פּאַסטוך מיט זיין הונד. ניין, דאָס איז ניט קיין פּאַסטוך, דאָס איז אַ באַהן־וועכטער. דאָס האָט מען געקענט זעהן לויט זיין הוט; אָבער דער הונד איז ניט געווען קיין הונד פון קיין וועכטער. אָט דער מאָגערער הונד, וואָס האָט קוים געשלעפּט די פיס איז געווען פּאַצאָ.

איך האָב געעפענט דאָס פענסטער און אַ פייף געטאָן. דער הונד האָט אויפגעשפּיצט די אויערען, שוואַך זיך צובולען און פאַרמאַטערט גענומען לויפען.

— קומט אריין! אהער פריינד מיינער! — האָב איך אויסגעשריען דעם וועכטער.

בילענדיג איז פּאַצאָ ארויפגעלאָפען די טרעפּ און ארויפגעשפּרונגען אויף מיר. ער האָט זיך אַזוי געענדערט, אַז עס איז

געווען איהם שווער צו דערקענען. דערנאָך האָט ער גענומען וואָיען און לעקען מיינע פיס. ער האָט טרויעריג געבולען און מיט'ן עק געקלאַפּט אויפ'ן דיל.

— וואָס איז מיט דיר פּאַצאַ, דיינע אויגען זיינען אַזוי טרויעריג ?

דער וועכטער איז אַריינגעקומען.

— מיין נאָמען איז פּאַוליוס, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב געכאַפּט דעם הונד. ער האָט געהאַלטען אין איין לויפען אויף די רעלסען. ער איז קראַנק, וויל גאָרנישט ניט עסען.

— אַלץ וועט ווידער זיין גוט, ניט אמת, פּאַצאַ ?

פּאַצאַ האָט אַ דרעה געטאָן מיט'ן עק און אַ ביל געטאָן.

— ביטע, זעצט אייך ! דערלאַנגט וויין ! — איך בעט אייך דערצעהלען אַלץ. — דער מענש, וואָס זיין נאָמען איז געווען פּאַוליוס האָט מיר דערצעהלט אַלע איינצעלהייטען.

ער האָט איהם פאַרשפּאַרט אין גאָרטען און אַפילו אוועקגעשטעלט אַ קעסטעל פאַר איהם. אָבער אַם מיינסטען האָט איהם אינטערעסירט : צו וועמען באַלאַנגט דער הונד ? איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער הונד האָט געמוזט אַרויסשפּרינגען פון אַ פענסטער פון אַ וואַגאָן און ער מוז זיין ניט פון דאַנען, נאָר פון דער וויים. ער אַליין לעבט אָן אַ זייט, און בלויז אַלע שבת געהט ער אין דאָרף אַריין. דאָרט איז ער געוואָרען אַלץ. האָט ער זיך באַנוצט מיט'ן אורלויב, וואָס ער האָט איצט און אַליין געבראַכט דעם הונד.

— וויפיעל־זשע קומט אייך ? — האָב איך איהם געפרעגט.

דער וועכטער האָט זיך צושמייכעלט, אַ פּיהר געטאָן מיט'ן צונג איבער די וואָנסען און גענומען קנייטשען דעם הוט אין דער האַנד.

עט, וואָס איז דאָ צו ריידען, דער הונד האָט ניט געשטערט דאָס באַלעבאַטישקייט. געגעסען האָט ער ניט פיעל. איהם איז שווער צו זאָגען, ער לאָזט עס איבער פאַר'ן פּריץ.

— אָבער, פאָרט וויפיעל פאַרלאַנגט איהר ?

— נו, לאָמיר זאָגען פינף מאַרק.

איך האָב זיך צושמייכעלט :

— נאָט איז מיט אייך ! — האָב איך געזאָגט.

— נו, אויב אזוי, זאָלען מיר עס מאַכען פאַר דריי מאַרק. א האַלבען טאָג האָב איך דאָך אָנגעוואָרען. דינגען איז זיך ויטאָ באַרוואַס.

ניט ווילענדיג האָב איך זיך צולאַכט. דער וועכטער איז רויט געוואָרען.

איך האָב זיך נאָך מעהר צולאַכט. איך בין געזעסען נעבען איהם און געציטערט פאַר פרייד און ער בעט פינף מאַרק! האָט איהר שוין אזוינס געהערט! ער האָט געקענט בעטען מיין גאַנץ פארמעגען און איך וואָלט איהם נעגעבען.

— הערט זיך איין, מיין פריינד, — האָב איך איהם יעזאָגט, — פאַר מיר איז די סומע ניט צו גרויס, נאָר צו קליין. איך וואָלט אייך אָפּגענאַרט, ווען איך זאָל אייך געבען פינף מאַרק, און איהר וואָלט נאָך געבליבען צופרידען. דאָס וואָלט געווען אַן אָפּנאַרעריי, ווייל אַט דער הונד איז ניט קיין געוועהנ־ליכער, אָ, ניין! — און איך האָב איהם דערצעהלט, דעם שטאַם פון הונד און אז ער האָט שוין פאַרדינט מעהר ווי פופציג טויזענד מאַרק אויף אויסשטעלונגען און אז אין ניכען דאַרף ער אוועקגעשיקט ווערען נאָך אַמעריקאַ אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג פון הינד.

מיר איז שווער אָנגעקומען זיך איינצוהאַלטען פון לאַכען, ווייל דאָס פּנים פון דעם באַהן־וועכטער האָט זיך אַלץ מעהר אויסגעצויגען, וואָס מעהר איך האָב דערצעהלט פון די פּרייזען, וואָס פאַצאַ האָט געגומען, — געוויס, ער איז שוין אביסעל צו אַלט, — האָב איך געענדיגט, — אָבער ער קען נאָך אַלץ קריגען א פּאָר פּרעמיען; אַלענפאַלס, וואָלט איך איהם פאַר פופציג טויזענד מאַרק ניט פאַרקויפט.

אַז עקספּערט וואָלט דעם הונד אָפּגעשאַצט אין א דרייסיג, לאָמיר זאָגען, צוואַנציג טויזענד מאַרק. אזוי ווי נאָך׳ן געזעץ האָט איהר א רעכט צו פאָדערן צעהן פּראָצענט פון דאָס געפונ־נענע, בין איך צופרידען, איך צו געבען צוויי טויזענד מאַרק. זייט איהר צופרידען?

— וואָס רעדט איהר? . . .

איך וויצעל זיך ניט, איך קען אייך ווייזען דעם הונד׳ס

אַטעסמאַטען. אַלץ, וואָס איך וויל, איז אייך ניט געגאַרען. — איך האָב גערעדט מיט אַ קלאָרער און איבערצייגטער שטימע.

דער וועכטער האָט זיך צולאַכט, ווי אַ משוגע׳נער, ער האָט זיך מיליטעריש אויסגעצויגען, צוגעלייגט די האַנד צום הוט און געשיקט מיר פון דער ווייטען אַ קוש. ווי אַן אונטערגעצונדע־נער איז ער אַנטלאָפען אונטער׳ן בארג; דריי מאָל איז איהם דער הוט אַראָפּגעפאַלען.

ווי ער האָט זיך דאָס דערפרעהט? צוויי טויזענד מאַרק! פאַראַנען מענשען, וועלכע זאָלסט אונטערטראָגען גאַנץ אינדיען מיט אַ צוגאַב דעם גן־עדן און זיי וועלען זיך אַזוי ניט דערפרעהען.

איך האָב די טיר פאַרריגעלט.

— פּאַצאָ! פּאַצאָ!

איך האָב זיך געוואָרפען אויף דער ערד, געיאַמערט, געלאַכט פאַר פרייד!

— דו, מיין גוטער פּאַצאָ!

פּאַצאָ האָט אַ לעק געטאָן מיין האַנד, מיין פּנים, האָט אַ דרעה געטאָן מיט׳ן עק און צובילט זיך. איך האָב איהם געקוקט אין די אויגען. ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען. אַ, ווען ער זאָל קענען רעדען!

ער איז ניט געוועזען אין גאַנצען געזונד, שיער ניט אויסגע־גאַנגען פון הונגער.

איצט איז שוין אַלץ געוואָרען ווידער גוט. כאַ־כאַ־כאַ!

פּאַצאָ, פּאַצאָ איז צוריקגעקומען!

שענק אַ מענשען אַוועק גאַנץ אינדיען מיט אַ צולאָג דעם גן עדן און טויזענד שענסטע פרויען פון דער וועלט, — אַזעלכע, וואָן וועלכע דאָס האַרץ הויבט אָן חלאַפּען, ווען זיי ריהרען זיך נאָר צו, און יעדער אָדעריל נעמט ציטערען — און דער מענש וועט ניט רויט ווערען! גיב איהם אָבער, איין שורה, איין וואָרט פון זיין געליעבטער, — און ער וועט בלייך ווערען פאַר פרייד.

יאָ, ס׳איז געקומען אַ בריעף פון אינגעבאָרג. איך בין געזעסען אין מיין צימער און אַרומגעגאַנגען אַרום פּאַצאָ. פּאַצאָ איז כסדר געשלאָפען און ער האָט אַוועקגעדרעהט דעם קאָפּ, ווען איך האָב איהם געוואָלט געבען ווייז אָדער געהאַקט פלייש.

מיט בלוט זיינען געווען זיינע אויגען אָנגעגאָסען. אָבער ער וועט אין גיכען געזונט ווערען, און דאַמאָלס וועט זיין א הערליכע צייט. מיר וועלען צוזאַמען אריבערשטופען דעם ווינטער, טעג און נעכט זיין צוזאַמען.

און אָט איז אָנגעקומען א בריעף. די אַלטע מארי האָט מיר דעם בריעף דערלאַנגט מיט אַזאַ מינע, ווי דאָס וואָלט גאָרנישט ניט געווען עפּעס אויסערגעוועהנליכעס. איך האָב איבערגעלעזען דעם אדרעס: עס איז געווען פון אינגעבאָרג.

ניט אומזיסט האָט דער בריעף־טרעגער געבראַכט דעם בריעף.

פריינד, פריינד, פריינד און ליעבע מענשען! — אַלע אויף דער וועלט! — ניין, שטילער, שטילער!

איז דאָס אינגעבאָרגס האַנדשריפט? יא, דאָס איז איהר, מעגליך, אז דאָ איז געלעגען אינגעבאָרגס האַנד? יא, יא, אינגעבאָרגס ליפּען האָבען פאַרקלעפּט דעם קאָנווערט.

ווייסטו וואָס עס באַדייט ווען מען גיט אַן אומגליקליכען אביסעל גליק? דאָס איז די זון אין מיטען־נאַכט, דאָס איז דאָסזעלבע, ווי גאָט אַליין וואָלט זיך צו איהם באַוויזען, דאָס איז... ניין, שטילער!

איך האָב גענומען דעם הוט און אוועק אין וואַלד. פּאַצאַ? אָבער פּאַצאַ האָט בלויז צוזאַמענגעצויגען די אויגען און לייכט א דרעה געטאָן מיט'ן עק. אין וואַלד אריין! האָט דאָך דער בריעף געדאַרפט דורכגעלעזען ווערען אין וואַלד. ער איז נאָך אַלץ ניט געעפנט געווארען. ער איז נאָך אַלץ ניט געעפנט געווארען. גיכער!

איך בין אַלץ טיעפער אוועק אין וואַלד אריין מיט'ן בריעף אין דער האַנד. מיט אַמאָל האָבען גלאָקען גענומען קלינגען אין גאַנצען וואַלד. די ערד האָט געקלונגען, די בוימער האָבען געקלונגען.

זייערע שפּיצען האָבען זיך געוויגט פון איין זייט אויף דער צווייטער און געקלונגען.

איך בין געגאַנגען געיאָגט פון דעם הילך פון די פייערליכע גלאָקען; און זיי האָבען געקלונגען, געקלונגען, איך האָב זיך געלייגט אויפ'ן גראָז און גענומען זיך איינהערען צו דעם זאַנ־

דערבארען, פייערליכען קלאנג, וואס האט זיך געטראגען ארום מיר.

ווי גוט איז געווען צו ליגען דא, הערען און קוקען אויף אינגעבארג׳ס בריעף.

וואר־זשע ביזטו, אינגעבארג ?

בלויז א פאר ווערטער האט אינגעבארג געשריבען. איך מוז איהר מוחל זיין, — איהר הערט ? — דאס שרייבט אינגעבארג ! — זי האט ניט געוואגט שרייבען צו מיר — איהר הערט ? — קארל גריסט מיך. זי בעט מיך אום א פאר קלייניגקייטען ; קען איך איהר ניט צושיקען דעם מעדאליאן מיט איהר מוטערס בילד ? זי קען ניט לעבען אהן דעם מעדאליאן.

זי איז זעהר פארנומען. לערנט זיך זינגען. קארל איז שטענדיג פארנומען מיט זיין ארבייט, און בלויז אין אווענט קענען זיי זיין אביסעל צוזאמען, אבער זי איז גליקליך.

דעם מעדאליאן וועט זי קריגען מיט דער נעקסטער פאסט. איך האב איהם געטראגען אויפ׳ן האלז. אבער זי וועט איהם באקומען. אלץ, וואס זי וויל, אלץ.

„ענטפער גיכער, אקסעל !“

יא, נאך היינט דארף מען איהר שרייבען .

איך האב זיך פארקליבען טיעף אין וואלד אריין, אינגעבארג, און גענומען שרייבען דיר א בריעף, אבער דער וואלד האט גענומען קלינגען. זאנדערבאר און אמוזאנט איז דאס אלץ געווען. איך האב זיך זעהר דערפרעהט, א, ווי איך האב זיך דערפרעהט !

יא, דאס איז געווען א שעהנער בריעף.

אין אלע זייטען פון וואלד האב איך זיך ארומגעשלעפט. האט דען היינטיגען טאג עקזיסטירט א גליקליכערער מענש אויף דער וועלט ? ניין, ניין !

איך בין ארומגעגאנגען אין וואלד און געטומעלט ווי א אינגעל. הונדערט מאל איבערגעלעזען אינגעבארג׳ס בריעף. דער וואלד האט נאך אלץ געקלונגען. דאס איז געווען א הערליכער טאג און אין א צארטען דעמערונג האט ער דערברענט.

עס האט גענומען טריפען, ווי עס וואלט געגאנגען א רעגען. איך בין ארויס אויפ׳ן בארג־וועג. פון א געלען גרויסען

וואָלקען איז געגאַנגען אַ רעגען, וואָס האָט מיט דינע שטרייפען דורכגעשטאָכען די גרויע דעמערונג. בלויע אָדערען האָבען געפלאַסען איבער'ן שטעגעל. די בלעטער אויפ'ן וועג און צווי־שען די בוימער האָבען אויסגעזעהען ווי אַ שעהנער טעפּיך.

עס האָבען זיך דערהערט טריט אויפ'ן וועג און איך האָב זיך אומגעקוקט. אויפ'ן וועג איז געגאַנגען אַ מענש מיט קורץ אָפּגעשאָרענע האָר און מיט אַ פּנים פון ערד־קאָליר. זיינע גרויסע אויגען האָבען ווי פייער געברענט. ער האָט געפּאַכט מיט'ן הוט און געגאַנגען פּאַמעליך, ווי עס וואָלט מיט איהם פּאַסירט אַ גרויס אומגליק. נאָר ווען ער איז אָנגעקומען אביסעל נעהנטער, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז געגאַנגען פּאַמעליך דערפאַר, כדי אביסעל זיך אָפּצורוהען. ער איז, ווי עס האָט אויסגעזעהן, געגאַנגען פון גאַנץ ווייט. זיינע שיך זיינען געווען אין גאַנצען ווייס פון שטויב, מיט שוואַרצע שטערענדלעך פונ'ם רעגען. ער האָט געהאַט אַ טרויעריג געזיכט, ווי אַ מאָנאַך, און גלאַנצענדיגע אויגען, וואָס האָבען אָפּען געקוקט אויף גאָטס וועלט.

— גאָט־העלף! — האָט אויסגעשריען דער מאָנאַך און אַ מאַך געטאָן מיט'ן הוט.

— גאָט־העלף! — האָב איך געענטפערט.

דער וואַנדערער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— יאַ! — האָט ער אויסגעשריען, — אַ וואונדערבאַרער רעגען! אָ, און ס'אַראַ לופט! אָט דער רעגען איז דאָך אמת'ער וויין! — ער האָט אַ פּינטעל געטאָן מיט די אויגען, אַ וויג געטאָן דעם קאָפּ און געדרעהט זיין גאָלען שאַרבען אויף רעכטס און אויף לינקס און ווידער אמאָל אַ פּינטעל געטאָן מיט די אויגען.

— אָ, ס'אַרא בוים! וואָסער בוים איז דאָס? גאָט מיי־נער, איין גרויסער וואונדער איז די דאָזיגע וועלט!

יאַ, אַ וואונדער איז די דאָזיגע וועלט!

איך האָב זיך צעלאַכט.

דער וואַנדערער האָט זיך געלאָזען אין וועג אריין, איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט איהם.

— און ס'אַרא פאַרבען! רויט, געל, גרין — אַלץ, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען! איבעראַשענד גוט איז דאָ!

און ווי דער וואלד האָט זיך צושפּרייט אין דער טיעף און אין דער לענג ! און ווי דער הימעל איז הויך ! הויך, הויך ! גאָט, ווי הויך איז דיין הימעל !

ער האָט געיובעלט און געפּאָכט מיט׳ן הוט.

— גאָט, ווי הויך איז דיין הימעל ! — האָט עס אויסגעשריען און צושפּרייט די הענד !

פּלוצים איז אויפ׳ן וועג ארויסגעשפּרונגען א וויעוויערקע.

— האָסט געזעהן ? — האָט ער אויסגעשריען, — ווי גיך זי איז דאָס ארויפגעשפּרונגען אויפ׳ן בוים ! אָט זיצט זי דאָרט. זעהסט ? אָ, ס׳ארא קלוג חיה׳לע ! שוין לאנגע יאָהרען, ווי כ׳האָב ניט געזעהען קיין איינע פון זיי. אָט איז זי ווידער אריבערגעשפּרונגען, אריבערגעשפּרונגען פון איין בוים אויפ׳ן צווייטען.

אויף טראָט און טראָט האָט דער דאָזיגער מענש אויסגעשריען פאר באגייסטערונג. ער האָט אויסגעזעהען, ווי ער וואָלט לאנגע יאָהרען געלעגען קראנק און ערשט היינט צום ערשטען מאָל פארלאָזען זיין צימער.

איז ער נישט קראנק געווען ? — האָב איך איהם געפרעגט.

יא, ערנסט קראנק. אָבער איצט איז ער ווידער געזונד. קיינער קען זיך ניט פאָרשטעלען, ווי גליקליך ער איז. ניט פאראַן אויף דער גאנצער וועלט קיין גליקליכערען מענשען פון איהם.

— פאר וואָס ?

דער וואנדערער האָט זיך אָפּגעשטעלט, א פינטעל געטאָן מיט די אויגען און צולאכט זיך. א זאָנדערבארע בילד האָט פארגעשטעלט אָט דאָס טרויעריגע, צוקנייטשטע, גרויע געזיכט, מיט די טרערענדיגע אויגען, ווען עס האָט גענומען לאכען. ווי קליינע שטרייפען האָבען אויסגעזעהען זיינע אויגען, אָבער מיט אמאָל האָבען זיי זיך פארוואנדעלט אין גרויסע, ליכטיגע רעדער.

— פריינד מיינער, גיב נאָר א קוק ! א זעלטען בילד, זאָג איך דיר. און ווייסטו מיט וועמען דו געהסט ? מעגליך, אז דו האַלטסט מיך פאר א נאַר. גיב נאָר א קוק אויף מיר : פאר דיר שטעהט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט !

איך האָב איהם מיט דער האנד א קלאפּ געטאָן איבער דער

פליִיצע ; דער קליינער וואנדרערער האָט פון דעם קלאַפּ זיך שיִער ניט צונעזעצט צו דער ערד.

גרויסאַרטיג, פריינד מיינער ! — האָב איך אויסגעשריען און לאַכענדיג האָב איך זיך טיף פאַר איהם איינגעבויגען. — איך בין דיין ברודער. איך בין אויך דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

— בע־בע־בע.

— כאַ־כאַ־כאַ.

מיר האָבען אזוי געקייכט פאַר געלעכטער, אז מען האָט גע־קענט מיינען, אז מיר בויגען זיך טיף איינער פאַר'ן צווייטען. מיר זיינען געשטאַנען אין מיטען וועג, אין דעם הערבסטליכען וואלד, אונטער'ן רעגען און גענייגט זיך איינער צום צווייטען.

— יא, — האָב איך געזאָגט, — פריינד מיינער, ווען דו זאָלסט וויסען, ווי גליקליך איך בין ! איך בין אַן אייזענבאַהן־וועכטער. מיט אַמאָל זעה איך, אַ הונד לויפט איבער די רעלסען. איך כאַפּ דעם הונד און פיהר אָפּ צו זיין באַלעבאָס. זעהסט דעם שלאָס דאָרט אונטען ?

— יא, אַ הערליכער שלאָס !

— הער זיך איין ווייטער. איך ברענג צופיהרען דעם הונד. מען פרעגט מיך, וויפיעל איך פאַרלאַנג. קורץ און שאַרף האָט ער געפרעגט, ווי געוועהנליך עס פרעגען די רייכע הערען. פריינד מיינער, ס'אַרא שעהן ווייב ער האָט ! אַ שלאַנקע, אַ גאָלד־לאָקיגע און מיט אַ באַצויבערנדען שמייכעל. די לאָקען פאַלען ביי איהר אויף דעם שטערען, ווי ביי קינדער. אויגען האָט זי קליינע, לעבעדיגע, העל־בלויע, ווי אַ פערגעס־מיך נִיט. אַ קול, ווי ביי אַ פויגעל. האָט זי אָנגעהויבען צו רעדען...

— וויפיעל־זשע האָסטו געבעטען ?

— פינף מאַרק. צופיעל ?

— די פראַגע איז, וויפיעל צייט האָסטו אכטונג געגעבען אויפ'ן הונד.

— זעקס וואָכען.

— אויב אזוי, איז עס ניט צופיעל.

— וואָס־זשע מיינסטו האָט פאַסירט ? דער פריץ האָט זיך צוקייכט פאַר געלעכטער און זיין שענע פרוי האָט אויך

געלאכט. — הערסט אינגעבאָרג, ער בעט פינף מארק — האָט געזאָגט דער פּריץ. זיין שעהנע פרוי האָט אויף דעם געענטפערט, אַז איך מוז זיין משוגע.ביידע האָבען זיך צולאכט. וויפיעל־זשע מיינסטו, האָבען זיי מיר געגעבען ?

— צוואנציג מארק ?

— צוויי טויזענד ! ! — האָב איך אויסגעשריען אזוי הויך, אַז דער וואַלד האָט אַזש אָנגעהויבען צו רוישען.

— שווייג־זשע ! — האָט דער וואנדערער אויסגעשריען פּונקט אזוי הויך.

— יא, צוויי טויזענד מארק ! איך וועל זיי דיר ווייזען. — איך האָב ארויסגענומען מיין בייטעל.

— זעהסט ? איך ליג ניט. דו קענסט דיר גאָר ניט פאָר־שטעלען וואָסער הונד דאָס איז געווען ! אויף אויסשטעלונגען פלעגט ער געשיקט ווערען, פלעגט אומעטום נעמען פּרייזען. אין ניבען וועט ער געשיקט ווערען נאָך אמעריקא.

— מערקווירדיג !

— יא, ווען א מענשען איז באשערט גליק, קומט אין זיין הויף צו לויפען א פּרעמיאירטער הונד. וואס־זשע ועסטו איצט זאָגען, בין איך ניט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט ?

— לאָמיר געהן — האָט געענטפערט דער וואנדערער, — מען קען שמועסען געהענדיגערהייט. ווען איך זאָל אפילו גלוי־בען, אז דאָס אלץ איז אמת, איז אָבער דיין גליק נאָך אלץ ניט אזוי גרויס ווי מיינער. אויסערליך זעהט דיין גליק אוים גרויס, אָבער געלט גיט ניט קיין גליק. דו קענסט פאר געלט קריגען פיעל ניצליכעס און נויטווענדיגעס. דאָס איז אמת. אָבער מיין גליק איז טיפער, אין מיין הארצען איז עס, אינעווייניג אין מיר פלאַטערט עס. איך בין ניי־געבאָרען, איך האָב געקראָגען לעבען און פרייהייט און שפּאַן מיר דורך דער הערליכער וועלט ; נאָך צוויי וואָכען איז געבליבען צו געהן און דאמאלט וועל איך שוין זיין ביי מיין ווייב ; איך האָב צוויי קינדער, וואָס באזוכען שוין איצט די שול. א אינגעל און א מיידעל. ניט אמת, דאָס איז שוין עפּעס אנדערש ? מעגליך, דו האָסט אויך קינדער.

— געוויס, געוויס. אָבער מיינע קינדער געהען נאָך ניט אין שול. הם... איך פארשטעה דיך, דו ביזט געזונט געוואָרען,

נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט און האָסט ווידער די מעגליכקייט צו זעהען דיינע אייגענע, אָבער פאָרט בין איך זעהר גליקליך, זעהר גליקליך. זאָג, פּאַסירט אויך מיט דיר דאָסזעלבע : ווען איך בין גליקליך, פיהל איך אַ נויטווענדיגקייט צו פאַרשאַפען פרייד אַנדערע ?

— דאָס איז אַן אַלמענשליכע נויטווענדיגקייט.

— הער זיך איין. לאָמיר אָננעמען, אַז איך האָב נאָר וואָס געקראָגען טויזענד מאַרק. וואָס זאָל זיין, ווען מיר זאָלען זיך צוטיילען ? איך דאַרף נישט דאָס געלד.

דער וואַנדרער האָט אַ פינטעל געטאָן מיט די אויגען און צולאַכט זיך. ער האָט מיט דער האַנד אַ שאָקעל געטאָן די קעשענע, און אַ קלאַנג פון אַביסעל קליין געלד האָט זיך געהערט.

ער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג. — אָט זעהסטו, איך האָב געלד און נויטיג זיך ניט. — האָט ער געזאָגט, — איך בין אַזוי גליקליך, מיין פריינד, אַז געלד שפּילט פאַר מיר קיין ראָלע ניט. אַלץ איז ביי מיר אין בעסטען אָרדנונג, מיין ווייב האָט זיך פאַרשאַפט אַ מאַשין צו שטריקען, זי איז זעהר אַרבייטס־זאַם און פעהיג.

אויב ער איז אַזאַ שטאָלצער, איז עפּעס אַנדערש...

לאָמיר זיך ניט קאַליע מאַכען די שטימונג, — האָט ער געזאָגט, — ווייל סוף כל סוף זיינען מיר די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט. דו האָסט אַ גוט האַרץ, דו ביזט גליקליך, אַז ניט וואָלסטו ניט געקענט אַזוי שמייכלען. איך קען גוט דאָס געלעכטער און דעם שמייכעל פון מענשען ; איך בין געווען דאָרט, וואו מען שמייכעלט זעלטען, פאַרשטעהסט ? דו ביזט אַזוי גליקליך, אַז דו קענסט דיר ערלויבען צו ווייצלען זיך. הער זיך איין, ברודער, איך קוק אויף דיינע הענד. דו ביזט דאָך ניט קיין אייזענבאַהן וועכטער, אמת ?

— כאַ־כאַ !

— ניין ! האָט דען אַן אייזענבאַהן וועכטער אַ טייסטער ? אויסער דעם, רעדט אַ וועכטער גאָר אַנדערש. איך האָב אַ סך געוואַנדערט און קען אייזענבאַהן וועכטער בעסער פון דיר. וואו געפינט זיך אַזאַ נאַר, וואָס זאָל געבען צוויי טויזענד מאַרק, ווען מען ברענגט איהם צוריק אַ הונד ? מיר זענען דאָך ניט אין

אמעריקא! איך בין זיכער, אז דו ביזט פון דעם שלאָס, אפשר דער פריץ אַליין?

איך האָב זיך צולאכט.

ס'אַרא חכם דו ביזט! דאַרף איך דען זאָגען יעדען איינעם וואָרום איך בין גליקליך?

אָבער דיר וועל איך זיך מודה זיין, אז וואָס אנבעלאנגט דעם הונד, איז עס, פארשטעהסט זיך, א ליגען. אָבער איך וויל דיר זאגען דעם אמת. איך האָב היינט געקראָגען א בריעף פון מיין פרוי. זי איז איצט אין א קור־אָרט. א קינד איז ביי איהר געבאָרען געוואָרען, א איינגעל.

— אָ, דאָס זיינען שוין ערנסטערע רייד, אָט דאָס הייסט גליק! איך באַגרים דיך!

— א דאנק, א דאנק!

איך האָב געמוזט אוועקדרעהען דעם קאָפּ. טרערען האָבען זיך מיט אמאָל באוויזען אין מיינע אויגען. ווי נאַריש איז דאָס געוועזן!

דער וואנדערער האָט א וואונק געטאָן. ער האָט עפּעס אזא שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. — וואָס איז מיט דיר? — האָט ער געפרעגט. דו ביזט עפּעס אזא זאָנדערבארער.

— דאָס איז גאָר נישט! — האָב איך אויסגעשריען, איך האָב זיך צולאכט און אוועקגעדרעהט דעם קאָפּ.

— איז אודאי גוט. מיר האָט זיך אזוי אויסגעוויזען, — און דיין שמייכעל איז עפּעס אויך אזא זאָנדערבארער. נו, זיי געזונד. נאָך איין וואָרט — אָפענהערציגקייט פאר אָפענהערציגקייט! גיב א קוק אויף מיר, אויף מיין פנים, אויף מיינע אָפּגעגאָלטע האָר. אויב דו ביזט ניט בלינד, וועסט זעהן פון וואָסער האָספּיטאָל איך קום. פיער יאָהר! דאָס איז געוועזן א שלעכטע און לייכטזיניגע האנדלונג. איצט, פארשטעהסט זיך, איז שוין אלץ געענדיגט — זיי געזונד!

מיר האָבען זיך דערלאנגט די הענד.

דער וואנדערער האָט מיט גיכע טריט זיך גענומען ארונטער־לאָזען אין טאָל. ער האָט זיך אומגעקוקט פון וועג און פייערליך געפּאָכט מיט'ן הוט. אלס ענטפער האָב איך פייערליך געפּאָכט מיט'ן שטעקען.

אין גיכען איז ער פארשוואונדען פון מיינע אויגען. ער האט זיך פארלארען אין דער דעמערונג.

אבער לאנג האט זיך נאך געטראגען צו מיר א יובלענדער גרוס פון דער ווייט, איך האב אזוי לאנג געענטפערט, ביז עס האט זיך שוין מעהר גאר נישט געהערט!

א גרויסארטיגער טאג!

.32

דעם בריעף אויפגעשריבען, דעם מעדאליאן אוועקגעשיקט. פיעל שוועריגקייטען האט מיר פארשאפט דער בריעף. איך שרייב אזוי זעלטען בריעף. דער דאזיגער בריעף האט ניט גע־טארט ענטהאלטען אין זיך עפעס טרויעריגעס, אבער אין דער זעלבער צייט אויך ניט עפעס לייכטעס, שפילעוודיגעס — איך האב געהאט אויף דעם א גוטען גרונד. און איך האב געשריבען וועגען פאצא. אז פאצא איז אנטלאפען, זעקס וואכען זיך ארומ־געשלעפט און איצט זיך צוריקגעקעהרט. נאר ער איז קראנק און צוטראגען. ער נעמט אפילו ברומען, ווען מען גלעט איהם. ער איז אויפגערעגט, ווי אן אמת'ער חולה. עס האבען זיך ביי איהם באוויזען קנייטשען צווישען די ברעמען. א פאלשטענדיג פארצאגט געזיכט. אבער איך האף, אז אין גיכען וועט ער זיך ערהאלען. און צום סוף — טויזענדער, טויזענדער גליקוואונשען צו אייך, מיינע טייערע פריינד.

איין גאט וויים, אז איך האב ניט געקענט וועגען עפעס אנ־דערש שרייבען. דער בריעף איז אויפגעשריבען, דער מעדא־ליאן — אוועקגעשיקט. גערן וואלט איך איהם איבערגעלאזען ביי זיך. מיט ליעבע האב איך איהם באטראכט, איידער איך האב איהם איינגעפאקט. אינגעבארג האט געהאט קארל'ן און איך — דעם מעדאליאן, אבער אינגעבארג האט איהם געדארפט האבען... אויסגעצייכענט.

א קליינע וואזע פון גרינעם גלאז איז ביי מיר נאך פארבליי־בען פון אינגעבארג.

אלע איבריגע זאכען זיינען פארשלאסען אין די צימערן.

די דאָזיגע צימערן זײַנען געװען פֿאַרשלאָסן אויף אײביק און די שליסלען צו זײ זײַנען געלעגן אין דער שראַנק צוזאַמען מיט אַלטע קלײדער.

אַ נײַ לעבן האָט געדאַרפֿט אויפֿשטיין! אָבער דאָס גרינגע װאָזעלע האָב איך איבערגעלאָזן. עס איז געשטאַנען אויף דער פּיאַנאָ און שטענדיק, װען איך פֿלעג פֿאַרבײַגײן, האָב איך עס געזען. זײַן פֿאָרם און קאָליר זײַנען געװען פֿון אַ ניט־צײַטיקער ציטרין, מיט אַ גאָלדענעם שטרײַף אַרום דעם ברעג.

טעג זײַנען פֿאַראיבער.

איך האָב געטראַכט, אפֿשר װעט אין גיכן קומען אַ נײַער בריװ פֿון אינגעבאָרג. „איך האָב ערהאַלטן דײַן בריװ און דעם מעדאַליאָן", — װעט זי זיכער שרײַבן.

איך בין געזעסן אין צימער און געװאַרט אויף אַ בריװ, אָדער איך בין אַװעק אין װאַלד און צוריקגעקומען מיט דער האָפֿנונג, אַז עס איז אָנגעקומען אַ בריװ פֿון אינגעבאָרג.

טעג זײַנען פֿאַראיבער. טרויעריקע טעג. דער װינט האָט געיאָמערט און געװאָרפֿן קוימיקע בלעטער, און זײ האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די שויבן. פֿאַרװעלקטע בלעטער פֿון די װעלדער האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אויף דער לאַנקע פֿאַר'ן הויז און געדרײט זיך אין אַ טאַנץ. עס האָט זיך געבילדעט אַ הויכער, זיך דרײענדיקער זײַל, װאָס פֿלעגט אָנהויבן צו טאַנצן, און טאַנצענדיקערהייט אַװעקשפּאַנען אין װאַלד אַרײַן. די בוימער זײַנען געשטאַנען אָן בלעטער, און מיט אַמאָל האָט זיך צװישן די הוילע בלעטער באַװיזן דער גלאָקענטורעם פֿון דער קירך. מען האָט שוין מער ניט געזען קײן בלומען: אַלץ איז פֿאַרװעלקט און פֿאַרפֿוילט געװאָרן.

אַ גרויסער, שװאַרצער ראָב האָט זיך געװיגט אין דער הויך אויף אַ צװײַג; אַ בלויער רויך האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון װאַלד פֿון אַ קלײנעם פֿײַער.

שװערע װאָלקן האָבן זיך געשלעפּט איבער די בערג; זײ זײַנען געבליבן שטעקן אין דער הויך, און טײלמאָל האָט טאָג און נאַכט געגאָסן אַ רעגן, װי אַ מבול; עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער װעט אַראָפּשװענקען דעם שלאָס.

אַפּטמאָל איז אין שטוב אריינגעקומען די אַלטע מאַרי. איך האָב געקוקט אויף איהרע הענד; קיין בריעף איז ניט געווען.

געדולד, געדולד! אינגעבאָרג איז זעהר פארנומען... האָט זי דאָך אַליין וועגען דעם געשריבען „דאָס לערנען פארנעמט כמעט מיין גאנצען טאָג. איך האָב אַ זעהר טאלאנטפולען לעהרער, אַ קאָמפּאָזיטאָר, קאַרל׳ס אַ פריינד. ער איז איצט פארנומען מיט׳ן שרייבען אַ נייע אָפּערע; ער איז זעהר שטרענג און מיר קומט אוים פיעל צו ארבייטען”.

זי וועט, אָבער, פּאָרט געפינען אמאָל אַ ביסעל פרייע צייט.

איך האָב פארבראכט די טעג אין דער ביבליאָטעק. איך האָב געהאט אַ רייכע ביבליאָטעק. אונצעהליגע וואונדער זיינען באהאלטען אין ביכער!

וואָס איז געשעהן מיט פּאַצאָ׳ן?

— וואָס איז מיט דיר, פּאַצאָ?

פּאַצאָ ליגט אויפ׳ן טעפּיך ביים קאַמין און עפענט די אויגען. ער איז קראַנק און פארגליווערט איז זיין בליק. ער עסט כמעט נאָרנישט און איז שרעקליך אָפּגעצעהרט געוואָרען. ער איז אַזוי שוואך, אַז ער קען קוים אויפשפּיצען די אויערען און אַ דרעה טאָן מיט׳ן עק.

ווען איך ריהר זיך צו איהם צו, שטעלען זיך זיינע האָר אויף דער פּלייצע אויף און ער נעמט מיט כעס ברומען. קיינער האָט ניט געוואגט פארבייגעהן פארביי איהם, און געגעסען האָט ער בלויז פון מיין האַנד. ווען די דינסט איז אריינגעקומען אין צימער אונטערצולייגען האָלץ אין קאַמין, האָט ער בייז צושפּרייט זיינע נאָזלעכער און באַוויזען די ציין.

פּאַצאָ׳ס געזונדהייטס־צושטאַנד האָט מיך זעהר באאומרוהיגט, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט עס מיך אביסעל צערשטרייט. איך בין ארומגעגאנגען ארום איהם ווי אַ מוטער געהט ארום ארום איהר קינד.

— אַלץ וועט זיך אויסלאָזען גוט, ליעבער פּאַצאָ, האָב נאָר אביסעל געדולד! — פלעג איך זאגען און צוזעצען זיך צו איהם אויף די קני. — האָב נאָר געדולד, מיין ליעבער.

אָבער עס איז איהם ניט בעסער געוואָרען, קיין זאך האָט

ניט געהאָלפֿען, און אין איין שטורמדיגער נאכט, איז פּאַצאָ פּלוצים אויפגעשפּרונגען און הויך זיך צובולען. דאָס איז גע־ווען אַ פּאַרשטיקט בילען, אַ ווילדס און אַ הונגעריגס.

איך בין געזעסען ביים שרייב־טיש און געלעזען. איך בין געזעסען און געלעזען די ביבעל. דערנעבען איז געשטאַנען דער לייכטער, און פון מיר איז געפאַלען אויף דער וואַנט אַ גרויסער, פאַנטאַסטישער שאָטען.

אפשר האָט זיך פּאַצאָ דערשראָקען פאַר'ן שאָטען אָדער פאַר'ן רוישען פון די צווייגען אונטער'ן פענסטער?

איך האָב גענומען באַרוהיגען פּאַצאָ'ן, איך האָב איהם אָנ־גערופען מיט די צערטליכסטע נעמען.

אָבער פּאַצאָ האָט נאָך אַמאָל אַ ביל געטאָן; דאָס מאָל האָט ער געבולען בייז, שרעקליך און זאָנדערבאַר. אַ קעלט איז דורכגעלאָפען דורך מיין פּלייצע.

— רוהיג, פּאַצאָ! — האָב איך אַ געשריי געטאָן.

דער אויסגעצעהרטער פּאַצאָ איז געשטאַנען אויף די הויכע דינע פיס און ווי אַ בארשט האָט אויסגעזעהן זיין פעל. זיינע אויגען האָבען געלויכטען מיט אַ גרין־געלבען גלאַנץ, ווי ביי אַ קאַץ. שפּייעכץ האָט געטריפט פון זיין מויל און געפאַלען אויפ'ן דיל.

דאָס איז געווען . . .

ווי נאָר איך האָב זיך אַ ריהר געטאָן, האָט ער אויפגעהויבען זיין קאָפּ אין דער הויך; דער אויבערשטער טייל פון זיין מויל האָט אַ גלאַנץ געטאָן. ער האָט אָנגעהויבען ארומצושמעקען ווי אַ קאַץ.

„פּאַצאָ איז משוגע געוואָרען!" — האָב איך אַ טראכט גע־טאָן. אַ טרויער האָט שיער ניט ארומגענומען מיין הארץ. דאָס איז געשעהן אזוי אונערוואַרטעט! מיט גרוים מיה איז מיר געלונגען ניט צו פאַלען פאַר'ן הונט אויף די קני און ארומ־נעמען איהם.

מיט אמאָל האָט פּאַצאָ, אראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ און מיט אויגען, וואָס האָבען געלויכטען ווי בריליאַנטען, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר. דאָס האָט מען געדאַרפט ערוואַרטען.

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן אַ בוך פון שרייב־טיש און מיט

אַלע כוחות עס אַ וואָרף געטאָן אין זיין קאָפּ אַריין. פּאַצאַ איז אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק און הויך זיך צובולעט.

דערנאָך האָב איך אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער.

— קום אַהער, מיין ליעבער פּאַצאַ! — האָב איך געזאָגט און געציעלט זיך אין זיין קאָפּ. טרערען האָבען פאַרנעפּעלט מיין בליק.

איך האָב אויסגעשאָסען, פּאַצאַ איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט, אַ וויג געטאָן זיך און געפאַלען צום דיל. איך האָב אַריינגעלאָזען נאָך אַ קויל איהם אין אויער אַריין. ער האָט אַ צאַפּעל געטאָן, צושפּרייט די פיס און פאַרוואָרפען דעם קאָפּ אויף הינטען. ער איז געוועזען טויט. די אויגען האָבען געקוקט מיט אַ פאַרגליווערטען, גלעזערנעם בליק.

דאָס זיינען געווען די אויגען, וואָס האָבען די לעצטע געזעהן אינגעבאָרג.

עס האָבען זיך דערהערט געשרייען, אַ טומעל אין די קאָרידאָרען. דערנאָך האָבען אַ פּאָר דינסטען, האַלב אויסגעטועגע, ניט אָנקלאַפּענדיגערהייט אַריינגעריסען זיך אין צימער אַריין. ווי פאַרשטיינערטע האָבען זיי געקוקט אויף מיר.

— טראָגט איהם אַרויס — האָב איך געזאָגט — און באַגראָבט איהם. זיי האָבען גענומען פּאַצאַ'ם לייבע און אַרויסגעטראָגען פון צימער. זיין קאָפּ איז אַרונטערגעהאַנגען און געקוקט אויף מיר.

דאָס איז געווען אַזאַ שענער און געטרייער הונד, אַזאַ קלוגער און העפליכער! ער האָט געהאַט אַזאַ העלען פרעהליכען בליק! זיין פעל איז געווען אַזוי ווייס און צאַרט. ווי גוט האָט ער געקענט שפּרינגען! ער האָט אַ שפּרונג געטאָן אַזוי, אַז זיינע אויערען האָבען גענומען פלאַטערען, ווי ווייסע פעהנער. צוויי שוואַרצע פלעקען האָט ער געהאַט אויף דער לינקער זייט, — „ווי אימיצער וואָלט אין איהם געוואָרפען אַ טינטער", — פלעגט זאָגען אינגעבאָרג. ער האָט געהאַט אַזאַ עדעל האַרץ, פון איין צערטליך וואָרט, האָבען איהם גענומען גלאַנצען די אויגען, פון צוויי — האָט ער גענומען טאַנצען און פון דריי — זיך לייגען אויף דער ערד און דרעהען מיט'ן עק.

איצט בין איך געבליבען אַליין.

ביט ליכט איז געווען אריבערצוטראָגן אַזאַ אַרט לעבען.

איך האָב געשאָקעלט דעם קאָפּ און געשמייכעלט: האָבע מיר שוין, הייסט עס, ווינטער! ניט ווילענדיג האָב איך זיך אָפּט דערמאָנט אָן הערמאַן עקע, דעם גוטבאַזיצער, וועמען עווע האָט פאַרלאָזען. מעגליך, אַז הערמאַן עקע האָט אויך געהאַט אַ הונד, וואָס איז משוגע געוואָרען. איצט האָב איך שוין גוט פאַרשטאַנען הערמאַן עקע. יאָ, איך האָב איהם געזעהן אַרום מיר.

איך האָב איהם שטענדיג געזעהן פאַר מיינע אויגען! — ווען דו באַגעגענסט אַ מענש מיט אַ בלייך פּנים, מיט הויך אויפגעהויבענע ברעמען, מיט ברייט געעפענטע און פאַרוואונ־דערטע אויגען, אָהן וועלכען ניט איז אויסדרוק, מיט אַ טרויע־ריגען שמייכעל אויף די ליפּען — דאָס איז ער!

און דאָס, איז די געשיכטע פון זיין לעבען.

איך האָב זי אויפגעשריבען דערפאַר, ווייל מיין האַרץ איז פאַרטרויערט.

אַ מענש שפּאַנט אַרום און טראַכט. דאָס איז הערמאַן עקע. וועגען וואָס טראַכט ער? קאַלט איז אין זיין הויז, ער ציהט אויס די הענד צום פייער, אָבער דאָס פייער וואַרעמט איהם ניט. ס'איז שטיל. נאַכט איז איצט; שרעק און טרויער האָבען איינגעהילט דאָס הויז, און דאָס הויז איז געגליכען צו אַ שוואַרצען אָרון, וואָס ווערט באַגלייט פון אַ יאָמערנדיגען ווינד.

נאַכט. הערמאַן עקע האַלט אַ ליכט אין דער האַנד און ער געהט. אין אַלע ווינקלען געהט ער אַרום און זוכט: וואָס־זשע זוכט ער?

עווע איז דאָ ניט דאָ, ניין?

די מיקען זשומען אין צימער. הערמאַן עקע שמייכעלט. „מיק", זאָגט ער, און קוקט אויפן קליינעם מיק. פאַרבייגעהענ־דיג דעם שפּיגעל, פאַרמאַכט ער די אויגען: ער וויל ניט זעהן זיין אייגען פּנים.

ער האַלט אַ ליכט אין דער האַנד; דאָס ליכט ברענט און אַ געררויש טראָגט זיך פון פלאַם. ער שרעקט זיך און קוקט זיך אום: אַ שאָטען האָט זיך צוגעזעצט צום שרייב־טיש. ער געהט ווייטער, אָבער ער פיהלט ווי אַ שאַטען הויבט זיך אויף,

וואַרפט פון זיך אַראָפּ אַ צודעק. ער זעהט, ווי דער שאָטען וואַקסט אויף דער וואַנט, און דונקעלע, לאַנגע פינגער ציהען זיך צו זיינע האָר.

ער שרייט אויס.

— וואָס איז מיט אייך, הערר ?

— גאָרנישט.

— אַ ! . . .

הערמאַן עקע שטעהט ביים פענסטער און קוקט אויפ'ן וועג. שניידען ניט דורך די ווינטערדיגע שטילקייט שליטען גלעקלעך ?

איז נאָך קיין אַנזאָגער ניט געקומען ? פון אויפרעגונג וואַקעלט ער זיך און פּאַכט מיט'ן טיכעל. ניין, דאָס איז ניט קיין שליח, דאָס איז אַ שכור, וואָס געהט, ווי עס זעהט אויס, פון אַ חתונה.

נו, אויב ניט היינט, איז דאָך זיכער מאָרגען.

אומעטום קען מען זעהן הערמאַן עקע, אין וואַלד, אין פעלד, אין דאָרף, אָבער ער שמייכעלט שוין ניט מעהר, איצט איז ער בלייך און קוקט אויף אַלץ מיט ברייט צוועפּענטע, פאַר־וואונדערטע אויגען. זיין טראָט איז פייערליך.

הערמאַן עקע געהט צו די דינער און צו די דינסטען אין קיך אריין : ער וויל רעדען מיט זיי. ער רעדט, און זיי ענטפערען. ער רעדט אַלץ מעהר און זיי אַלץ ווייניגער. ער זיצט און רעדט אָהן אויפהער. אַלע קוקען אויף איהם. ער געהט אוועק.

עס דונקעלט. עס קומט אַ נאַכט אַ פינסטערע, אַ פייכטע, אָהן שטערען, אָהן לבנה ; אַ פייכטער, שוואַרצער שניי צוגעהט אויפ'ן וועג. הערמאַן עקע געהט אין דאָרף אריין און פאַר־געהט אין אַ שענק אריין.

דאָרט איז צוזאַמענגעקליבען די יוגענד. ארבייטער און דינסטען. די מיידלעך האַלטען אַנגעלעהנט די קעפּ אויף די אַקסלען פון די יונגען, אָדער זיצען ביי זיי אויף די קני.

איין יונג, מיט אַן ארונטערגערוקטען הוט אויפ'ן נאַקען שפּיעלט אויף אַ ציטער.

— גוט אווענד, ברידער, זאָגט הערמאַן עקע.

— גוט אוועגד.

די ציטער קלינגט, דער יונג זינגט. ער זינגט וועגען אן אָקס און אַ קוה, די מויד, וואָס שטעהט דערנעבען קייכט פאר געלעכטער.

אזוי זינגט ער; די דינסטען לאַכען, און די יונגען כאַפען זיי.

צווישען זיי איז דאַ איין מיטעל־וואוקסיגער יונג, א שנייַ־דער, מיט אַ ברייט מויל. ער פארזיכערט, אז ער האָט אין גאַנצען קיין ביינער ניט. — ער איז אָהן ביינער, מען קען מיט איהם טאָן וואָס מען וויל, ער וועט ניט פיהלען קיין וועהטאָג. צוויי כאַפען איהם אָן פאַר די הענד און די פיס, וויגען איהם אהין און אהער און ווארפען איהם צו דער טיר, אז די טיר גיט אזש אַ קנאַק. ער הויבט זיך אויף — ער האָט גאָרנישט ניט געפיהלט: ער איז אָהן ביינער.

די ארבייטער לאַכען, די מיידלעך קוויטשען, א טומעל איז אין שענק.

הערמאַן עקע שמייכעלט. באַצאָהלט און געהט אוועק.

— זאָל גאָט זיין מיט אייך, ברידער מיינע.

טייל לאַכען און איינער ענטפערט: אמן.

ווען זיי וועלען עלטער ווערען, וועלען זיי פארשטעהען וואָס עס באדייט, ווען איינער זאָגט: זאָל גאָט זיין מיט אייך!

הערמאַן עקע געהט איבער די קרומע, פינסטערע גאַסען פון דערפעל. וואו ער דערזעהט אַ באלויכטען פענסטער, דאָרט שלייכט ער זיך צו. ווי אַ גנב שלייכט ער זיך צו די פויערשע הייזלעך און בגנבה קוקט ער אין די באלויכטענע פענסטער.

א פויערטע קנעט טייג און וואלגערט איהם מיט אַ וואלגער־האָלץ, א פויער שטעהט ביים בעט און טוט זיך פאַמעליך אויס. א יונגע מוטער באָדט איהר קינד, דאָס קינד ווארפט מיט די פיסלעך און די וואַסער־טראָפען פאַלען אויף די שויבען. אן אלע הויפען גנב'עט ער זיך אריין און בלייבט שטעהן ביי די באלויכטענע פענסטער.

אַט זיצט אַ אינגעל און לערנט זיך, באוועגט די ליפען און הערמאַן עקע הערט, וואס ער לערענט. ער פארנעמט דעם אינגעלס רייד: הייליג, הייליג, הייליג איז גאָט און די גאנצע

ערד, — הייליג איז גאָט און די גאַנצע ערד איז פול מיט זיין ליבּ. הייליג, הייליג... מאַמאַ ! — מיט אַמאָל שרייט אויף דאָס אינגעל אויס — עמיץ שטעהט אונטער'ן פענסטער !

דער גנב פארשווינדט אין דער פינסטערער גאַס.

ער הערט אַ געפּליסטער. דער גנב שטעלט זיך אָפּ און הערט זיך אונטער וועגען וואָס עס רעדט דאָס פּאָרעל. עס איז פינסטער, אָבער ער זעהט זייערע הענד און זייערע געזיכטער. דער בחור דרעהט זיך ארום ארום דער מיידעל, מיט אַמאָל האָט ער אזוי ווי באַמערקט הערמאַן עקע'ן.

דער גנב שפּרינגט אָפּ, איינהאַלטענדיג דעם אטעם.

הערמאַן עקע.

הערמאַן עקע שלעפּט זיך אַרום אומעטום. ער פאַלט אויף די קני אין פינסטערען וואַלד און זאָגט :

— איך שטעה אויף די קני, איינער אליין שטעה איך דאָ, אין דעם פינסטערען וואַלד, אויף די קני.

טרערען פליסען איבער זיינע באַקען.

—איינער אליין שטעה איך דאָ אויף די קני...

הערמאַן עקע...

הערמאַן עקע, ברודער מיינער, זיי ניט טרויעריג !

שווער אטעמט הערמאַן עקע און רייסט זיך מיט די נעגעל די ברוסט. ער שרייט אויס : אייביגער פרידען פאַר אַלע מענשען, און מיר כאָטש איין רוהיגע שעה !

וויל ער זיך ניט פאַר'סם'ען ?

הערמאַן עקע, ליעבער ברודער מיינער, ווער ניט פאַר־צווייפעלט.

אַ פויגעל צוויטשערט אונטער הערמאַן עקע'ס פענסטער און הערמאַן עקע שמייכעלט. וועגען איינע און דאס זעלבע טראַכט ער אַלץ. דער פויגעל פליהט אַוועק. איצט הערט מען שוין קיין זאַך ניט.

— עווא איז אויך געווען אזא פייגעלע, — טראַכט ביי זיך הערמאַן עקע, — אויב אַ פייגעלע צווינגט זיך אונטער דיין פענסטער, קענסטו זיך איינהערען, דערפרעהען זיך און דאַנקען דעם קליינעם פייגעלע. דו קענסט עס אָבער ניט איינהאַלטען, ניט מיט ווערטער, ניט מיט געבעט און ניט מיט קיכלעך, —

עס וועט אוועקפליהען און צוזינגען זיך אונטער א צוויימעס פענסטער.

הערמאן עקע קען שוין מעהר ניט געפינען קיין גליק, דאס גליק איז פארשוואונדען.

— מענשען, מענשען, איך פרעג ביי אייך. וואס ווייסט איהר? איהר האט פרויען און קינדער און איהר קענט זיי קושען. איך האב בלויז א לעער צימער. איהר האט דאך ניט דורכגעלעבט אייער גליק מיט עווא'ן! וואסזשע ווייסט איהר? איהר ווייסט גארנישט!

הערמאן עקע, ליעבער ברודער מיינער...

אז ער איז ניט שטענדיג געווען אזוי פאראומערט און אזוי טרויעריג, ווייסטו עס אליין. און ווי ער איז געשטארבען ווייסטו דאך אויך.

מיט א רוהיגען טויט איז ער געשטארבען.

הערמאן עקע.

33

ווען דער ערשטער שניי איז געפאלען, איז צו מיר געקומען אן אומגליקליכער מענש און ער האט אנגעהויבען יאמערן.

דאס איז געווען איזאבעלא מיט די העלע רויטע האר און פארטרויליכע אויגען.

— אין א שפאס האב איך איהם געזאגט, אז ער האט פאר מיר חתונה געהאט פון פארצווייפלונג, אבער איצט איז עס שוין מעהר קיין שפאס ניט. א, ווי איך בין אומגליקליך! איך האב חתונה געהאט פאר א משוגע'נעם. ער רעדט פון שלאף, זיי־דעלט זיך מיט עפעס א פרוי, רופט זי ליגנערין, יאמערט, רופט זי מיין ליעבע, מיין טייערע! הארי איז א פארלארענער, איך בין זיכער אין דעם. איך בין א סוראגאט און מעהר גארנישט. שטעל דיר פאר, איך א סוראגאט!

זי יאמערט אהן אן אויפהער.

— הארי איז פארלארען. שוין לאנג ווי ער איז משוגע. ווען ער לאכט, איז א סימן, אז ער איז שכור; אפשר צוואנציג

גלעזלעך קאָניאַק טרינקט ער יעדען טאָג! ער קען שוין מעהר אויפן פידעל ניט שפּיעלען, איהר וואָלט זיך צולאַכט, ווען איהר זאָלט איהם הערען. און ער איז דאָך געווען א ווירטואָז! זיי־נע קאָמפּאָזיציאָנען זיינען גאר נישט ניט ווערט. בלויז טייל־טאָל שפּיעלט ער נאָך גוט, ווען ער שפּיעלט אין אווענד און איך זיץ און הער זיך צו. ער קוקט אויף מיר. „איך שפּיעל ניט פאר דיר", זאָגען זיינען אויגען. איינמאָל האָט ער עס אפילו מיר געזאָגט, ער האָט ניט געוואָלט, דאָך האָט ער עס געזאָגט.

זי האָט געיאמערט און געיאמערט. איך האָב זי געלאָזען וויינען.

—אָך, מיט א פּאָר וואָכען צוריק איז געווען וואונדערבאר גוט. ער האָט געזאָגט, אז איך האָב איהם גערעטעט. אבער איצט פאָהרט ער אויף גאנצע טעג אוועק אין אויטאָמאָביל. שטעל דיר פאר, אז ער וואס איז אזוי נערוועז, וואס קען אפילו ניט געהן איבערן וועג, לויפט אוועק ביי נאכט אין שניי. וואו־הין? איך וויים ניט. דערנאָך קעהרט ער זיך אום אהיים, שמייכעלט אין זיך און די אויגען לויכטען. א, ווי שווער איז מיר צו קוקען אויף דעם שמייכעל, אויף דעם גלאַנץ פון זיינע אויגען.

זי האָט אַלץ געיאָמערט און געיאָמערט.

דאָס איז געווען אזא גוטער מענש, אזא וואוילער יונג. איך האָב איהם מיט איינינגע יאהר צוריק געזעהן, ער האָט גע־שפּיעלט... אך, דאָס איז געווען יוגענד, לייכטזיניגקייט, גלאַנץ, שיין — און איצט...

איך האָב זי געפרעגט:

— פאר וואס פארלאָזטו איהם ניט?

זי האָט אָנגעשטרענגט א קוק געטאָן אויף מיר — וואס הייסט? — איך האָב דאָך איהם ליעב.

און איך האָב געזאָגט: אויב אזוי, זיי גוט צו איהם אויף וויפיעל דו קענסט נאָר אליין, צערשטריי איהם, פאָהר מיט איהם אוועק, וואו ער אליין וויל נאָר.

— יא, אבער ווייסטו, אקסעל, מיט וואס באצאָהלט מען מיר פאר מיין ליעבע?

— דו דאַרפסט זיין שטענדיג אַרום איהם — האָב איך געענטפערט.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר. זי האָט עס ניט פאַר־שטאַנען.

איך געה פאַרלאָרען! — האָט זי געיאָמערט.

אַ גרויסער מכשיף האָט אָנגעשריבען אַ בוך, אַזאַ וואונ־דערליכעס און שעהנעס, אַז יעדער וואָס עס דורך מוז שטאַר־בען. אַלע לעזען דאָס בוך, כאָטש זיי ווייסען, אַז אויך זיי וועלען שטאַרבען.

34.

מיין צישטאַנד האָט זיך ניט פאַרבעסערט, ניין!

טיילמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז מיר איז בעסער, אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות. איך האָב פיעל געאַרבייט. איך קען זאָגען, אַז קיינמאָל אין מיין לעבען האָב איך אַזוי פיעל ניט געלעזען און ניט געווען אַזוי פיעל פאַרנומען, ווי דעם ווינ־טער. איך האָב שטודירט די ווייטסטע לענדער, געלערענט זייערע שפּראַכען, ווייל עס האָט געקענט זעהר גוט פּאַסירען, אַז איך זאָל אין גיכען זיך לאָזען אַהין, וואו עס זיינען נאָך ניטאָ קיין אייזענבאַהנען. איך האָב ניט קיין שום באַשטימטען באַ־רוף, קיין טום באַשטימטע פעהיגקייטען און טאַלאַנטען, מיר פעהלט שטימונג און צייט דערפאַר. איך שטאַם פון אַן אַלטער, ענטאַרטעטער פאַמיליע, איך באַלאַנג צו דעם קלאַס מענשען, וואָס שטאַרבט שטופּענווייז אָפּ.

יאַ, איך האָב פיעל געאַרבייט.

איך האָב געאַרבייט, אום זיך צו פאַרגעסען. איך בין גע־גאַנגען אויף יאַגד. אַרומגעשלעפּט זיך און זיך ווי ניט איז באַ־רוהיגט. אָבער מיט אַמאָל האָט איינגעבאָרג זיך באַוויזען פאַר מיר אַזאַ באַצויבערענדע, אַזאַ שעהנע, אַז מיין רוה איז גלייך פאַרשוואונדען און דער טרויער האָט באַהערשט מיין האַרץ, און עס איז געוואָרען קלאָר, אַז איך בין ביים ראַנד פון אַפּגרונד און אַז קיינמאָל וועל איך שוין ניט האָבען קיין זעלען־רוה.

איך האָב אינגעבאָרג געשריבען פיעל בריעף, אבער קיין איינעם אפילו ניט אוועקגעשיקט; בלויז אום זיך אליין צו בארוהיגען האָב איך זיי געשריבען.

איין בריעף האָב איך אזא אויפגעשריבען:

„אינגעבאָרג, א פינסטערער געדאנק איז געבאָרען געווארען אין מיר, שטענדיג קעמף איך מיט איהם. דער געדאנק פאַר־פיהרט און פארדונקעלט מיר מיין פארשטאנד — רופט און לאָקט מיך — איך קעמף מיט איהם — דאָס איז א שווערער, פארצווייפעלטער קאמף.

העלף מיר! מיט יעדען טאָג איבט דער געדאנק אויס א גרעסערען איינפלוס אויף מיר. ער לאקט שוין מעהר ניט, ער זידעלט זיך, מאכט חוזק, לאכט פון מיר און האָט הנאה פון מיינע ליידען.”

א צווייטען בריף האָב איך געשריבען אזוי:

„קום צוריק אינגעבאָרג, אינגעבאָרג! איך שטרעק אויס צו דיר מיינע הענט. דאָ איז דיין פאָטערלאנד.

קום צוריק, קום צוריק! א טויער פון רויזען וועל איך בויען פאר דיר, אויף יעדען בוים אין וואלד וועט וועהען א העלע פאָהן, טויזענד ליכט וועל איך אין דיין כבוד אָנצינדען אין יעדען זאל, איך וועל זיך ווארפען פאר דיר אויף די קני און מיט מיינע טרערען באנעצען דיינע פיס און מיט קושען זיי מאכען טרוקען. אינגעבאָרג — וועל איך פרעגען — ביסטו עס דאָ? זיי געבענשט, איך בין דיינער! קום צוריק, קום צוריק, אינגעבאָרג; איך בין אויפ'ן ראנד פון אונטערגאנג, מעהר קיין כחות איז נישטאָ, איך בעט דיך — איין וואָרט, אן איין איינציג ווארט.”

מיט טרערען אין די אויגען האָב איך דעם בריעף געשריבען.

דערנאָך האָב איך אויפגעשריבען נאָך א בריעף:

„אינגעבאָרג, ניט וועגען ליעבע רעד איך צו דיר איצט.

ניין, איך וויל זיך מודה זיין פאר דיר, אינגעבאָרג, מודה זיך זיין! איך האָב פארברעכערישע פארלאנגען, אינגעבאָרג, פארברעכערישע געדאנקען. מיר וואלט זיך וועלען דיך ארומנעהמען ביי דער טאליע און צודריקען צו זיך. נאָך איין איינ־

ציג מאָל! מיר וואלט זיך וועלען זעהן דיין קעפעל און לייכט עס א גלעט טאָן, לייכט א גלעט טאָן דיין ליעב, געטליך קעפעל. מיר וואלט זיך וועלען דיר א קוש טאָן אין די ציין, בלויז איין מאָל, איין מאָל! אַט וואָסער מענש איך בין! אינגעבאָרג. נאָך איינמאָל וואלט איך וועלען מיט די ציין צופאלען צו דיין ברוסט — נאָך איינמאָל וואָלט איך וועלען מיט דיר פארברענגען א נאכטליכע שעה.

אבער שלעכטע געדאנקען זיינען אויסגעוואקסען אין מיין קאָפּ, א בייזע האנד האָט זיי פארזעצט און איך קען גארנישט ניט טאָן געגען זיי. אפטמאָל דאכט זיך מיר, אז דו ביסט זיך שלעכט באגאנגען געגען מיר.

אבער מיטאמאָל האָט מיין הארץ אָנגעהויבען צו קלאפּען, אזוי שטארק צו קלאפּען מינוטען לאנג, אז איך בין געווארען גענוג באשטראפט. זיי געזונד!

איך האָב דיך ליעב! אפטמאָל קוש איך די קישענס, די ערטער...״

דערנאָך האָב איך אויפגעשריבען נאָך איין בריעף, איך האָב איהם אויפגעשריבען אין שרעק. „אָ, פריינד מיינע, פריינד מיינע! אָ, ווען איהר זאלט אלץ וויסען! איך פיהל נאָך יעדען קוש, יעדען האנט־דרוק, יעדען בליק. ווי טראפּענס טריפען זיי אריין אין מיין הארץ. איך פיהל אלץ, אלץ! זאגט, פאר וואס מאטערט איהר מיך! איהר וועט מיך צום טויט פארמאטערען, צום טויט, צום טויט!״

איך האָב געארבייט אונערמידליך, ניט געלאָזט, אז עפּעס זאָל מיר שטערען. פיעל שורות איז אויסגעקומען צו לעזען צו צוואנציג מאָל; **איך האָב זיך געצוואונגען עס צו טאָן.**

35

דאָס איז געווען ביי נאכט אין וואלד, ארום זיך האָב איך געזעהן בלויז שניי. איך האָב דערהערט עמיצענס טריט. דאָס איז געווען ניט ווייט פון מיין הויז. עמיצענס א שטימע האָט געקלונגען ארום מיר. די שטימע האָט אונטערגעמורמעלט. איך

האָב ניט געוואָלט הערען די שטימע. זי האָט געפּליסטערט: איך האָב זי געזעהן, זי טראָגט א ברייטען, גרויען, פּוטערנעם קאָלנער. זי איז אזוי שעהן און אונגעוועהנליך, אז אלע קוקען זיך אום אויף איהר. עמיץ איז געגאנגען צוזאמען מיט איהר, ער איז א הויכער און האָט רויטע האָר.

מיין אָטעם האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיין הארץ האָט גענומען קלאַפּען איך האָב זיך אונטערגעהערט, כאטש איך האָב ניט געוואָלט הערען. און די שטימע האָט געצויגען, געלאָקט.

— איך האָב זי אָפּט געזעהן, אָפּט. איך האָב זי געזעהן מיט'ן קאָמפּאָזיטאָר גונט. מיט עהרפורכט קוקט זי אויף איהם, איך האָב דאָס באמערקט נאָכ'ן אויסדרוק פון איהרע אויגען. כאַ־כאַ, איך האָב זי בעאָבאכט; אין דער שטיל בין איך איהר נאָכגעפאָהרען, איך בין אזוי אָנגעטאָן, אז קיינער האָט מיך ניט געקענט דערקענען. א גרויסארטיגע ערפינדונג איז דאָס דער אויטאָמאָביל! — איך בין אוועקגעגאנגען אָן א זייט. די שטימע האָט פארטגעזעצט צו געהן צוזאמען מיט מיר. — איך האָב געזעהן איהר האנד, זי האָט ארונטערגענומען די האנדשוה אום ארויסצונעהמען געלד פון פּאָרטמאנע. איהר האנד איז געוועזן ווייס, ווי שניי. איהר האלז איז ענטבלויזט אפילו ווינטער־צייט. איך האָב איהר א קוק געטאָן גלייך אין די אויגען ארייז — גאָט מיינער! — ס'אַרא אויגען! — איהר איז אויסגעקומען איבערצואווארטען ביז מיין קארעטע איז דורכגעפאָהרען די גאַס. — שוין לאנג אייך געוואָלט וועגען דעם דערצעהלען; איך בין אלץ ארומגעלאָפען ארום אייער הויז, אבער איך האָב אייך ניט געקענט געפינען. מיט פארגעניגען שלעפּ איך זיך ארום ארום דעם הויז, יאָ, עס איז זאָנדערבאר, אבער מען קען זי ניט פארגעסען, ניין! איהר איז לייכטער צו פארגעסען. זי לעבט בלויז מיט'ן טאָג. איהר זייט איינפארשטאנען? זי איז מילד, ווי א קינד, זי איז גרויזאם, ווי א קינד, זי ליינט: א בלום וועט זי ניט צודריקען, אבער א מענשען קען זי פארמאטערן צום טויט. —

איך האָב געשיקט א שליח צו הארי איזעדאם מיט א בריעף אין וועלכעי עס איז געשטאנען: איך געה ניט אנדערש אין וואלד, ווי מיט אן אָנגעלאָדענעם ביקס!

האַרי איזעדאָם האָט מיר געענטפערט: ענטשולדיגט, ענט־שולדיגט, דאָס וואָלט איך ניט וועלן.

איך האָב איהם פאַראַכט. אָבער איך האָב ניט געקענט פאַרגעסן, ווי געטליך האָט אַמאָל זיין פידעל געשפּיעלט אין וואַלד, ווען עס האָט אין איהר געיאָמערט זיין גליק.

אין אַ פּאָר וואָכען נאָך דעם בין איך געוואָר געוואָרען, אַז האַרי איזעדאָם האָט געפּרואווט באַנעהן זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך אַרויסגעוואָרפען פון פענסטער. ער האָט זיך ערנסט צו־קלאַפּט, אָבער ניט געפעהרליך.

עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז עפּעס רוקט זיך אָן אויף מיר אַלץ נעהנטער און נעהנטער, איך האָב זיך געגעננעשטעלט, אָבער עס האָט מיך באַזיגט.

אין נאַכט און אין שרעק דאַרף איין מענש פאַרזונקען ווע־רען. — איך האָב דאָס געוואוסט.

36

אינגעבאָרג איז צוריקגעקומען. איז דאָס מעגליך?

איך בין געזעסען אין צימער און ניט געהערט ניט דאָס קלאַפּען פון דער קאַרעטע און ניט קיין טריט. מיט אַמאָל האָט זיך געעפענט די טיר און אינגעבאָרג איז געבליבען שטעהן אויפ׳ן שוועל.

זי איז געווען פאַרוויקעלט אין אַ דיקען רייזע־מאַנטעל און דאָס פּנים האָט כמעט אין גאַנצען פאַרדעקט דער פוטערנער קאָלנער. רויט פון דער קעלט איז געווען דאָס פּנים; אַ קליין, פאַרפראָרען, שמייכלענדיג קינדעריש פּנים׳ל.

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט זיך צולאַכט אינגעבאָרג. — דו דערקענסט מיך שוין ניט? איך האָב גאַר נישט ניט פאַרשטאַ־נען. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און אַ שמייכעל געטאָן. איך האָב באַוואויגען מיט מיינע ליפּען, אָבער איך האָב ניט געקענט קיין וואָרט אַרויסריידען.

און אינגעבאָרג האָט זיך ווידער צולאַכט און ערקלערט, אַז זי איז געקומען צו מיר אין געסט, ווי זי האָט צוגעזאָגט. אויף צוויי חדשים געקומען.

— כאַ־כאַ־כאַ, יאָ; וואָס־זשע מאַכסטו, אַקסעל?

איך דערלאַנג איהר די האַנט; איך קען נאָך דערווייל ניט צוזאַמענגעהמען מיינע געדאַנקען. אויפ׳ן פוטער און אויף אינגעבאָרג׳ס גאָלדענע לאָקען צוגעהן קליינינקע שנייעלעך. אינ־געבאָרג׳ס שטימע איז געוואָרען שטאַרקער און קלינגענדער.

— זיי געגריסט אינגעבאָרג!

— יאָ, יאָ, יאָ, — אַקסעל, אַקסעל! ווּעסטו דען מיר ניט קיין קוש טאָן? קוש־זשע מיך. לאַנגע וואָכען ווי איך חלום פון דעם קוש.

מיין האַרץ שטאַרבט אין מיר אָפּ. איך קוש אינגעבאָרג אין די ליפּען און איך חלש.

מיטאַמאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט.

איך בין געלעגען אין צימער אויף דער טערקישער סאָ־פּע. עס האָט געדונקעלט. אויף די פייכטע, שוואַרצע צווייגען פון די בוימער איז געלעגען שניי, אַ שפּערלינג האָט זיך געוויגט אויף אַ צווייג און דער שניי האָט זיך געשאָטען.

— איך וועל שוין קיין רוה ניט געפינען! — האָב איך אַרויסגעמורמעלט.

איך בין טויטליך מיעד, שוין אייניגע טעג ניט געשלאָ־פען. אָהן אויפהער האָט דער דאָזיגער געדאַנק געענבערט מיין קאָפּ, ביי טאָג, ווי לאַנג איך בין נאָך געווען אויף די פיס, האָב איך זיך געקענט פאַרגעסען, אָבער אין שלאָף בין איך גע־ווען אונבאַשיצט. איך האָב געזאָגט צו זיך: אפילו אין שלאָף געפין איך קיין רוה ניט. — מיר בלייבט קיין אַנדער זאַך ניט איבער. ניין, קיין פירשט טוט ניט אַזוי, אַ באַנקיר קען דאָס יאָ טאָן, אָבער אַ פירשט ניט. אַך, דאָס איז בלויז נאַרישער אויסרייד! און דער שוואַרצער געדאַנק האָט געזיעגט!

איך הויב זיך אויף, זוך עפּעס אין שרייב־טיש און פאַרלאָז דאָס הויז.

בלויע ווינטערדיגע דעמערונגען. עס שלאָפען בוימער, חיות, נאָר איך איינער קען ניט שלאָפען. אין גיכען וועל איך

איך איינשלאָפען. א בלויען שיין, ווי שטאָל, שלאָגט אָפּ פון שניי; די אווענד פּו"אסט האָט מיט א הייטעל באדעקט דעם שניי און ער פּנאקט אונטער די פיס. איך געה פארביי דער סטאטוע. א ווייסען בערען־פוטער האָט זי פארוואָרפען זיך איבער די אָקסעל, ווי זי וואָלט זיך געקליבען אין טעאטער אריין. ששש... האָט זיך ניט פון מיין הארץ ארויסגעריסען דאָס דאָזיגע ששש...?

איך אייל דורך'ן פּארק צום הייל צו, וואו עס טריפט שטעדיג. א רויטע, ווי קופער, געהט אויף די לבנה. זי איז פארהילט אין וואָלקען.

איך זעץ זיך אויפ'ן שניי; איך ריהר זיך צו צו א קוסט און דער שניי באשיט מיך, עס פריהרט מיין איינגעווייד, איך ציטער אויף. איך נעם ארויס פון דער קעשענע א רעוואָלווער.

אומעטום בלויז שניי און אייז.

— נאָך בעסער, — בליצט אויף אין מיין קאָפּ א געדאנק, — וועל איך זיך לענגער איינהאלטען.

ווער וואָלט גלויבען, אז עס איז אזוי פּשוט?

איך לייג צו דעם רעוואָלווער צום שלייף און פארמאך די אויגען.

טיק! דער רעוואָלווער פארהאלט זיך. איך לייג איהם ווידער צו צום שלייף. מיט אמאָל ריהרט זיך עמיץ צו צו מיין אָקסעל, איך קוק זיך אום. דאָס טרויעריגע פּנים פון דעם גליקליכען וואנדערער שאָקעלט זיך איבער מיר.

— ברודער מיינער, ברודער מיינער, — מורמעלט ער צארט צו מיר און מיט מיטגעפיהל, דראָהענדיג מיט'ן ציינגע־פינגער: — עס גיבען ערגערע זאכען ווי דאָס אָנוווערען פון א ווייב. פיער יאָהר געפענגניש איז ערגער. אָך, אָהן פרישען לופט, אָהן הימעל, אָהן פרייהייט, ברודער מיינער, — דאָס איז אונפארגלייכליך ערגער.

— געה צו אלדי גוטע יאָהר! — שריי איך און לעג צו דעם רעוואָלווער צום הארצען. אָבער דער וואנדערער ווארפט זיך אויף מיר און כאפּט מיך פאר דער האנד. איך קען קוים אָטמען.

— לאָז אָפּ! — איך קעמפ מיט איהם, קלייב צוזאמען

די לעצטע קרעפטען, נאָר איין ריהר, און מיין האנד איז פריי.
— לאָז אָפּ !

איך האָב זיך אויפגעכאפּט.

איך בין נאָך אַלץ געלעגען אויף דער טערקישער סאָפע און אין גאנצען געציטערט.

אָבער עמיץ איז געשטאַנען אין צימער, ער איז אָנגעטאָן אין אַ ווארעמען פּאַלטאָ מיט אַ גרויסען הוט אויפ'ן קאָפּ. ער האָט געהאט אַ רויט פּנים מיט גנב'ישע קליינינקע, בינעזישע אויגעלעך. ער איז געשטאַנען ביי דער פּיאנאָ, גענומען די קליינע גרינע וואזע אין דער האנד, באהאלטען זי און שטיל ארויסגעגאנגען.

איך בין אויפגעשפּרונגען. איך האָב געהערט, ווי ער האָט פאַרזיכטיג פארמאכט די טיר.

נאָר וואָס איז עמיץ געווען אין צימער. דאָס איז געווען דער ארבייטער, וואס מען רופט איהם גלח. יאָ. דאָס איז געווען ער ! ער האָט צוגע'גנב'עט דאָס וואזעל

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער פּיאנאָ : די וואזע איז ניט געווען ! אפשר האָט עס זיך מיר גע'חלום'ט ? ניין, איך בין שוין דאמאלס ניט געשלאָפען. איך האָב גע־זעהן צוויי חלומות, איינעם וועגען איינגעבאָרג און דעם צוויי־טען וועגען דער הייל. דאָס האָב איך קלאָר געוואוסט, כאָטש דעם אמת זאָגענדיג, בין איך ניט געווען זיכער צי איך בין ניט נאָך געשלאָפען. אָבער איך האָב דאָך געזעהן איך האָב דאָך געקענט פּיהלען.

פארפאַלען געוואָרען איז דאָס וואזעלע. לאנגע וואָכען איז זי געשטאַנען איינע אַליין אויף דער פּיאנאָ.

איך בין ארויס פון צימער, ארונטערגעלאָפען די טרעפּען. איבערן וואלד, אויף אַ פּיאָלעטען הימעל איז געשטאַנען אַ געלע לבנה, ווי קופּער. דער געלער שניי האָט געקנאקט אונ־טער מיינע גיכע פּיס. אין שטאַל האָבען געקלונגען די קייטען און עס האָבען געטראָטען די פערד. איך האָב זיך געאיילט צום הויז און איך האָב אויפגעפּראלט די קיך־טיר. דאָרט זיי־נען זיי געזעסען, די דינער און די דינסטען. זיי האָבען גע־

רויכערט, געלאכט און אלע האבען זיך אויפגעהויבען, ווען איך בין אריין.

איך האב פארקלאפט אונטער מיר די טיר. עס איז גע־ווארען אזוי שטיל, אז מען האט געהערט, ווי א קוה האט דער־נעבען געריסען גראז און געגעסען.

אין מיטען איז געשטאנען ער, דער גלח, מיט'ן דיקען פאלטא, וואס ער האט געטראגען סיי זומער און סיי ווינטער, מיט א גרויסען הוט אויף זיין רויטען קאפ. זיינע אויגען האבען, ווי שטענדיג, אראפגעקוקט. איך בין צוגעגאנגען צו איהם און איהם לייכט א טרייסעל געטאן פאר'ן אקסעל.

— דו ביזט דא ! — האב איך געזאגט און בייז א שמייכעל געטאן.

ער האט גיך אויפגעהויבען די אויגען־דעקלעך און דער־שראקען א קוק געטאן אויף מיר. די פארב איז פארשוואונדען פון זיין פנים און זיינע באקען האבען א ציטער געטאן. ער האט ארונטערגעלאזען די אויגען־דעקלעך ; ווייסע, ווי שניי, זיינען זיי געלעגען אויף זיין בלייך פנים.

— איך פארדעכטיג דיך שוין לאנג, דו הערסט ! — האב איך געזאגט. אלע האבען זיך אין שרעק ארומגעקליבען ארום אונז מיט ברייטע צושפרייטע אויגען און צעעפענטע מיילער.

— יא, יא, — האט ארויסגעמורמעלט דער גלח. — שיק נאך דער פאליציי.

— האסטו עס געטאן ? יא ?

— יא, יא.

ער איז געפאלען אויף די קני און געזאגט : — איך האב עס געטאן. איך בין זיך מודה. צעהן יאהר האט מיך גע־מאטערט דאס געוויסען.

— וואס האט געטאן דער גלח ? — האט עמיץ געפרעגט.

— ער האט צוגע'גנב'עט די וואזע ! — האב איך אויס־געשריען.

— צוגע'גנב'עט ? ער האט גארנישט ניט צוגע'גנב'עט!

— דו לייקענסט עס ? — האב איך אויסגעשריען. איך

האָב אזוי שטאַרק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנד פאַר׳ן פּנים פון גלח, וואָס איז געשטאַנען אויף די קני, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז מיין האַנד האָט דרייסיג פינגער. — ער האָט נאָר וואָס זיך מודה געווען און איצט לייקענט ער גאָר. הער זיך איין, איך וועל דיך הייסן אָנשמייסן אַזוי, אַז דו וועסט עס פאַרזאָגן אַ צווייטן.

מיט אַמאָל האָב איך רחמנות געקראָגן אויפ׳ן ארבייטער, וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר אויף די קני אין זיין גראָבן מאַנטעל, מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט געהאַט אַפילו אראָפּגענומען זיין הוט; זיינע האָר זיינען געווען וויים, ווי מעהל.

אַן אומגליקליכער מענש איז געשטאַנען פאַר מיר. ווי העסליך בין איך דאָס געוואָרען, וואָס איך האָב געקענט אויף איהם אזוי אָנשרייען. ווי מיאוס איז דאָס! מיאוס בין איך מסתמא געוואָרען אויך אין אַנדערע באַציהונגען.

— הער זיך איין, — האָב איך געזאָגט, — וואָס האָט דיר געקענט איינפאַלען? איך וועל דיר גאָרנישט ניט טאָן. גיב מיר נאָר אָפּ דאָס וואַזעלע. דו האָסט עס פאַרגראָבען? זאָג.

— איך האָב ניט צוגע׳גנב׳עט די דאָזיגע זאַך.

— ערשט מיט אַ ווייַלע צוריק האָסט דו עס צוגע׳גנב׳עט פון מיין צימער.

— הער, דעם גאַנצען נאָכמיטאָג און אָוונד בין איך אַפילו אויף אַ טראָט ניט אַרוים פון צימער.

אַלע האָבען עס באַשטעטיגט.

— דו האָסט עס ניט געטאָן? ניין?

הייסט עס, אַז מיר האָט זיך בלויז גע׳חלום׳ט. אָבער די וואַזע איז דאָך פאָרט ניטאָ.

דער ארבייטער האָט זיך אויפגעהויבען און ווידער אָנ־געטאָן דעם הוט אויפ׳ן קאָפּ.

מיט אַמאָל האָב איך זיך דערמאָנט, אַז נאָך היינט אין דער פריה, האָב איך דאָס וואַזעלע פאַרשלאָסען אין שרייב־טיש, אַז די דינער זאָלען עס ניט צוברעכען.

איך בין בלייך געוואָרען. אַ טויטע שטילקייט האָט גע־הערשט אין צימער.

—ענטשולדיגט מיר, — האָב איך געזאָגט דעם ארביי־טער און ארויס פון צימער. אלע האָבען מיר נאָכגעקוקט.

מיינע פיס האָבען געציטערט.

— וואָס זאָל דאָס באדייטען ? וואָס ? — האָב איך ארויסגעמורמעלט און א פארמאטערטער אהיים געגאנגען.

37.

איך בין קראנק געוואָרען. יענע טעג ווען איך בין אוועק־געפאלען און בין געלעגען, און ניט געקענט זיך ריהרען פון אָרט, זיינען ארויס פון מיין זכרון.

איך בין קראנק געוואָרען.

ווי לאנג בין איך געווען קראנק ? איך ווייס עס ניט. אָבער ווי נאָר איך האָב געעפענט די אויגען, האָט איהר גע־הערט ווי עס מורמעלט אימיצענס א שטימע :

— גאָט, דו, וואָס דו קענסט מיט דיין אָטעם אומוואר־פען בערג און פארניכטען פעסטונגען, העלף דעם דאָזיגען אומגליקליכען חולה און שיק איהם דיין הילף.

איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען. איך בין געלעגען אין בעט ; ביים פענסטער איז געזעסען די אלטע מארי, מיט גרויסע שפאקולען אויף דער שפיץ נאָז און האָט געבעטען. איך בין געלעגען שטיל און מיר איז געווען אנגענעהם צו הערען, ווי אימיצער רעדט וועגען מיר מיט זיין גאָט, די גאנצע צייט בלויז וועגען מיר. איך האָב שיער ניט אויסגעפלאצט אין א געלעכטער, הערענדיג ווי מארי ליובט גאָט, פונקט ווי זי וואָלט איהם מיט די דאָזיגע לויב־געזאנגען געוואָלט אריינברענגען אין א שטימונג פון גנאָד און דערנאָך איהם בעטען פאר מיין גע־זונד.

—לויט דיין באפעהל שטעלט זיך די זון אָפּ.

— טא־טא־טא — האָב איך געטראכט ביי זיך. — לויט זיין ווילען שטעהען מתים אויף פון די קברים.

— טאַ־טאַ־טאַ. — האָב איך געטראַכט ביי זיך.

— וואַרף דיין בליק אויפ'ן אָרעמען חולה און שיק איהם דיין הילף.

מיר איז געווען גוט אויפ'ן הארצען. איך בין ווידער איינגעשלאָפען און ווען איך האָב זיך אויפגעכאפּט, איז שוין געווען נאכט. מאַרי איז אַלץ געזעסען ביי ליכט און געבעטען.

איך בין ווידער איינגעשלאָפען און אויפגעכאַפּט זיך באַגינען. איצט בין איך שוין געווען געזונט. איך בין אויפגעשטאַנען און גענומען זיך אָנטאָן. איך בין געווען געזונט און פריש, ווי אַ ניי־געבאָרענער און מיר האָט זיך געוואָלט זינגען. אָבער גראד אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב געוואָלט אָנהויבען, האָב איך ניט געקענט זינגען. אַ זאָנדערבארער טרויער האָט באהערשט מיין הארץ און געשטערט מיר זינגען.

ס'אַרא טרויער איז דאָס געווען ?

דאָס איז געווען דער טרויער פון ווינטער.

זעק אָנגעפילט מיט שניי, האָט דער הימעל געוואָרפען אויפ'ן וואלד, די בוימער זיינען פארפראָרען געוואָרען און זייַנען געוואָרען, ווי גלאָז. אַ רויטע לבנה געהט אויף, און ביי טאָג קריכט אַ רויטע זון איבער'ן גרויען הימעל. די נעכט זיינען עהנליך אויף היילען פון בלויען אייז. דער שניי קנאקט, אין וואלד בילען פוקסען. קיין זאך באוועגט זיך ניט. די קעלט שניידט די אויגען.

די זון האָט זיך היינט דורכגעריסען דורך די נעבעל און דער גאנצער טאָל האָט אויפגעלויכטען פאר פרייד. דער פאָרנעפּיהל פון פריהלינג האָט געמאכט ציטערען די ערד.

איך האָב געקוקט אויף דער זון, מיר האָט זיך געדאכט, אַז איך בין דורכזיכטיג, ווי גלאָז. ווי אַ פרעהליך פייערל, האָט מיך די זון געוואַרעמט. און איך האָב געטראַכט : ווי הערליך איז דער פריהלינג ! אַ בליהענדער, לאַכענדער עפּעלבוים, אַ לאַכענדיגע זון, אַ לאַכענדיגע לאָנקע, אַ הירטין, וואָס עפענט דאָס מויל ביז די אויערען און לאַכט פונקט ווי די זון, — אָט וואָס עס איז פריהלינג.

איך האָב אָנגעטאָן דאָס לעדערנע רעקעל, די הויכע שטי־

וועל, גענומען דעם שטעקען, אָנגעטאָן דאָס גרינע היטעל און אַרויסגעגאַנגען.

ווי אויסגעשטאָרבען האָט אויסגעזעהן דאָס הויז, ווי אויסגעשטאָרבען האָבען אויסגעזעהן די שטאַלען און שפּייכלער; זיי זיינען געווען באַדעקט מיט דיקע שנייאיגע קישענס. די פענסטער זיינען געווען שוואַרץ. די פיה און די פערד — פאַרקויפט, און די דינערשאַפט — צולאָפען.

איך האָב זיי ניט צוריקגעהאַלטען. זיי האָבען געוואָלט זוכען אַן אַנדער אָרט פאַר זיך. שוין צו איינזאַם איז דאָ. איך האָב זיי ניט צוריקגעהאַלטען.

בלויז די אַלטע מאַרי איז געבליבען מיט מיר. פאַרווי־קעלט אין איהר טיכעל, זיצט זי אין איהר קעמעריל, ווי אַ קאַשטאַנען הענדלערין אין אַ קאַלטער גאַס. זי קוקט און פריהרט. ביי נאַכט פאַלט פאַרט אַ פּאַס געלען ליכט פון דער קיך אויפ'ן שניי.

מיט'ן הוט אויפ'ן קאָפּ און אין זיין פּאַלטאָ, שלעפּט זיך אַרום דער גלח.

ער קען זיך קיין רוה ניט געפינען. עפּעס טראָגט ער אויף זיין געוויסען. קיינעמס דאגה איז עס ניט.

פאַכענדיג מיט'ן שטעקען געה איך אין וואַלד אַריין. איך שמייכעל. איך ציה אַראָפּ דעם הוט אויפ'ן נאַקען. מיר וואַלט זיך וועלען אָנהויבען לאַכען און זינגען. אָבער ווי נאָר איך עפען דאָס מויל צו זינגען און צו לאַכען, האַלט מיך עפּעס אָפּ. איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז.

עס איז אַ זאָנדערבאַרער געפיהל.

ס'אַראַ געפיהל איז דאָס? מיטגעפיהל, סענטימענטאַליטעט, טרויער, פרייד?

פון אַלעם צו ביסלעך.

מיט אַ צערטליכער בלויקייט שלאָגט דער שניי אָפּ אין וואַלד צווישען די שטאַמען פון די ביימער. געל זיינען פון דער זון די וועגען. מיט אַ ווייסקייט גלאַנצט דער הימעל. די שפּיצען פון די בערג זעהען אויס, ווי זיי וואָלטען געווען אַרומגעוויקעלט מיט וואַטע. פון פיעלע קוסטען זעהען זיך בלויז איינצעלנע צווייגלעך, וואָס קוקען אַרויס פון די שניי־הויפענס.

אויף די שטענגלעך זעהען זיך צייכענס פון פוקסען. פייגעלשע פעדערען וואלגערן זיך אין וואלד.

עס איז ניט קאלט. די לופט איז פריש און ווען דו אטעמסט, דאכט זיך דיר, ווי דו וואלסט געשלונגען אייז.

שוין פיעלע שטונדען, ווי איך געה אין וואלד: איבער בערג און טאל, איך מוז זיך איילען. דער וועג, א וואו איך געה איז ווייט.

ארום איז פוסט, פוסט און פייערליך. דער ווייסער טויט איז דער ווירט אין וואלד.

איך בין שוין אין א פרעמדער געגענד; עס הערט זיך, ווי א האק האקט אין וואלד. וואונדערבאר גוט איז דא: אזוי שטיל, פייערליך — און מיט אמאל די קלעפ פון דער האק. דיר דאכט זיך, אז דו הערסט ווי עס קלאפט דאס הארץ פון וואלד. פול ווערט דאס הארץ פון פרייד, וואס אין דער נאהענטקייט איז דא א לעבעדיגער מענש. דו דארפסט גארנישט ניט האבען פון איהם, דו זעהסט איהם אפילו ניט, אבער ווי מאכט פרעהליך דאס באוואוסטזיין, אז אימיצער איז דארטען פאראנען.

יא!

מיט אמאל דערשרעק איך זיך און באהאלט זיך אונטער א בוים. א וואלף! ניין, ניט קיין וואלף, ס'איז א פוקס. ער אנטלויפט פארביי מיר, שלעפענדיג זיין לאנגען עק אין שניי.

איך שמייכעל. פארוואס האב איך זיך דערשראקען? איך בין דאך קיינמאל אין לעבען ניט געווען קיין פייגלינג.

איך אייל זיך. א הויכער וואלד. אט שטעהט דאס געצעלט פון דעם האלץ־העקער.

דער אלטער גיזעלהער זיצט ביי דיר טיר אין א דונקעלען, יום־טוב'דיגען אנצוג. ערנסט איז זיין פנים און ער קוקט גלייך פאר זיך. זיינע קרעפטיגע הענד ליגען אויף זיינע קני. זיי באוועגען זיך ניט, פונקט ווי ער.

— גוט מארגען, פאטער גיזעלהער! — שריי איך אויס און פאך מיט'ן הוט.

— גוט מארגען!

— איך האָב זיך אַלץ ניט געקענט ארויסקלייבען צו אייך.

— איך ווער צוטומעלט.

אין זיך פארליעבט איז יוגענד און גליק. זיי אַרט ניט פאַר צווייטע.

ער איז נאָך אַלץ בייז וואָס מיר האָבען דאמאלס ניט איינגעלאַדען קיין גלח. ער קוקט גלייך פאַר זיך.

אָבער דער טויט הייסט שלום מאַכען. — א דאַנק, וואָס דו ביזט געקומען. קום אַריין. דאָרט ליגט זי.

— ווער ?

ווער־זשע ליגט דאָרט ?

— איהר לעבענס־וועג איז געענדיגט. פּערצעהן קינדער האָט זי געבאָרען און אויפגעצויגען. זי האָט איהר פליכט געטאָן. גאָט און זיין משפט איז גערעכט.

איך האָב אָפּגעזיפצט און אַריין אין צימער. אין צימער איז געווען פינסטער, עס האָט געברענט א הויך ליכט. דערנעבען איז געלעגען אין פרידען א פּנים פון אַן אַלטער פרוי. די פרוי איז געלעגען אויסגעצויגען אין א ברייטער פּשוט׳ער טרונע, די הענד זיינען געלעגען אויף דעם איינגעפאַלענעם בויך פון דער טויטער, די הענד זיינען געווען געל מיט בלויע נעגעל.

שווייגענדיג, מיט צוזאַמענגעלייגטע הענד זיינען אַרום דער טרונע געזעסען דער טויטערס קינדער. זיי זיינען געווען א מאַן צעהן פון פארשידענעם עלטער, — מיידלעך מיט בלאָנדע צעפּלעך, יונגלעך מיט ברוינע פּנים׳ער. א שלאַנק מיידעל פון א יאָהר זיבצעהן איז געזעסען אויף א שטול און פאַרריכט א זאָק. ביי איהר אויף די קני איז געזעסען א קליין קינד און געשפּיעלט זיך מיט באָב. זיי אַלע האָבען געהאַט רויטע אויערען און רויט זיינען געווען די שפּיצען פון זייערע נעזער, ווייל אין צימער איז געווען קאַלט. זיי האָבען געווענדט צו מיר זייערע פּנים׳ער, אָבער האָבען זיך ניט גערירט. זיי זיינען געבליבען זיצען מיט צוזאַמענגעלעגטע הענד.

— איך בין אינגעבאָרג׳ס מאַן, — האָב איך א מורמעל געטאָן צום מיידעל, וואָס האָט פארצירעוועט די זאָקען. איך האָב זיך געשעהמט עס איהר זאָגען.

— די מאַמע איז געשטאָרבען, אוי, אוי, אוי ! — האָט

זיך צויאַמערט דאָס מיידעל און גרויסע טרערען זיינען געפאַ־
לען אויף די זאַקען.

— אוי, אוי, אוי, — האָבען זיך צעוויינט אַלע איבריגע,
און האָבען אויפגעהערט אַזוי שנעל, ווי די עלטסטע האָט אויפ־
געהערט.

דאָס קינד וואָס איז געזעסען אויפ׳ן דיל איז אַרונטער־
געקראָכען אונטער דער טרונע: אַ באָב האָט זיך אַוועקגע־
קייקעלט.

און די טויטע האָט רוהיג געשמייכעלט ביים שיין פון דער
איינציגער ליכט.

אָט ליגט זי! זי — אינגעבאָרג׳ס מוטער. אינגעבאָרג׳ס
מוטער איז געשטאָרבען.

איך האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטען און צויאַמערט זיך.

איז דאָך דאָס אינגעבאָרג׳ס מוטער!

איז דען דאָס ניט אינגעבאָרג׳ס קאָפּ? אָ, יאָ. אָך, דאָס
איז דאָך אינגעבאָרג׳ס קין.

יאָמערנדיג האָב איך זיך איינגעבויגען איבער דער טוי־
טער און שטיל אַ פּיהר געטאָן מיט מיין האַנד איבער איהרע
קאַלטע, פייכטע באַקען

איז דאָך דאָס אינגעבאָרג׳ס מוטער!

איך דאַרף זיך אונטעראיילען, — האָט געזאָגט דאָס על־
טערע מיידעל — זיי וועלען באַלד אהער קומען אַ — אַ —
אַרויסצוטראָגען די מאַמע.

— קען איך איהר ניט העלפען אַנטאָן די מוטער די זאָקען?

— אָ, געוויס, מיט פאַרגעניגען וועל איך איהר העלפען אָנ־
טאָן דער מוטער די זאָקען.

דער זאָק איז געווען נאַס פון דער מיידעל׳ס טרערען. איך
האָב געקוקט אויף איהר.

— ווי רופט מען דיך? — האָב איך געפרעגט און אַ שמייכ־
על געטאָן.

— מאַרי. אוי, די מאַמע איז געשטאָרבען!

— וואָלסטו ניט געוואָלט, מאַרי, אָנקומען צו מיר און פאַר־
וואַלטען מיין ווירטשאַפט? — האָב איך אַרויסגעמורמעלט.
מיין קול האָט זיך מיר שיער ניט איבערגעריסען. איך האָב

אין גאנצען פארגעסען, אז אין צימער איז געלעגען די טויטע.

— מען דאַרף מיך דאָ.

איך האָב א קוק געטאָן אויף די ברידער, אויף די שוועס־טער. אין יעדען געזיכט האָב איך געפונען עפּעס... עפּעס... דער רוהיגער קול פון אַלטען גיזעלהער האָט זיך דערהערט ביי דער טיר; רייד און א הוסטען.

דער אַלטער האָט געעפענט די טיר.

— ביטע, געהט אריין!

דורך דער עפענונג האָט זיך געזעהן א קאָפּ פון א ווייסען פערד און א רונדיג פּנים פון א פויער, וואס איז געווען רויט פון קעלט. פיעלע זקנים און זקנות האָבען אָנגעפילט דאָס צימער. זיי האָבען געמורמעלט, געהוסט.

איין זקן האָט מיט א שוואכער שטימע ארויסגערעדט:

— אָט ליגט זי, אונזער מוטער גיזעלהער.

און איין זקנה מיט ווייסע האָר האָט אזוי געזאָגט: — מיט א רוהיגען טויט איז זי געשטארבען, — און אַלע האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ.

פּאָטער גיזעלהער האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דעם עולם. ער האָט גענומען א דיק בוך אין האנט אריין און געשטעלט זיך אונטער'ן ליכט. זיין פיגור איז געווען גלייך, ווי שטענדיג, און זיין באוואקסען פּנים איז פעסט און זיכער געזעסען אויף זיינע ברייטע פּלייצעס.

ריין און קלאָר איז געווען זיין בליק.

און ער האָט געעפענט דאָס בוך און ער האָט אָנגעהויבען צו לייענען. מיר זיינען געשטאַנען ביי דער טרונע מיט צוזאַ־מענגעלעגטע הענט און איינגעהערט זיך.

פּאָטער גיזעלהער האָט געלייענט איינציגע קאפּיטלעך תהלים און דערנאָך האָט ער גערעדט וועגען די טוגענדען פון דער געשטארבענער, וועגען די הערליכקייטען פון דעם הימלי־שען רייך און וועגען גאָט'ס גרויסען גנאָד. ווען ער האָט דערמאָנט גאָט'ס נאָמען האָבען די מענער און די פרויען זיך טיעף איינגעבויגען.

ווען ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָבען אַלע מיט א מאָל אָנגעהויבען צו זאגען א געבעט. אַלעמענס אויגען זיינען

געוועז פייכט, בלויז פּאַטער גיזעלהער'ס אויגען זיינען פאַרבלי־בען טרוקען.

פּאַטער גיזעלהער איז צוגעגאַנגען צו דער טויטער און אַזוי געזאָגט: — איך קוק אויף דיר און זעה דיך ניט צום לעצטען מאָל. איך וועל דיך ווידער זעהן אויבען, אין הימעל.

מען האָט די טרונע פאַרמאַכט, ארויסגעטראַגען און אַרויפגעשטעלט אויפ'ן וואַגען. דער יונג האָט אַ זאָג געטאָן: — וויאָ! — און דאָס ווייסע פערד האָט אָנגעהויבען צו טרע־טען אין שניי.

צוזאַמען מיט'ן וואַגען האָט געשפּאַנט דער אַלטער גי־זעלהער; אונטער איהם — די קינדער און אונטער זיי — אַ לאַנגע רייהע פון זקנים און זקנות און אונטער אַלעמען — איך.

מאַרי און אַ קליין קינד זיינען פאַרבליבען אין הויז. — זיי געזונד, מאַרי, — האָב איך שטיל געזאָגט און אַ קוק געטאָן אויף איהר. זי האָט געהאַט גאָלדענע האָר און בלויע אויגען...

דאָס ווייסע פערד האָט זיך געשלעפּט אין שניי און ביי יע־דען טראָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. די קינדער זיינען אונ־טערגעשפּרונגען און די' זקנים און די זקנות, איינגעוויקעלט אין טיכער, האָבען אונטערגעלאָמט.

אַ לייכטער שניי האָט גענומען שיטען.

דער וועג איז געווען באַרג־אַראָפּ.

מיט אַמאָל האָט זיך פון דער ווייט דערטראָגען דער אומע־טיגער גלאָקען־קלאַנג.

די קינדער האָבען אָנגעהויבען ביטער צו וויינען.

איך האָב פאַרדעקט מיין פּנים מיט די הענט און זיך צע־וויינט, ווי די קינדער.

איך האָב געוויינט שטיל, אַז קיינער זאָל מיך ניט הע־רען. שטיל און אונאויפהערליך האָב איך געוויינט, און, וואָס מעהר איך האָב געוויינט, אַלץ לייכטער איז מיר געוואָרען אויפ'ן האַרצען; מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך וועל שוין קיינ־מאָל ניט אויפהערען וויינען.

פאַר מיר האָט זיך געצויגען די פּראָצעסיאָן; די זקנים,

זקנות, קינדער און די טרונע. א לייכטער שניי איז געפאלען פון הימעל.

און פונ'ם טאָל האָט גערופען דער גלאָק.

און איך האָב געוויינט, אלץ שטארקער און שטארקער גע־וויינט און געוויינט. . . . .

. . . .

.38

פריהלינג. עס קומט זומער. וואוינט קיינער ניט אין דעם הויז? ניין.

די שויבען — צובראכען, פיעל לאָדען זיינען פארמאכט און שוואלבען בויען אויף זיי זייערע נעסטען.

דער זומער פארגעהט; עס קומט דער הערבסט.

וואוינט קיינער ניט אין דעם הויז? ניין.

עס קומט דער ווינטער. א שטומער שטעהט אין וואלד דער שלאָס.

עס קומען מענשען, קלאפען, קלאפען...

קיינער וואוינט ניט אין דעם הויז.

ניין! —

ווי איז פאריבער דער יאהר? איך וועל עס קיינעם ניט דערצעהלען. ניין, קיין איין־איינציגען מענשען וועל איך עס ניט דערצעהלען. ער איז פארשוואונדען פון מיין זכרון, אָט דער יאהר. איך האָב אלץ, אלץ פארגעסען און איך געדענק שוין קיין זאך ניט. איך ווייס בלויז, אז איך האָב זיך איבעראל ארומגעשלעפט, זארגפעלטיג אנגעטאָן און ראזירט, איך ווייס בלויז, אז איך בין שטענדיג געזעסען איבער ביכער. אבער, וואס האָב איך געטאָן אין די נעכט? דאָס האָב איך פארגעסען. איך האָב פארזעצט אין גארטען א בעעט מיט רויזען, — אין דעם קען איך זיך מודה זיין, ווי איך קען זיך אויך מודה זיין, אז אין די ווייסע צימערען האָט אין די נעכט געברענט א לאָמפ. טייל מאָל. ניט אלע נאכט. איך בין זיך אויך מודה, אז טייל־מאָל אין די נעכט בין איך געשטאנען ביים פענסטער און איינ־

געקוקט זיך און געוואַרט. איבריגענס, ניט אַלע נאַכט. עס זיינען אַפילו פון צייט צו צייט געשטאַנען פרישע בוקעטען אין די ווייסע צימערען.

איך קען זיך, ענדליך, אויך מודה זיין אין דעם, אַז דעם פינף־און־צוואַנציגסטען מאַי האָט אַ גאַנצען טאָג און אַ גאַנצע נאַכט געברענט אַ ליכט אין מיין דונקעלען צימער און איך... ניין!

איך האָב ניט שפּאַצירט אין פּאַרק, איך בין אין ערגעץ ניט אַרויס פון הויז. קיין שום פאַרלאַנג ניט געהאַט דערצו.

די אַריינגאַנגס־טיר פון הויז איז געווען פאַרמאַכט. קיינער איז אין איהר ניט אַריין.

דער אַלטער מאַרי און דעם גלח האָב איך געגעבען אינסטרוקציאָנען און זיי האָבען זיך אונטערגעוואָרפען אונטער זיי.

איך האָב געזעהן אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט אויפ'ן באַרגיגען וועג. קיין זאַך האָט מיין אויג ניט דורכגעלאָזען, אַלץ האָט עס באַמערקט.

אין איין שעהנעם טאָג האָט זיך אויפ'ן באַרגיגען וועג באַוויזען אַ הערר אין אַ רייזע־אַנצוג און אַ דאַמע מיט העלרויטע האָר. זי האָט אויך געטראָגען אַ רייזע אַנצוג. איך האָב געזעהן, ווי זיי זיינען צוגעגאַנגען; איך בין געשטאַנען אונטער דער טיר; מיין האַרץ האָט זיך געשראָקען. זיי האָבען גענומען קלאַפּען, קלאַפּען. מיין שרעק איז געוואָרען גרעסער, מיין האַרץ האָט אויפגעהערט צו קלאַפּען, איך האָב איינגעהאַלטען דעם אָטעם. ניין, איך האָב מעהר ניט קיין שום געמיינזאַמעם מיט מענשען, איך וועל שוין קיינמאָל ניט קענען זיין אָפענהערציג מיט אַ מענשען, אַפילו ניט מיט מיין פריינד קאַרל; שוין מעהר קיינמאָל ניט אין לעבען!

דער הערר האָט געזאָגט:

— האָט ער ניט אָפּגערייזט? — די דאַמע האָט געענטפערט: — זיכער ניט.

דערנאָך האָט זיך ווידער דערהערט די שטימע פון דעם הערר:

— מיר ווילען עס דורכשטופען דורך דער טיר. איהם וועט עס זיין זעהר אנגענעהם.

אין א פאר רגע'ס ארום האָט עמיץ דורכגעשטופט צייטונ־גען. עס האָבען זיך באוויזען דינע, בלייכע פינגער־שפּיצען.

די דאמע האָט שטיל געזאָגט:

— מיר טוט וועה דאָס הארץ פאר איהם.

זי האָט דאָס געמיינט מיך... מיר האָט עפּעס צוזאמענגע־קוועטשט דעם האלז.

דאָס זיינען געווען גרויסע ענגלישע צייטונגען. א וויזיט־קארטעל איז געלעגען צווישען זיי. „מיר קומען נאָר וואס פון לאנדאָן. א הערצליכען גרוס."

איך האָב דורכגעלעזען די צייטונגען. „טריסטאן און אי־זאָלדע" — הערר גונט — אינגעבאָרג גונט גיזעלהער.

באגייסטערונג, טריאומף! —

מעהר איז קיין זאך ניט פאָרגעקומען אין דעם יאָהר. איבריגענס, ס'איז אָנגעקומען א בוך פון קארל'ן.

נאָך וואס — די אייכען־בוימער האָבען גערוישט, געוויגט זיך און געלאכט! — דאָס איז אלעס!

א יאָהר איז פאריבער.

איך האָב פארגעסען ווי אזוי. דערנאָך האָב איך ווידער גענומען קוקען אויף דער וועלט מיט אנדערע אויגען.

ווידער איז דער פריהלינג געקומען. ווידער געקומען.

39.

פריהלינג.

איך זיץ אויפ'ן פליגעל פון מיין הויז און רויכער א קליי־נע לולקע. פרעהליך הויבט זיך פון דער לולקע דער רויך. די זון לייכט, גרין איז די וועלט, גרין און דורכזיכטיג, ווי גלאָז, זיינען לאָנקע און די בלעטער פון די אייכען־בוימער. בלוי און דורכזיכטיג גלאָז, איז דער הימעל. די זון לייכט. פייגעל זינגען. טוי טריפט פון די בוימער.

איך רויבער מיין לולקע און שמייכעל.

הערליך איז די וועלט! שעהן איז דאָס לעבען!

באַלויכטען און גרין ליגט פאַר מיר אויסגעשפּרייט דער טאָל.

פון וואַלד וועהט אַ קליינע פאָהן.

אויפ'ן וועג בליהען די עפּעל־בוימער. אַ וואַנדערער שלעפּט זיך איבער'ן וועג, אַ געלער באַנד אויף זיין הוט גלאַנצט, ווי אַ רייף פון אַ קרוין.

„רוה און שעהנהייט נידערט פון הימעל אַראָפּ אויף דער ערד," טראַכט איך ביי זיך. די זון גיסט הייסען וויין פון בע־כערס אויף דער גאַנצער וועלט, ווי פריהער.

איך שמייכעל.

עס קלינגט אין וואַלד, אין טאָל.

פון באַרגיגען וועג לאָזט זיך אַראָפּ אַ מיידעל — אַ שלאַנק פויעריש מיידעל; מיט אַ ווייס טיכעל האָט זי פאַרבונדען דעם קאָפּ, אַ פּעקעל האַלט זי אין דער האַנט. גאָלד שטראָמט פון אונטערן טיכעל אַרויס.

זי נויגט זיך צו מיר, איהרע ציין און אויגען גלאַנצען.

קינד, קינד, וואָס פינקעלסט דו מיט די אויגען און וואָס שמייכעלסט דו? מעגליך, דו געהסט אין וואַלד אַריין אויס־זוכען דיר אַ געליעבטען? ס'איז פריהלינג, היט זיך, מיין טייערע!

— גוט מאָרגען! — שרייט דאָס מיידעל מיט אַ קלינגענ־דיגער שטימע.

איך שטעל זיך אויף. די שטימע —

וואָס האָט עס מיט אַמאָל דאָס בלוט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין?

און איך שמייכעל און לאָז אַרויס אַ געשריי, ווי אַ פאַלק, וואָס שוועבט אין דער לופט.

איך געה אַריין אין הויז און רייס אַרויס פון מיין קאָפּ אַלע גרויע האָר.

. . . .

דעמערונגען נידערען אויפ'ן טאָל; אַלץ איז שטיל, עס שלאָפט דאָס דאָרף.

איך זיץ ביים קוואַל, וואָס שטראָמט ווייט אונטער דעם דאָרף, דאָרט ביי דעם געצעלט.

דער קוואַל רוישט און מיין האַרץ ציטערט.

אַ מיידעל געהט אַרויס פון געצעלט מיט אַ קרוג אין דער האַנט.

איך שטעל זיך אויף.

— גוטען אָוועגד, מאַרי!

דאָס מיידעל ציטערט אויף און קוקט זיך איין פון אונטער'ן טיכעל. אויפ'ן טיכעל — העל־בלויע שטערען.

גאָלד שטראַלט פון אונטער'ן טיכעל.

— גוטען אָוועגד, שוואַגער.

— אַ שעהנער אָוועגד, מאַרי.

— יאַ!

— ווי גוט איז איצט, מאַרי! ס'איז פריהלינג. איך בין אַהער געקומען כדי דורכצורייידען זיך מיט דיר. אַ דורכגעהער האָט מיר געזאָגט וואו דו וואוינסט איצט.

אפשר וויל איך איהר זאָגען עפּעס וועגען אינגעבאָרג? — ניין, ניין! לאָמיר ניט רייידען וועגען אינגעבאָרג. לאָמיר רעדען וועגען אונזביידע, כאַ־כאַ!

אָבער אַזוי ווי דו רעדסט וועגען אינגעבאָרג, קען איך דיר אויך עפּעס מיטיילען וועגען איהר. זיי שטאָלץ מיט דיין אינגעבאָרג; דו הערסט? זי איז דאָך דיין שוועסטער! אַלע פאַרעהרען זי, בויגען זיך פאַר איהר. — אָבער לאָמיר ניט רעדען וועגען איהר, לאָמיר רעדען וועגען אונז ביידען!

מאַרי גיסט אויס דאָס וואַסער פון'ם פולען קרוג; קלינגענדיג זינגט און לאַכט דאָס וואַסער.

וואָס פאַרלאַנג איך?

רעדען מיט איהר!

פון געצעלט הערט זיך אַ שטימע:

— דער באַלעבאָס רופט.

מאַרי געהט אָוועק.

אין וואַלד ליגט אַ קליין פעלד, מאַרי אַקערט עס; די קוה שלעפּט דאָס אַקער־אייזען.

איך געה ארוים פון וואלד מיט'ן ביקס אויפ'ן אקעסל.

— אַט בין איך ווידער דאַ, — זאָג איך מיט א פרעהליכער שטימע. אונבאצוואונגען און יונג מאך איך מיין שטימע.

מארי שווייגט.

— ניט לאַנג צוריק האָט דער באַלעבאָס בעשטערט — כאַ־כאַ! א שעהנער טאָג היינט, ניט אמת? די גאנצע וועלט לאכט.

איך קוק ארונטער אונטער מארי'ס ווייסען טיכעל.

יאָ, איך בין צו איהר געקומען, ספעציעל צו איהר, זאָג איך, און לייג צארט מיין האנט אויף איהר אקעסל.

צושראקען קוקט מארי אויף מיר; עפעס גלאַנצט אין איהרע אויגען.

יאָ, איך בין ספעציעל צו איהר געקומען.

— איך האָב דיך ליעב מארי. גלויבסטו עס?

גיך לאָזט מארי אראָפ דעם קאָפּ. העל־בלויע שטרערענדלעך זעהען זיך אויף מארי'ס טיכעל.

— איך האָב דיך ליעב, מארי, — וואָס זאָגסטו דערצו? קיינמאָל — קיינמאָל האָב איך א מיידעל ניט אזוי היים ליעב געהאַט.

איך זאָג דאָס גאַנץ שטיל און שמייכעל ניט מעהר. מיינע אויגען זיינען פייכט.

— גאָט איז מיט אייך, פריץ —

— כאַ—כאַ, דו הערסט ניט, וואָס איך זאָג דיר? דו וועסט אריין אין מיין הויז און ווערען די הארין, מארי. זאָג בלויז —

מארי קוקט אויף מיר און איהר פנים ווערט בלייך, ווי איהר טיכעל.

שטיל איז ארום. א פויגעל זינגט. פון דער ווייטען שפילט א פאסטוך אויף א פייפעל.

דו—דו־דו־דו—דו־דו — קלינגענדיג רופט צו ליעבע און גליק.

פאמעלעך טרעט מארי צוריק, ווי זי וואָלט זיך געשראָקען פאר מיר.

איך שמייכעל.

— דו ביסט בלייך געוואָרן, מארי. איך האָב דיך אי־בערגעשראָקען. ווי אומגעשיקט אין בין.

איך בעט זי זאָל מיר געבען איהר האנט.

— ניין, ניין!

מארי טרעט אָפּ אויף צוריק. זי באטראכט זיך, לאנג באטראכט זי זיך, אַז מיר ווערט אזש שווער. ענדליך הויבט זי אָן רעדען און דאָס בלוט קומט צוריק אין איהרע באַקען

— איך בעט אייך, געהט אוועק, דאָס איז אונמעגליך, — זאָגט זי גיך. — זעהט אליין, איך בין אַ דיענסט און איהר — אַ פירשט, איהר האָט אַ שלאָס, וועלדער, פעלדער —

ליעב און צערטליך רעדט מארי.

— כא־כא! — לאַך איך.

איך גיב אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ און געה אוועק. אַ געדאנק האָט דורכגעבליצט דורך מיין קאָפּ.

— צום ווידערזעהן, מארי. — איך פארשווינד אין וואלד. מען דאַרף ניט זיין אזוי ציטערדיג מיט מיידלעך, מיט גע־וואגטקייט און שנעלקייט איז מען שטענדיג ביים ציעל.

איך קעהר זיך אום אהיים. איך שרייב אַ בריעף און פארשטעמפּעל איהם מיט מיין הערב.

איך געה ארויס אויפ'ן הויף מיט'ן בריעף. איך געה צו צום קיך און קלאַפּ אָן.

דער גלח געהט ארויס און נעמט אראָפּ דעם הוט.

איך זאָג צו איהם: — זעהסט דעם בריעף? טראָג איהם אוועק אין שטאָדט אריין. ער איז אדרעסירט צום נאָטאַר. פארליר איהם ניט, פאר דיר איז אויך עפּעס באשטימט אין איהם. איך האָב דיך אמאָל באליידיגט פאר אלעמען אין די אויגען, איך האָב עס ניט פארגעסען — אויסער דעם, האָסטו שטענדיג אזוי ליעב געגלעט פּאַצאָ'ן. איך האָב דאָס באמערקט. די אלטע מארי האָב איך אויך ניט פארגעסען. אייל זיך צו.

נאכט. אַ פינסטערניש פארדעקט די וועלט, העל איז אין הימעל; מיט שטערען לייכט דער הימעל.

איך זיץ אויף דער באנק אונטער'ן בירקען־בוים און קוק אויפ'ן שלאָס.

איך שמייכעל. א קליינע פרייד. הערסטו דען, וואָס עס קלאַפּט אין מיין האַרץ?

איך טראַכט וועגען א קליינעם געצעלט אין וואַלד. איך טראַכט וועגען א פּנים׳ל ביים שיין פון ליכט. ווי גוט וועט זיין, ווען איך וועל האָבען א רעכט צו קוקען אויף דעם פּנים.

געדאַנקען שוועבען דורך דורך מיין קאָפּ. ווי שעהן זיי־נען פרויען.

איך קוק אויף אַלע פענסטער פון שלאָס. מען זעהט נאָך קיין זאַך ניט.

מיט אמאָל ווערט ליכטיג איין פענסטער, א צווייטעס, א דריטעס. שויבען קלינגען און עס רייסט זיך ארויס א פלאַם.

אין פייער איז דער שלאָס.

מיט אמאָל עפענט זיך די טיר און מיט א גרויס געשריי לויפט ארויס א פיגור אין איין העמד. דאָס איז די אַלטע מארי. שרייענדיג לויפט זי איבער דער לאָנקע, איבער׳ן וועג, זי לויפט אין וואַלד אריין. מיט א רויטען פייער לויכט דאָס העמד און עס וואַרפט זיך ארום איהרע דאַרע פיס.

איך האָב אינגאַנצען פארגעסען אָן איהר.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

א הערליכער פריהמאָרגען. דער רויך לעגט זיך איבער׳ן וואַלד.

איך גיה ארויס פון וואַלד אויף דער לאָנקע; מארי אקערט.

— אָט בין איך, מארי!

מארי פאַרדעקט דעם פּנים מיט׳ן פארטוך און צויאַמערט זיך. „אוי, הערר, הערר, וואָס האָט איהר געטאָן?

— זעהסטו שוין איצט, אז איך האָב דיך ליעב? — פרעג איך שטיל. — איך בין גראָז אונטער דיינע פיס.

— אוי, הערר, וואָס האָט איהר געטאָן?

אונמעכטיג שטעה איך פאַר איהר. די קוה דרעהט אום דעם קאָפּ און קוקט אויף מיר. א פויגעל זינגט. ווי נעכטען, הערט זיך איצט פון דער ווייטען א פּאַסטוכ׳ס פייפעל.

— הער זיך איין, מארי, — זאָג איך, — וויין ניט. ס׳אַרא גוט האַרץ האָסטו פאַרט, מארי. איך האָב דיך ליעב — נו — ?

מארי וויינט אין פאַרטוך אריין.

— אוי, הערר, הערר, וואָס איהר האָט דאָ אָפּגעטאָן?

— באַרוהיג זיך, מאַרי. זעהסט, איצט וועלען מיר האָבען א שטיבעל, א קוה. גוט וועט אונז זיין.

מאַרי שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

איך פיהל, ווי איך ווער בלייך. עפּעס בליצט דורך מיין קאָפּ.

איך זאָג:

— זאָג, מאַרי, וואָס איז עס מיט דיר? דו קענסט מיך ניט ליעב האָבען? איך האָב עס איצט באַמערקט נאָך דיינע אויגען, איינגעבאָרג — כאַ־כאַ־כאַ, וואָס זאָג איך? — מאַרי —

מאַרי שאָקעלט דעם קאָפּ.

— אָ, הערר, הערר.

שווייגענדיג שטעה איך. מיינע ציינער ציטערן. א שרעק נעמט אַרום מיין נשמה.

— זאָג, מאַרי, דו האָסט ליעב א צווייטען? — פרעג איך זי שטיל — זייער אָפּענהערציג.

מאַרי שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— יאָ, — זאָגט זי יאָמערענדיג, — וואָס האָט איהר אָפּגעטאָן, הערר!

— באַרוהיג זיך, מאַרי. אויב אַזוי — זיי געזונט.

— גיב מיר דיין האַנט, מאַרי. ווילסט ניט?

מאַרי נעמט אַרויס די האַנט פון אונטער'ן פאַרטוך און דערלאַנגט מיר.

— זיי געזונט, מאַרי.

איך געה אַוועק. איך מאַך א פּאָר שריט און קעהר זיך אום ווידער צוריק. איך האָב עפּעס אין קעשענע פאַר איהר.

— מאַרי, — זאָג איך, — איך וויל אַלענפאַלס דיר עפּעס שענקען. זאָג, געפעלט דיר דאָס?

איך נעם אַרויס פון דער קעשענע דאָס קליינע גרינע וואַזעלע.

— אָט נעם עס דיר. דו קענסט אין דעם אַריינשטעלען בלומען, וואָס דיין געליעבטער וועט דיר שענקען. ווילסט עס ניט?

מארי נעמט ארויס א שעהנע, פארברענטע האנט פון אונטער'ן פארטוך און איך גיב איהר דאָס וואזעלע.

— זיי געזונט, מארי!

איך קוק אויף איהר נאָך אמאָל — דערנאָך געה איך אוועק אין וואלד.

איך קוק זיך אום. מארי שטעהט נאָך מיט'ן פארטוך בײם פנים.

די צווייגען פארדעקען זי.

איך געה ארויס אויפ'ן וועג און לאָז זיך ארונטער אין טאָל. די זון געהט אויף פון אונטער'ן בארג.

איך געה און איך געה. פיעלע גערדאנקען שוועבען ארום אין מיין קאָפּ. איך געה אלץ ווייטער און ווייטער. איך בין נאָך אביסעל טרויעריג, אבער גיך וועט דאָס פאריבער.

איך געה מיט גיכע טריט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך וואוין איצט אין א סטעפּ, וואו בלענדענדיג שיינט די זון און דאָס מינדסטע גרעזעל ווארפט א שארפען שאָטען פאר זיך.

עס איז נאכט. איך ליג אין גראָז מיט הענט פארלייגט אונטער'ן קאָפּ און קוק אויף די שטערען, וואָס שווימען אין הימעל. און א שטערען אויפ'ן צפון-מעריב'דיגען הימעל זעה איך.

נאכט. מען הערט קיין קלאנג אין דער סטעפּ, פייערליך און הערליך שיינען די שטערן אין הימעל. דער טוי נידערט אראָפּ אויף דער ערד.

ע נ ד ע.